STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06593

# FARGESENE NIGUNIM

B. Gorin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. גאָרין
(י. גוידא)

# פערגעסענע נגונים

ערשטער באַנד.

## יום טוב'דיגע ערצעהלונגען.

פערלאַג ב. גאָרין, 77-79 בויערי, ניו יאָרק
1919.

Copyright by B. Gorin, 1919.

# אינהאלט:

## פסח


זייט

די סימנים — 7
פסח — 13
דער ערשטער סדר — 18
מצה דעם פריץ — 30
חול המועד — 35
פערשטערטע קניידלאך — 40
דער סדר אין דער נייער היים — 49
ויהי בחצי הלילה — 57
דער חלום — 63
והוא רחום — 72
ספירה — 75


## שבועות


שבועות — 79
ווען דער הימעל שפאלט זיך — 84
געגעסען די בלינצעס — 88
ניין טעג — 91
סליחות — 95


## ימים נוראים


ווען א פיש ציטערט אין וואסער — 101
אלול — 109
אפגעפאלענע בלעטער — 111
ה־מ־ל־ך — 115

זייט
מיין ערשטע ענטטוישונג — — — — — — — — — 118
מיין פערשטערטער ראש השנה — — — — — — — — — 122
די געוועזענע שותפים — — — — — — — — — — 131
דער שמש — — — — — — — — — — — — — 136
יום כפור — — — — — — — — — — — — — 139
מיין ערשטער תענית — — — — — — — — — 153
נאך יום כפור — — — — — — — — — — — — 158
ברוך דין האמת — — — — — — — — — — — — 162

## סכות

דער סכות'דיגער קידוש — — — — — — — — — 167
ביט אפגעביסען — — — — — — — — — — — — 174
ווען די קינדערשע יאהרען האבען זיך געענדיגט 179
גשם — — — — — — — — — — — — — — 184
ביים בראקען טאלער — — — — — — — — — 191
אוים יום טוב — — — — — — — — — — — — 195
נאך סכות — — — — — — — — — — — — — 206
שבת בראשית — — — — — — — — — — — — 209
מתתיהו — — — — — — — — — — — — — 212
דאס קריגעלע בוימאויל — — — — — — — — — 216
ערב שבת — — — — — — — — — — — — — 220
שבת — — — — — — — — — — — — — — 228
שלוש סעודות — — — — — — — — — — — — 235
צוקערנע מענשעלאך — — — — — — — — — 238
פורים — — — — — — — — — — — — — 240
דער ערשטער ווארעמער שטראל — — — — — — 246
שבת הגדול — — — — — — — — — — — — 250

# פסח

# די סימנים.

(פון די קינדערשע יאהרען)

שוין עטליכע וואכען פאר פסח האב איך געוואוסט, אז אדער דער שניידער אדער דער שוסטער אדער דער קירזשנער וועט האבען אויף יום טוב אביסעל ארבייט פון מיר און אפשר אלע צוזאמען. א גארניטערל, אדער א פאר שטיוועלאך איז געווען עפעס ניט קיין קלייניגקייט אין יענע מקומות, וואו איך האב מיינע בעסטע קינדער יאהרען פערבראכט. דאס איז געווען א גאנצע געשעהעניס. האסטו אנגעטהאן א נייעם גארניטערל, האט יעדער איינער געקאנט זעהן, אז דאס איז ערשט פון נאדעל ארויס און האט עס בעטראכט פאר א ניט געוועהנליכע זאך. עלטערע מאנסביל, דעם טאטענס אדער מאמעס קרובים אדער זייערע גוטע בעקאנטע האבען זיך אפגעשטעלט און געוואונשען דיר א „התחדש“ און אויסגעדריקט דערביי א פרייד, אזוי ווי מי יודע וואס עס וואלט געשעהן. עלטערע ווייבער, קרובות אדער בעקאנטע האבען צוגעווינשעוועט: „געזונד זאלסטו טראגען“, אדער „פערניץ געזונד“. חברים האבען גערעט פון „אבנעץ“ געלט. מיט איין ווארט, א נייער בגד'ל האט געמאכט א גאנצען רושם.

און שוין עטליכע וואכען פאר פסח האב איך געוואוסט, אז איך וועל זיך אויף יום טוב מיט עפעס „התחדש“ זיין. און געוואוסט האב איך עס ניט מחמת עס איז א מוז צו מאכען אויף יעדען יום טוב א נייעם בגד, ניין, דאס דוקא ניט. ביי אונז אין שטעדטיל האט יעדער בעל הבתישער איד געהאט זיינע שבת'דיגע און יום־טוב'דיגע בגדים פון דער צייט וואס ער איז צו דער חופה געגאנגען. זיי זיינען דערויף געווען שבת'דיגע און יום טוב'דיגע בגדים,

אז זיי זאָלען געדויערען לכל הפּחות אַ האַלבען לעבען. אויך ניט פון עפּעס אַן אָנצוהערענים — פּערקעהרט, די מאַמע האָט דעם גאַנצען ווינטער גערעט וועגען דערלעבען „אַריינצובּרענגען דעם פּסח אין שטוב" מיט אַזאַ קול, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ צווייטער קריעת ים סוף, און איהר פּנים איז דערבּיי געווען אַזוי פערקלערט און פערזאָרגט, אַז איך האָב זיך דערפון געדאַרפט אָנשטויסען אַז קיין בגדים׳לאַך וועלען ניט זיין. די מאַמע האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע שטענדיג צו זאָרגען, און נאָך איידער זי האָט מיך רעכט אָנט־וואוינט, האָט זי אָנגעהויבען צו דאגה׳ן וועגען מיין פּריזיוו, ווייל איך בין קיין בכור ניט געווען און האָב קיין ליגאַטע ניט געהאַט.

נאָר איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל זיך מיט עפּעס התחדש זיין, און שוין עטליכע וואָכען פאַר פּסח בין איך דערין געווען זי־כער. מיר חדר אינגלאַך האָבען געהאַט אונזערע אייגענע סימנים. עס האָבען זיך בעוויזען קליינע ווייסע פלעקען אונטער די נעגעל אויף אַ פּאָר פינגער, און דאָס איז אַ כלל גדול, אַז קוים בעווייזט זיך אַ בליהונג אונטער׳ן נאָגעל, בעדייט עס אָדער אַ נייעם גאַר־ניטערל, אָדער אַ פּאָר שטיוועלאַך און אפשר ניט מעהר ווי אַ נייע היטעלע. און פערשטעהט זיך, אַז דאָס קאָן קומען נאָר אויף יום־טוב, אין מיטען ווינטער אָדער אין מיטען זומער וועט מען קיין נייע בגדים ניט מאַכען.

די ווייסע בליהונג איז געווען דייטליך גענוג, נאָר ווען עס איז געקומען צום ריכטיגען אויסטייטשען, וואָס יעדע ווייסע פּינ־טעלע בעדייט איז געוואָרען אַ חלוקי דעות. אפילו שלום פון דער גרעסערער כתה, אַ אינגעל מיט אַ נייגונג צו חקירה און דערפאַר טאַקע האָבען מיר זיין נאָמען געלאָזט, ווי ער איז, אָהן אַ פערקלע־נערונג און אָהן אַ פערצוויגענקייט, — אפילו אַט דער כמעט־חקרן האָט ניט געקאָנט בעשטימען ריכטיג, וועלכע פּינטעלע בעדייט אַ גאַרניטער און וועלכע אַ פּאָר שטיוועלאַך און וועלכע ניט מעהר ווי אַ היטעלע.

די שמחה פון בענייען זיך מיט עפּעס אויף יום טוב איז ניט סתם אַ פרייד פון האָבען אַ נייעם מלבוש. דער אמת איז, אַז איך האָב זיך קיין מאָל ניט געפיהלט אַזוי אונגעלומפּערט, אַזוי שעמעוו־

דיג, אזוי אונבעקוועם, ווי ווען איך האָב אָנגעטהאָן אַ נייעם גאַר־ניטערל. מיין מאַמע, געזונד זאָל זי זיין, איז ניט נאָר אַן אויס־געדעכענטע אידענע נאָר איהר פּראַקטישער שכל פערלויפט אַפּילו דעם וועג איהר אויסגערעכענטקייט. ווען מען האָט געגעבען נייעהען עפּעס אַ בגד'ל פאַר מיר, האָט זי שוין אַכטונג געגעבען, אַז ער זאָל זיין ניט נאָר געראַם נאָר טאַקע ברייט און לאַנג. און עס איז ניט געווען דער שניידער וואָס האָט מיר גענייהט אַ קאַפּאָטקע, אַז ווען ער האָט שוין געבראַכט דעם פאַרטיגען בגד, זאָל זיך צווישען דער מאַמען און איהם ניט אָנהויבען אַ סכסוך. ער האָט מעשה קינסטלער, מיט אַ געניטער האַנט, וועלכע האָט זיך כמעט ניט בע־וועגט, מיך אַרומגעדרעהט מיט'ן פּנים און מיט'ן רוקען און מיט יעדען זייט בעזונדער צו דער מאַמען און אַליין בעוואונדערט זיין אַרבייט, בעמערקענדיג מיט התפּעלות: „אַ בגד'ל, האַ? ווי אויסגע־גאָסען!" און דערביי מיט דער צווייטער האַנט געגלעט מיט ליעבע דעם קאָלנער, די קליאַפּעס, די אַרבעל. און די מאַמע איז געזע־סען מיט פערלעגטע הענט און מיט אַ קריטישען אויג עקזאַ־מינירט יעדען טהייל פון דעם בגד בעזונדער, און זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צו מיר, אַ טאַפּ געטהאָן אונטער אַ פאַכווע און געזאָגט קורץ:

— דאָ איז ענג.

— ניין, מאַמע, — שריי איך אויס, — עס איז ניט ענג, און דעמאָנסטריר דערביי מיט דער האַנט און הויב אויף און לאָז איהר אַרונטער.

דער שניידער שווייגט אויך ניט. ער לעגט אַרונטער זיין האַנט אונטער דער פאַכווע און מאַכט אַ ברייטען פאַלד.

— אַט דאָס הייסט ביי אייך ענג? איהר ווילט דאָך ניט אַז איך זאָל איהם אויפנייהען אַ זאַק!

די מאַמע ווערט ניט נתפּעל דערפון און שענקט איהם אַ בליק־קעלע, וואָס זאָגט קלאָר און דייטליך, אַז נייהען קאָן ער אפשר, אָבער קיין שכל האָט ער ניט כי הוא זה. ווי פערשטעהט ער דאָס ניט, אַז אַ קינד וואַקסט, און אַ בגד וואַקסט ניט מיט.

און זי גיט זיך גלייך אַ כאַפּ צו די אַרבעל.

— נו, זאָגט אַליין, ווער מאַכט עס פּאָר אַ קינד אַזעלכע קורצע אַרבעל. מירצעשעם, איבער אַכטאָג וועלען זיי שוין קאָם דערגרייכען צו די עלענבויגען.

דער שניידער וויל בשום אופן ניט נאָכגעבען, אַז די אַרבעל זיינען קורץ, און איך האַלט שטאָל און אייזען מיט איהם, נאָר דאָס העלפט אונז ווי דער פּאָר אַ יאָהריגען שניי, און דער סוף איז, אַז די אַרבעל אין מיין נייען בגד פערשטעלען כמעט דעם גראָבען פינ־גער און איך פיהל זיך אומגעלומפּערט און די ערשטע צייט, דאַכט מיר, אַז אַלע קוקען אויף מיר און לאַכען פון די לאַנגע אַרבעל.

נאָר דאָס איז שוין העט־העט שפּעטער, דערוויל אָבער עפּענט די אויסזיכט פון אַ בענייאונג אויף עפּעס אַ קוואַל פון אונגעהערטע פערגעניגענס.

דער גרעסטער פערגניגען איז ניט פון אַ בגד נאָר פון נייע שטיוועלאַך. דער שניידער איז עפּעס אַ קאַלטער נפש, אַ פּער־קלערטער, אַ פערטראַכטער, מיט איהם קאָן מען זיך ניט חבר'ען, און מיט זיינע געזעלען איז מען קיין מאָל ניט זיכער, צו זיי לאַכען פון דיר הינטער דעם רוקען צו ניט. אָבער מיין שוסטער איז גאָר אַנדערש. געהייסען האָט ער חילקע און מיט איהם האָט מען גלייך געקאָנט ווערען אַ פּאַניבראַט. ער איז קיין מאָל ניט געזעסען שטיל: אָדער ער האָט געלאַכט, אָדער ער האָט געזונגען, אָדער ער האָט געזאָגט תורה־ווערטלאַך, אָדער געטייטשט עברי. ער איז געווען אַזאַ לאַכעדיגער, אַז ווען ער האָט אויסגעטהאָן זיין קאַפּאָטע און מען האָט אַ קיצעל געטהאָן דאָרטען וואו עס דאַרפען זיין די פּאַכוועס, איז ער פערגאַנגען פון לאַכען. ער האָט זיך ניט בענוגענט מיט אַזעלכע געוועהנליכע ווערטלאַך ווי „אגיל ואשמח“ אָדער „כלחוך השור“, נאָר ער האָט געהאַט זיינע אייגענע. אַז ער האָט זיך געשאָלטען אין גוטען מוטה, איז זיין קללה געווען „ויכון בחסד, עס זאָל דיר אַנדרעהען ווי אַ ראָד“, "כל עצמותי תאמרנה, עס זאָל דיר ברעכען און שטעכען“ און דאָס גלייכען.

מיט חילקע'ן האָב איך אויסגעפיהרט וואָס איך האָב געוואָלט. אַז איך האָב איהם פערטרויט, אַז איך וויל מיינע שטיוועלאַך זאָ־

לען סקריפען, האט ער מיר גלייך צוגעזאגט, אז זיי וועלען שוין זיין „עומדים צפופים". אז צווישען די אבסאצען און אויבערסטע פאַ־דעשוועס זאל זיין געפארבט מיט רויטען, האב איך איהם שוין גאר ניט געדארפט בעטען, דאס האט ער אליין געטהאן. נאר דער עיקר איז, אז ער האט מיר ערלויבט צו שלאגען הילצערנע טשוועטש־קעס, ניט אין קיין שיך, נאר אין דעם הילצערנעם ברעטיל, אויף וועלכען ער האט צוגעשניטען די לעדער, און יעדעס מאל וואס איך האב דעם טשוועקעל אריינגעשלאגען מיט איין קלאפ, האט ער מיר צוגעשריען:

— גוט, גוט! א כוואט א יונגעל. אט דאס הייסט וחלקלקות — א גלאטע שטיקעל ארבייט!

עס איז געווען פונקט דריי וואכען פאר פסח ווען די מאמע האט מיך מיטגענומען אין שניט קראם אויסקלייבען סחורה אויף א גארניטער און נאך די זעלביגע וואך האט מען געשיקט נאך חילקען, ער זאל מיר נעהמען א מאס אויף א פאר שטיוועלאך. איך האב געבעטען, אז די כאלאוועס זאלען אויבען זיין ארומגעלעגט מיט רויטען זאמש, נאר אזוי ווי די מאמע האט דערפון ניט געוואלט הערען, האט חילקע צו מיר א ווינק געטהאן און געזאגט:

— דאס איז גד גדוד יגודנו!

אזוי ווי ער האט ניט געפונען פאר נויטיג צו פערטייטשען אזא בפירוש'ען פסוק און אזוי ווי זיין טייטשונג איז געווען אן איינגעשפארטיגע איז מיר ביז היינטיגען טאג ניט קלאר, וואס ער האט דערמיט געמיינט, נאר איך שטוים זיך אן, אז דאס איז שוין געווען צופיעל געבעטען.

און יענע דריי וואכען ביז פסח זיינען געווען פון די גליקליכס־טע אין די קינדערשע יאהרען. דער גאנצער פערשפארטער ווינטער אין חדר איז ווי מיט א רויך פערשוואונדען, די אייזערנע דיסציפ־לין וואס האט אונז געהאלטען ווי צוגעשמידט צוועלף שעה א טאג האט מיט אמאל געפלאצט. מיר האבען זיך פון חדר ארויסגעררי־סען און געאקערט און געזוכט יעדע ארבייט, אבי נאר זי זאל ניט האבען קיין שייכות מיט לערנען. ביי חילקען אין ברעטיל האב איך הילצערנע טשוועקלאך געשלאגען, צום שניידער געדארפט לויפען

זעהן וואו עס האלט מיט מיין גארניטער. פון פאר'ן שטוב האט מען געדארפט דעם גאנצען אייז וואס האט זיך אנגעקליבען און געוואקסען דעם גאנצעןווינטער צוהאקען און אבראמען. מיט וואס פאר א בייזקייט איך האב געקוקט אויפ'ן טאטען און עלטערן ברודער וואס זיי האבען צוגעלעגט א האנט צו דער ארבייט! און ועל כלם געהן אין פאדראד רעדלען מצה. לייבקע דער רעדלער איז געווען א גוטער יונג, און אז מיר איז געלונגען צוצומאכען זיך צום ברודערס פאפיראסען און ברענגען איהם א צעהנדליג, האט ער מיר א רעדעל אין האנט געגעבען און געלאזט שטעכען די מצה און ער האט נאכדעם דעם גאנצען יאהר די גרויסע טובה ניט פערגעסען און דערמאנט וועגען מיין ברודערס פאפיראסען...

און קיין כפוי טובה בין איך ניט געווען...

זאל זיך איהם גרינג סלוקערצען, לייבקען.

די דריי וואכען ביז פסח, וואכען פול מיט קינדערשער טהעטיגקייט, זיינען ווי א זיסער חלום פערשוואונדען. און ערב פסח פאר נאכט, ווען איך האב אנגעטהאן מיין נייען גארניטער, מיט די ארבעל ביז איבער די גראבע פינגער און געראם, זעהר געראם אונטער די פאכוועס, מיט דעם נייען היטעלע, וואס האט געהאט אויבען א קנעפיל אין סאמע מיטען, איז אפשר מיין גרויס נחת געווען אביסעל געשטערט פון מיין אונגעלומפערטקייט און איך בין דורכגעגאנגען אין בית המדרש פון דער טהיר צום אויבען אז ווי דורך א קאסטראי, נאר דערפאר האב איך דעם גרעסטען פערגניגען געהאט פון מיינע נייע שטיוועלאך. דעם גאנצען וועג פון דער היים ביז'ן בית המדרש האב איך מיט דער גרעסטער פלינקייט אויסגעמיטען די קליינע לוזשעס, וואס זיינען נאך געבליבען פון דעם צוגאנגענעם ווינטערדיגען אייז און שניי און קיין פלעק איז ניט געפאלען ניט נאר אויף די שטיוועלאך פון אויבען, נאר אפילו די רויטע פארב צווישען אבסאץ און דער אויבערסטער פאדעשווע האט אנגעהאלטען איהר גלאנץ, און ווען איך האב זיך אנידערגעזעצט אויף אונזער שטאט און געוואלט זיך פערשאפען א נחת רוח האב איך נאר געדארפט א דריק טהאן די פאדעשווע און עס איז געווארען „עומדים צפופים“.

# פסח.

אט שטעהט דער פסח אין מיין שטעדטעל פאר מיינע אויגען.

ערב פסח נאך איידער די זון האט גענומען פערגעהן האט זיך דער מארק אנגעהויבען אבלעדיגען, די סעמערס זיינען פערשוואונדען איינער נאכ'ן צווייטען און צוזאמען מיט זיי דער גאנצער וואכעדיגער הוהא און טאראראם. די קראמען האבען זיך אויך פערמאכט בעצייטענס און מיט זיי זיינען אוועק די לעצטע שפורען פון אונרוהיגקייט און קליינליכקייט.

נאר ביי חנה'לע רב יאסעלעס אין אכסניא האלט נאך אן אן אונגעוועהנליכע שפע. דארטען איז היינט דער אמת'ער יריד, דארטען פערקויפט מען וויין און מעד, און די שפע איז אזוי גרויס, אז אפילו רב יאסעלע, וועלכער מישט זיך וועניג אין געשעפט און די ווייב איז די אמת'ע עקרת הבית, כאפט זיך ניט ווי שפעט עס ווערט, און אהן א קאפאטע, מיט פערקאטשעטע ארבעל מעסט ער און גיסט דעם יין צמוקים אין די גרויסע גרינע בוטלעס.

די חשוב'ע בעלי בתים מיט די מאנטלען פערוווארפען איבער די אקסלען ציהען זיך שוין מיט גיכע טריט איבער'ן מארק צום שוהל, צום בית המדרש, צום קלויז, און די פערשפעטיגטע ארימערע אידען שפאנען מיט די בוטלעס וויין אהיים אין די הינטער־געסלאך און נאך זיי לויפען זייערע קדישים, וועלכע האבען דעם איינציגען טאג אין יאהר אן אומזיסטען כבוד מיט א גאנצע גלעזעל וויין מיט אמאל און טאקע צוליעב דעם צוועק האבען די טאטעס זיי מיטגענומען צום איינקויפען יין של פסח.

אין אן ארימען שטעדטעל איז אלץ געווען א קרן, און א גלעזעל יין צמוקים איז ניט געגאנגען צו־פוס.

בימלעכווייז, בימלעכווייז ווערט דער לעצטער וואכעדיגער

גערודער פערשוואונדענ און א שטילקייט פערשפרייט זיך איבער'ן גאנצען שטעדטיל. די שטילקייט איז אבער אויסגעמישט מיט א בעהאלטענער פרייד, וואס שטראהלט ארוים פון אלע פענסטער. די שטילע פרייד איז אויסגעגאסען אויף די קליינע הייזלאך, אויף די גאסען און אפילו אויף די האלב אבגעטריקענטע שטיינער פון ברוק. איהר פיהלט א מין שטילען טאן, א מין שירה וואס די הייזער און די גאסען זינגען, פאר וואס זיי האבען זיך בעפרייט פון דעם שווערען איינגעקאוועטען שניי און אייז. די מילדע לופט פון אנהויב פריהלינג איז אנגעפילט מיט א זיפץ פון ערלייכטערונג.

די שוהל, דער בית המדרש, די קלויזען זיינען איצט בעגאסען מיט ליכט. דא האט שוין דער יום טוב געקריגען א פרעהליכען קבלת פנים; א ברומען פון פרייד און גליק רייסט זיך אלץ העכער און העכער און פילט אן אלע ווינקעלאך.

גוט יום טוב! גוט יום טוב!

עס צוטראגט זיך דער גוט יום טוב פון שוהל, פון בית המדרש פון קלויז אין יעדען אידענס שטוב. דער יום טוב'דיגער גייסט דארף זיך שוין מעהר ניט שלאגען מיט דער וואכעדיגקייט. די זארגען, דאגות, קאפ-דרעהענים, קלעמענים פון א גאנץ יאהר זייענען ווי פון דער ערד אבגעווישט געווארען, יעדער איד פיהלט איצט די ברייטקייט פון א מלך. אין איילענים האט מען פערגעסען חרוסת אנצוגרייטען, און דער עלטערער אינגעל לויפט אריבער צום רב מיט א קליין טעצעל. דער צייטליכער מלך טהוט אוים די יום-טוב'דיגע קאפאטע און שטעלט זיך מיט א ריב-אייזען ביים אויוען אנרייבען מרור. די מלכה גרייט צו די היסב בעט. אלע פנים'ער שטראהלען, אפילו די טרערען וואס שטעהען ביים מלך אין די אויגען פון דעם געריבענעם מרור נעהמען ניט אוועק דעם אויסדרוק פון פרייד און גליק.

און באלד דערהערט זיך פון אלע אידישע הייזער דער בעקאנטער סקארבאווער נגון פון דער הגדה. וואס ווייטער דערווארעמען זיך מעהר די שטימען און עס וואקסט די בעגייסטערונג. די מעשה'לאך פון דער הגדה טראגען אריבער אין א צויבער-וועלטעל און אלץ וואס ווערט געטהאן און געזאגט אין דעם אבענד בעקומט

עפּעס ניט קיין ערדישען כאַראַקטער. אַלץ איז אזוי אונגעוואוינ־ליך, פאַנטאַסטיש, סימבאָליסטיש.

נח דער מלמד, אן אמת'ע חסיד'ישע נשמה, קען זיך ניט צו־פריעדענשטעלען מיט'ן זאָגען און זינגען אליין. דאָס איז נאָך אַלץ צו טרוקען פאַר איהם. ער דאַרף בפועל איבערלעבען יציאת מצרים און דאַרף פיהלען אזוי ווי ער אליין איז ארויס פון פרעה'ס לאַנד און אַריבער דעם ים טרוקען. זיין אָרימע ענגע שטיבעל ווערט ווי דורך אַ צויבער פערוואַנדעלט אין אַ מדבר. מיט אַ שטע־קען אין האַנט, מיט אַ פּעקיל אויף די פּלייצעס שפּרייזט ער איבער'ן הייסען זאמד. די מולטער וואָס איז צו דעם צוועק אַוועקגעשטעלט אין מיטען שטוב בעקומט אַ פּנים פון דעם גרויסען ים סוף און ער געהט איהם אַריבער טרוקען און ווען ער דערגרייכט צו דער צווי־טער זייט וואַרפט ער אַרונטער זיין פּעקיל און שטעלט אַנידער דעם שטעקען און מיט גרויס הרחבה ציהט ער זיך אויס אויף דעם היסב בעט און זינגט א שבח דעם בורא.

און ווען די פיער כוסות זיינען שוין אויסגעלעדיגט און די הגדה פערמאַכט און שיר השירים אָבגעזונגען און דער איד געהט ארויס אין דרויסען און זעהט די שעהנע קיילעכדיגע לבנה און אַ ריינעם פריהלינגס הימעל אָהן אַ שום וואָלקענדעל, צוגיסט זיך א נחת איבער זיין גאַנצען הארצען. דאָס שיינט אזוי און שטראַהלט אזוי און גיסט אַזאַ צויבערליכען ליכט אונזער לבנה און קיינער האָט זיך נאָך קיין מאָל ניט געפיהלט אזוי יום טוב'דיג, אין אַזאַ וואונדערבאַרער שטימונג, אזוי אויפגעראַמט, אזוי תקיף, אזוי זיכער און אזוי פורכטלאָז, ווי אין דער דאָזיגער נאַכט פון פסח. עס איז פערשוואונדען ניט נאָר יעדע מורא, יעדער פּחד פאַר'ן צווינ־גער און פאַר'ן דריקער און פאַר'ן פיינינגער, וואָס דער לאַנגער און שווערער גלות האָט געגען אונז ארויסגעשטעלט, נאָר אויך פאַר אַלערליי סאָרטען מזיקים און שדים און רוחות וואָס וואַרפען אָז אויף אונז א שרעק דאָס גאַנצע יאָהר. אין דער דאָזיגער נאַכט פון פסח האָבען זיי קיינער אויף אונז קיין שליטה ניט.

און אויף מאָרגען אז מען האָט געעפענט די אויגען, זיינען די גאַסען, דער מאַרק געווען לעדיג. א גרויסע הייליגע רוה האָט זיך

אראבגעלאזט אויפ'ן גאנצען שטעדטיל. מען האט נאר געזעהן ווי פון אלע געסלאך האט זיך א שטראם מענשען געצויגען צום שוהל הויף. דאס גאנצע עפענטליכע לעבען איז איצט קאנצענט־רירט אין און ארום די בתי מדרשים.

א גרויסע נאכפראגע נאכ'ן עסען ווערט אויף א שטיקעלע פייער. א יונגער מאן מיט א פעררויכערטען פאפיראס אדער עלטערער איד מיט א פעררויכערטער ליולקע איז איצט אן עולם ומלואה. מען שטעלט איהם אב אויף שריט און טריט און מען בעט לייהען א שטיקעלע פייער. און איינער איז מזכה דעם צווייטען. שטעהט אן עלטערער איד פאר זיין טהיר מיט זיין ליולקע אנגעפילט מיט טאבאק און קוקט אויס די אויגען אויף א פערבייגעהער, וואס רויכערט. געהט אן א יונגערמאן מיט א פעררויכערטען פאפיראס שטעלט ער איהם אב, נעהמט אהן מחילה דעם פאפיראס פון זיין האנט און שטופט דאס פייער צו זיך אין ליולקע, און דער יינגערמאן ווארט געדולדיג, ביז דער טאבאק צינדט זיך אן, און פערקעהרט, זוכט א יונגערמאן פייער פאר זיין פאפיראס און דערזעהט אן עלטערען אידען מיט א ליולקע שטעלט ער איהם אב און רוקט זיין פאפיראס צו יענעם אין ליולקע אריין און גראבט זיך אין דעם בערגעל אש און אז דאס פייער ווייזט זיך אלץ ניט, העלפט איהם דער עלטערער אויס און הויבט אן ציהען און בלאזען צוריק זיין ציבעק און הגם דער יונגערמאן קריגט אביסעל אש אין די אויגען בעקומט ער אבער אויך דאס פייער וואס ער האט געזוכט און ביידע שיידען זיך צופריעדענע.

אין די ריינע אויפגעראמטע הייזער קומען דערווייל פאר שטילע שמחות. דארטען וואו א זוהן איז פער'קנס'ט איז די כלה מיט די מחותנים פערבעטען און די גרויסע און די קליינע, און די אלטע און די יונגע פערטרייבען די צייט מיט שפיעלען אין וועלשענע ניס. גאר די יונגע מיט פערפלאמטע פנים'ער, מיט א גייציגקייט צו געווינען, חתן־כלה מיט א בושה און שעמעוודיגע בעוועגונגען און די עלטערע מיט אן אפענעם קאמישען שמייכעל פון זיך גופא, וואס מען מאכט זיך נאריש, ווייל ביי אונז אין שטעדטעל איז יעדער־סארט שפיעל געווען פערעכענט פאר א נארישקייט.

די אינגערע אינגלאַך זיינען אויפ׳ן זיבעטען הימעל, ווייל די מיידלאַך און ווייבער ווארפען דעם ראָש אזוי אונגעלומפּערט, אז ער וועט קיין מאָל קיין נוס ניט טרעפען. און דער איינציגער וואָס פערדארבט זייער שמחה איז זייער ברודער דער חתן. ווען ניט ער וואָלטען זיי אָבגעוואונען אלע ניס און זיי מליצ׳ען אין דער הויך, ווען ער שיקט ארויס דעם ראָש, ספּעציעל ווען עס האָט זיך אָנגעקליעבען א גאַנצע פּאַרלאָגע מיט ניס. נאָר אפילו דאָס העלפט זיי זעהר זעלטען. נאָר דערפאר ווען דער חתן אליין טרעפט אמאָל ניט, הויבט זיך אויף אין שטוב אזא געפילדער פון פריידענס־געשרייען, אז מען קען טויב ווערען.

— היינטיגע קינדער! — זאָגט די מוטער און איהר פּנים גלאַנצט פון פרייד. — עס קומט אויס, קוריצאַ יאיצאַ אוטשיט. זיי זיינען קליגער פון אונז. איך געדענק, ווען איך בין נאָך א מיידעל געווען, האָט מען א כלה אויספּרובירט מיט פּראָסטע מיטלען. מען האָט איהר כלומרשט געבעטען העלפען פערנאַנדערוויקלען א פּלאָנטער און אז זי האָט ארויסגעוויזען אונגעדולד, איז דאָס געווען א סימן, אז זי איז א כעס׳ניצע. מען האָט בכיוון עפּעס ארונטערגעווארפען און אויב זי איז פערבייגעגאנגען און ניט אויפגעהויבען עס, איז דאָס געווען א סימן אז זי איז א פוילערקע. היינט וועלען אזעלכע מיטלען גאָרניט העלפען. די קינדער קענען אונז קויפען און פערקויפען...

# דער ערשטער סדר.

## 1.

שוין אַנהויב ווינטער האָט סאָסיע אָנגעהויבען צו ראַרען דער קאָפּ, ווי אַזוי מען וועט אַריינבערענגען דעם פּסח אין שטוב. און הגם זי האָט גוט געוואוסט, אַז דער וואָס שיקט דעם שפּינער זיין פלאַקס און דעם טרינקער זיין וויין און דער וואָס שפּייזט דעם שור הבר און די מילב. וועט זיי אויך ניט פערלאָזען, האָט זי דאָך ניט אויפגעהערט צו רעדען איבערן מאַן אין די טעג ווען ער איז געווען אין דערהיים, ווי אַזוי נאָך אַזאַ ביטערען ווינטער וועט מען כח האָבען אָנצוגרייטען אַלע נויטיגע זאַכען צום גרויסען יום טוב.

פּלטיאל האָט, ווי סאָסיע האָט אויף איהם געזאָגט, פון קיין זאַך דאָס האַרץ זיך ניט אָבגעגעסען און אויף איהרע טענות האָט ער נאָר אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און געענטפערט:

— איך ווייס ניט, וואָס דו דאַגה'סט אַזוי. עס איז נאָך פיוו ראַקו דאַ ראַקו און דו האָסט שוין קיין צייט ניט.

און ער האָט מיט דער לינקער האַנט עטוואָס אויפגעהויבען זיין שווערע היטעל און מיט דער רעכטער אַ קראַץ געטהאָן זיך אין מיטען קאָפּ.

נאָר פונדעסטוועגען האָבען די ווייבס רייד איהם אין גאַנצען רוהיג ניט געלאָזט און דער געדאַנק וועגען פּסח האָט איהם גע־דופּעט.

פלטיאל איז געווען אַ בעל העגלה און איז יעדע וואָך געפאָהרען פון ראַפּשאַנסק קיין ווילנא און צוריק. ער פלעגט געוואוינליך אַרויספאָהרען זונטאָג אין דער פריה און צוריקקעהרען זיך דאָ־נערשטאָג, נאָר אויב דער וועג איז געווען אַ שלעכטער האָט ער קוים

פּאַספּייעט אַנצוקומען אהיים צו לכה דודי. ער האָט ליעב געהאַט אין די טעג וואָס ער איז אין דערהיים געווען, אז אין שטוב זאָל זיין ווי אין אַ בעדיל. ער האָט זיך ערשט היימיש דערפיהלט, ווען ער האָט געקענט ארונטערוואַרפען פון זיך די קאַפּאָטע און עסק׳ענען זיך ארום שטוב אין זיין רויטליכען קאַפּטעל. אָבער אז האַלץ איז אַזוי חריף און מען דאַרף האָבען אין זינען פּסח, האָט ער זיך ניט געקלאָגט, וואָס מען קען ארומטרייבען וועלף איבער׳ן שטוב, און האָט זיך פערקליבען מיט די קינדער אויפ׳ן אייווען און דאָרטען געשפּיעלט מיט זיי אין דוראַקעס, בשעת סאָסיע איז געזעסען איי־בער אַ פייער טאָפּ פאַר׳ן טיש און האָט געפּליקט פערדערען.

סאָסיע האָט זיך ניט בענוגענט מיט׳ן דאגה׳ן אַליין. אַזוי גיך ווי דער ווינטער איז אַנגעקומען, האָט זי אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט געגז און אויב זי האָט דערפון קיין גליקען ניט געמאַכט, האָט זי לכל הפּחות געהאַט גריבענעס אויף עטליכע מיטאָגס פאַר די קינדער צו ברויט און ביסלעכווייז אַנגעקליבען שמאַלץ אויף פּסח.

פּלטיאל האָט קיין איבריגע רווחים ניט געקענט מאַכען. נאָר וויפיעל ער האָט געקענט האָט ער זיך געסטאַרעט, אז אין שטוב זאָל אריינפאַלען מיט עטליכע גראָשען מעהר אַ וואָך. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט צו נעהמען אַן איבריגען פּאַסאַזשיר אָדער אַן איבעריגען פּעקיל, ווען אפילו איהם איז אויסגעקומען אָבצוטרעטען זיין פּלאַץ, און ניט זעלטען איז ער דעם גאַנצען וועג פון ראַפּשאַנסק קיין ווילנאַ און צוריק געגאַנגען צו־פוס פּאַזע וואָגען און ווען דער וועג איז געווען אַ שלעכטער האָט ער זיין אַקסעל צו־געשפּאַרט צום וואָגען און ארויסגעהאָלפען דעם פערד. נאָר דער־פאַר האָט ער געקריגען אַ רגילות צו הויבען אַלע ווייַלע דעם רעכ־טען אַקסעל.

פון איבריגע פּאַסאַזשירען אָדער איבריגע משאות האָט דאַריי־בער קיין רייד ניט געקענט זיין. נאָר איצט האָט ער זיך דערמאָנט, ווען א זוהן לערענט אין אַ ישיבה אין ווילנא אָדער ווען עמענס א טאָכטער האָט חתונה געהאַט אין ווילנא און ער האָט אָבגעזוכט די עלטערן און גענומען קליינע פּעקלאַך, וואָס זיינען בעשטאַנען פון אַ לעבעל ראַזעווען ברויט אָדער אַ קריגעלע פּוטער אָדער אַ

הארטען קען אדער גריבענעס — אזעלכע מאכלים וואס מען קען אזוי גרינג ניט קריגען אין דער גרויסער שטאדט און ער האט דער־פאר געכאפט עטליכע גראשען. געוועהנליך, האט ער זיך נאך אזעל־כע פערדיענסטען ניט געאיגט און אין ראפשאנסק האט מען זיך ביי איהם קוים איינגעבעטען ער זאל אזעלכע פעקעלאך מיטנעהמען. נאר אז מען ערווארט אזא גאסט איז קיין ברירה ניטא.

אבער ווי סאסיע האט ניט געקארגט און געשפארט איז פון די דאזיגע אלע פערדיענסטען גאר ניט געבליבען. דורך די לאנגע ווינטער חדשים איז א קינד קראנק געווארען און מען האט געמוזט אריינרופען דעם פעלשער, וועלכער נעהמט ניט וועניגער ווי צעהן גראשען יעדעס מאל וואס ער קומט, און אין אפטייק רייסט מען ממש די הויט, און ארום פורים צייט האט סאסיע ערקלערט מיט א פערצווייפעלטען קול, אז סיידען דורך א נס וועלען זיי קענען אריינ־ברענגען דעם פסח.

פלטיאל האט איצט גאר ניט געהאט צו ענטפערן אויף דעם. ער האט א שטארקערן ציה געטהאן פון דער ליולקע, וואס ער האט גערויכערט און ארויסגעלאזט א גערויכטערן רויך פון דער ביטערער מאכארקע. סאסיע האט זיך פערהוסט.

— און וואס איז מכח דעם פאדראט? — האט ער געפרעגט.

— איך האב שוין אבגערעדט מיט אפרים'ען: איך וועל זיין א וועלגערקע, וואווקע א וואסער גיסער און מירקע א מעהל שיטערקע.

— פ־ף־ף־ף־ף! האט ער ארויסגעלאזט דעם רויך פון מויל, אפקעהרענדיג בשעת מעשה דעם קאפ אזוי, אז דער רויך זאל ניט געהן סאסיען אין פנים. — שוטה, אויב אזוי, טא וואס דאגה'סטו?

— יא, אבער אויף די קינדערשע פערדיענסטען קען מען ניט בויען. א חוץ דעם, דארף וואווקע א נייע פאר שטיוועלאך, און מירעל א נייע קליידעל. זיי זיינען ניט מעהר ווי קינדער און מען קען ניט פערשטערען זייער יום טוב.

— דאגה ניט, מיר וועלען מיט גאטס הילף האבען א פסח ניט ערגער ווי ביי אלע אידען. שמאלץ האסטו, פאר'ן באקען מצה וועסטו ניט דארפען צאהלען. דו וועסט זעהן, סאסיע, מיר וועלען האבען אזעלכע קניידלאך, אז —

ער האט האסטיג אריינגערוקט דעם ציבעק אין מויל ביים לעצ־טעןווארט, און ניט דערזאגט, וואס פאר א קניידלאך זיי וועלען האבען.

יענע נאכט האט סאסיע לאנג ניט געקענט איינשלאפען. פלטיאל האט אנהויב אבענד געמאכט א חשבון, פיעל זיי וועלען פערדיענען אין פאדראד און זי האט זיך ניט געקענט אב׳חדוש׳ען. ווי קלוג דער אויבערסטער האט די וועלט איינגעארדענט. האט ער געגעבען די אידען א פסח, האט ער אויך געגעבען פאדראטען, אז ארימע לייט זאלען קענען פערדיענען עטליכע זייטיגע רובעל, אז זיי זאלען האבען א יום טוב ווי ביי אלע אידען. אמת, די ארבייט איז א שווערע, מען דארף שטעהן פיערצעהן שעה אין מעל לעת אויף די פיס און וועלגערען און וועלגערען ביז די הענט ווערען געשוואָ־לען און אלע גליעדער ברעכען. אבער מצה וועט שוין א דאנק דעם הענט ניט געוואשענעם ניט פעהלען, און קניידלאך וועלען אויך זיין, און זי איז שפעט איינגעשלאפען מיט דעם רוהיגען געדאנק, אז דער וואס זיצט אויבען וואכט איבער אלעמען.

## אין פאדראט.

### 2.

זיי שטעהען אלע ארום א לאנגען טיש און שאקלען זיך, ווי די שאטענס, די פיס זיינען ווי קלעצער, די הענט ווי בערג, די דא־לאניעס ווי קישעלאך, די גליעדער צובראכען, דער קאפ ווי מיט בליי אנגעגאסען, דאס פנים פערשלאפען, צוקראכען, בלאס, פויל.

ס׳איז שטיל. קיינער חכמה׳ט זיך, קיינער וויצעלט זיך: ס׳הערט זיך נאר א שטילער רוישען פון די וואלגער־העלצלאך און רעדלעך איבער די בלעך פון די טישען און אפט א קרעכץ, א געניץ — א לאנגער געניץ.

ס׳איז שרעקליך היים, אלע פנים׳ער פערשוויצט, נאר קיינער פאכט זיך, ס׳איז שווער אויפהויבען די האנט אבצואווישען דעם שוויים.

מען ענדיגט די לעצטע מיירע פון לעצטען בעל הבית'שען פעקיל, די קנעטערקע איז קוים געפאלען זיצען אויפ'ן בייגקעל, די ווערגערקעס־מיידלאך האבען שוין זייער לעצטע טייגעל גע'פטר'ט. איין סאסיע האלט זיך נאר מיט איהר טייגעל און איהר דוכט, אז דאס איז נאך ניט טייג, נאר אייזען...

די וועלגערקעס זעצען זיך איינע נאך דער אנדערע אנידער, אויף זייער טיש האקט זיך אב די ארבייט: דער רעדלער פיהרט זיך נאך ארום מיט די לעצטע פאר מצות, נאר אט ווארפט ער אויך אוועק דאס רעדעל, גיט פרעהלעך א פויק מיט'ן וועלגער־העלציל איבער'ן בלעך און ציהט זיך אוים אויף זיין באנק, דער איין זעצער בלייבט נאך שטעהן אויף א ווייליע ביים אייוועו.

מען נעהמט ארוים די לעצטע פאר מצות פון אייוועו, דער „מענש“ קלייבט אוים די מצות פון'ם שלאף־באנק, דער זעצער שפארט זיך איין מיט די הענט אין די „באקעס“, גיט זיך א לאנגען „פאטשאי“, און זינגט אוים א „אוי“, אנגעהויבען פון דער העכס־טער אקטאווע און געענדיגט מיט דער נידריגסטער.

מען „ווארפט איבער“ דעם אייוועו, דער זעצער זעצט זיך אויפ'ן ראנ שלאף־באנק, פערלעגט א האנט אויף א האנט, פיפקעט די ליולקע און קוקט פערטראכט אויפ'ן פייעריל.

וואווקע דער וואסער גיסער קריכט אונטער דעם רעדלערס טיש און דרעמעלט דארט איין אויף דער סטאלקע.

חיענקע די מעל־שיטערקע ליגט אנגעשפארט מיט'ן קעפיל אויף א פעקעל און שלאפט הארט.

א שעה איז שטיל. עס ווערט פינסטערלאך, דער בעל הבית פון פאדראט צינדט אן די לאמפען.

די קנעטערקע, וואווקע און חיענקע שטעהען שוין ביי דער מיירע, די וועלגערקעס כאפען זיך אויף, הויבען אן צו מורמלען. ווער ס'האט מעהר כח שרייט העכער.

— דאס איז דאך אן אקציע אין דער וועלט — שרייט איינע: צו בדיקת חמץ זאל מען דארפען שטעהן אין פאדראט!

— אין דער וועלט פערלויפט ניט אזא עולה, צו בדיקת חמץ זאל מען מענשען מוטשען א גאנצע נאכט, — שרייט א צווייטע.

— נו, כו, צו בדיקת חמץ זאָל מען שטעהן אַ גאַנצע נאַכט, ← שרייען און מורמלען אַלע.

דערווייל הויבט זיך אָן די ארבייט, מען באַקט איצט „חיובים". די ארבייט געהט לעבעדיגער, דער רעדלער זינגט אַ וואולגאַרע ליעדעל, מיידלאַך־וועלגערקעס לאַכען, יונגע ווייבלאַך שמייכלען, עלטערע בטל'ען אוים אַלע בייזע חלומות אויף זיין קאָפּ:

— פאַרהאַלושעט זאָל ער ווערען! ס'זינגט זיך איהם — זינגען זאָל ער אַ לעצטען מאָל!

—חאַ, חאַ, חאַ! — לאַכען נאָך העכער די מיידלאַך.

פאַר טאָג איז געוואָרען נאָך פרעהליכער, דער רעדלער האָט געזונגען און געשיט המצאות, די וועלגער־העלצלאַך האָבען פרעה־ליך געקלאַפּט איבער'ן טיש, דאָס רעדעל האָט געקוויטשערט, ס'איז בשום אופן געווען צו דערקענען אז אויף דער שמחה טאַנצען לע־בעדיג־טויטע ברואים.

סאָסיע מיט איהרע צוויי קינדערלאַך, וואָוקע און חיענקע, ווי אויך אַלע איבעריגע, האָבען בעקומען זייערע שכירות גלייך, ווי די ארבייט האָט זיך געענדיגט און זיינען הענדום־פּענדום געלאָפען אהיים אריינברענגען דעם פּסח אין שטוב.

## ערב פּסח.

### 3.

סאָסיע האָט ניט געוואוסט צו וואָס זיך צו כאַפּען פריהער, אַ שפּאָס פּסח! ארבייט איבער'ן האַלז, ווען וועט זי אוספּייען מאַכען אַלץ כשר? לייט האַרעווען וואַכען־לאַנג איידער מען מאַכט כשר די שטוב. עס לויפט איהר טאַקע ממש די שוים פון מויל. זי פערגעסט אין גאַנצען, אז זי איז אַזוי צובראָכען, אז קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס; אַ נס וואָס שבת צו נאַכט האָט זי פּסח'דיג געמאַכט דאָס בעט, דעם טיש, די פּאַדלאָגע, אז ניט — איין גאָט ווייסט, וואָס ס'וואָלט געווען. חיענקע מיט וואָוקען לויפען ארום ווי פער'סם'טע, סאָסיע טרייבט ארום און לאָזט ניט

א מינוט רוהען: לויף, לייה א סטופע, לייה א זיפּעלע, לייה דאס, לייה יענעס, זיי האבען אפילו קיין צייט אראבצוכאפּען זיך צו די בעל מלאכה'ס, וואווקע חלש'ט צו זעהן די שטיוועלאך, וואס בערקע דער שוסטער נעהט פאר איהם, פאר וועלכע ער וועט בעצאהלען מיט זיין אייגען געלט, וואס ער האט פערדיענט פון וואסער־גיסע־ריי, און חיענקע — דעם קארטונענעם יאקעל וואס ביילע די נייטערקע נעהט פאר איהר.

מען דארף העלפען דער מאמען.

און סאסיע ארבייט פאר צעהן מענשען, ביז צוויי אזייגער איז שוין געווען דער חמץ ארויסגע'פטר'ט פון שטוב, דער זאמד אראבגעקעהרט פון דער ריינער פאדלאגע און פערבעט מיט א ראגאזשקע, די צושייערטע כלים צושטעלט אויף אן ארט, דער שפּייזאלמער אויסגעבעט, פון די בוריקלאך אראבגענומען די שיווע פלעווע, דער אייווען גע'כשר'ט, דאס פלייש, פיש גרייט צום קאכען דאך איז איהר דאס הארץ ניט רוהיג, זי רייסט זיך אפּט אב פון איהר ארבייט, לויפט צו צום פענסטער און קוקט אין דרויסען...

אויף דרויסען הערט זיך א גערויש פון רעדער, חיענקע און וואווקע האבען זיך פלינק א ווארף געטהאן צום פענסטער און איידער סאסיע האט אוספייעט אבקעהרען דעם קאפּ פון אייווען— האבען זיי שוין אויסגעשריען פרעהליך:

— דער טאטע, דער טאטע איז געקומען!

סאסיען האט זיך דאס פנים אנגעצונדען פון פרייד, זי איז צוגעלאפען צום פענסטער, דערווייל איז וואווקע געלאפען אין סטאדאלע און טוז נאך איהם חיענקע און האבען פערנאנדער געעפענט דעם טהויער.

פלטיאל האט אבגעווישט דאס נאסע פערדיל און אריינגעפיהרט אין סטאדאלע.

— וואס מאכט איהר? אה! אזוי פערשפעטיגט היינט, אזוי פערשפעטיגט! זיינען געווען פלטיאל'ס ערשטע ווערטער, ווען ער איז אריין אין שטוב.

דאס פנים, די הענט, די סערמינקע, וואס איז אין העלפט געווען פערגארטעלט מיט א רימען, די שטיוועל זיינען געווען גראב

בעדעקט מיט בלאַטע, ס'וואָלט געווען אַ גרויסער יושר זיך אָבצו־וואַשען, נאָר ווער האָט צייט?

ער האָט נאָך געדאַרפט פערנאַנדער טראָגען אָביסעל סחורה צווישען די קרעמער און בעקומען געלט.

דערווייל האָט זיך פערדרעהט אַ שטאַרקע שעה און דער זייגער האָט געשלאָגען דריי.

איידער ער האָט זיך איספּראַוועט מיט דער שטוביגער אַר־בייט, אָנגרייטען היי פאַר'ן פערד, אָנשפּאַלטען האָלץ אויף יו"ט, אַראָבנעהמען די פסח'דיגע געפעס פון בוידעם, צוקויפען אַ פּאָר כוסות, אָבסקראָבען און אויסשמירען די שטיוועל מיט דזעגאַכץ, האָט דערווייל אַריינגעטריבען אין פאַרנאַכט.

— כאַפּ אַ בולבע — בעט זיך ביי איהם סאָסיע וואָס האָט דערוויזען אָפּצוקאָכען קאַרטאָפּעל אויף „ביי טאָג": — כאַפּ אַ בול־בע! ס'האַרץ מוז דיר חלש'ען.

ער טהוט איהר צוליעב, כאַפּט אַ בולבע און בריהט זיך עסענ־דיג.

— נו, וואָווקע, נעהם די בוטלעס און קום נאָך ויין.

וואָווקע נעהמט פרעהליך די גרינע בוטלעס, איינע אויף מעד, די צווייטע אויף ויין: ער ווייסט אַז דער שיינקער וועט איהם געבען פערזוכען אַ גאַנצע גלעזעל ויין. פּלטיאל נעהמט אין קע־שענע אַ קליין פלעשעלע אויף פּסח'דיגען בראַנפען: זאָל יו"ט זיין, ווי ביי לייטען!

און פּלטיאל מיט וואָווקען לויפען געשווינד: מען דאַרף נאָך אַראָבלויפען אין מרחץ.

פון מרחץ זיינען זיי געקומען רויט ווי צונטער, פּלטיאל האָט זיך אויפ'ן פּאָל גוט אויסגעשמיסען, ס'איז שוין געווען גוט פינס־טער, אַ נס וואָס פּלטיאל און וואָווקע האָבען פריהער מנחה געדאַ־וועגט, אַז ניט — וואָלט מען שוין ניט געטאָרט דאַוונען.

— לויפט, איהר וועט נאָך אפשר כאַפּען אַ ברכו, — טרייבט סאָסיע די מאַנסבילען פון שטוב: — חרוסת ניט פערגעסט צו נעהמען ביים רב.

פלטיאל האט אנגעטאן זיין געלע לאסטענע קאפאטע, וואוקע די נייע שטיוועלאך און זיינע אוועקגעלאפען אין קלויז.

און אז זיי זיינען געקומען פון קלויז איז שוין דער טיש גע־ווען געדעקט מיט א ווייסען סערוועט איבער א ראנאשזע, צוויי מה־נשתנה ליכטעלאך האבען געברענט העל, די מצות זיינען גע־לעגען גרייט, אין א טעלער זיינען געלעגען אבגעקאכטע אייער, די זרוע; די כוסות מיט די פולע בוטליעס זיינען געשטאנען, אלץ איז שוין געווען פארטיג, אויסער חריין האט מען נאך געדארפט אנרייבען.

פלטיאל האט אין קוימען אנגעריבען א ביסעל חריין, אנגע־טהאן דעם ווייסען קיטעל און זיך געזעצט אנגעלענט אויף צוויי קישענס צום טיש.

חיענקע האט דערווייל אנגעטהאן דעם נייעם יאקעל, סאסיע— אן אויסגעוואשענע ספאדניצע.

## ד ע ר  ס ד ר.

— ע־ע, דו שלאפסט שוין — האט סאסיע געזאגט, צוגעהענדיג צום טיש.

— ווער, איך? ניין. — האט פלטיאל געענטפערט אויפ־כאפענדיג זיך פון דרעמעל.

ער האט אנגעגאסען די כוסות פאר זיך, סאסיען און אליהו הנביא'ן מט וויין, וואוקע און חיענקען מיט מעד און גענומען פראוען דעם סדר.

— וואוקע! דו דרעמעלסט שוין?

— ניין, ניין.

— קדש, אז מען קומט פון שוהל מאכט מען קדוש.

פלטיאל האט אויפגעעפענט א פערשטויבטע הגדה, וואוקע א קליין סדור'ל, סאסיע דעם קרבן מנחה און חיענקע איז אזוי גע־זעסען אנגעשפארט ביי דער מאמען אויפ'ן שוים.

— איך געפין ניט די הגדה, — האט סאסיע געזאגט.

פלטיאל האט גענומען בלעטערן איהר קרבן מנחה. דערווייל האט סאסיע איינגעדרעמעלט.

— דו דרעמעלסט, הא? — האט פלטיאל געפרעגט, ווען ער האט שוין געהאט געפונען די הגדה.

— ס׳קלעפען זיך מיר די אויגען.

— קינדערלאך, שלאפט ניט, — האט פלטיאל געזאגט און גענומען מאכען קדוש.

ער האט אבגעזופט א רוב כות.

— מצ... מצ... געשמאקער ווײן!

וואווקע, סאסיע און חיענקע האבען זיך אויך בעשמאקעוועט פון מתיקות. דערנאך, אז מען האט גע׳פטר׳ט „ורחץ״, „כרפס״, „יחץ״, האט פלטיאל א קאמאנדעווע געטהאן „מגיד״ און מען האט גענומען זאגען די הגדה.

זיי האבען אבגעזאגט „הא לחמא״, וואווקע האט געפרעגט די פיער קשיות מיט א פערשלאפען קול און פלטיאל האט איהם גע־ענטפערט מיט א האלבען מויל: עבדים היינו.

— עבדים היינו לפרעה במצרים ויוציאנו ה׳ אלהינו משם ביד ח־ז־ק־ה... חררראַ!

— פלטיאל! דו שלאפסט שוין? — וועקט איהם סאסיע מיט א פערשלאפען קול.

— הא? עבדים היינו לפרעה — לפרעה ב־מ־צ־ר־י־ם...

— פלטיאל! וואווקע! איהר שלאפט?

— עבדים היינו ל־פ־ר־ע־ה...

א ווײלע איז שטיל.

— איהר ש־ל־א־א־פ־ט? ה־א־א־א?

חררראַ!

חררררראא!

## דער חלום.

5.

ס׳האט אנגעהויבען צו טאגען. דאס פערד אין שטאל האט זיך פערנאנדער געהירזשעט.

פלטיאל איז געשלאפען הארט און איהם האט זיך געדוכט, אז ער איז אין וועג. דער וועג האט געלאזט, אומעדום שטעהען ברייטע טיעפע לוזשעס; ביי די זייטען וועג ליגט דער שניי הארט, ווי אייז און צוגעדעקט מיט א שווארצע פלעווע: די בלאסע, ווארעמע שטראהלען פון דער זון פאלען אויף איהם און טרייבען פון זיינע זייטען א מוטנע וואסער.

ער געהט פאזע וואגען, דאס בידנע פערד שליאפעט אין בלאָטע און שליאפעט, עס געהט שווער, אויפ'ן וואגען איז זעהר פיעל משא: ס'ווילט זיך האבען א יו"ט ווי ביי לייטען, נאר ער האט איצט שטארק חרטה, ער האט מורא דאס ער זאל חס ושלום ניט פערשפעטיגען מיט'ן קומען אהיים. שוין צוויי מעת לעת, ווי ער האט מיט אן אויג ניט צוגעמאכט. דאס הארץ רייסט איהם פאר'ן פערדעל: ער קאן איהם ניט לאזען פאשען.

ס'זעהט זיך א ווערסט.

— נאך דריי מייל ביז דערהיים.

דריי מייל ביי אזא וועג מיט אזוי פיעל משא קען אמאל דויערן... אל תפתח פה לשטן. איבערהויפט אז דאס פערדעל האט זיך לאנג ניט געפאשעט.

דער געדאנק, אז ער קען חס ושלום בלייבען אויף יו"ט אין וועג, רופט ביי איהם ארויס אלע זיינע כחות און מיט דער אויסגעמאגערטער ברייטביינינגער פלייצע העלפט ער שטופען דעם וואגען.

דאס פערדעל געהט טאקע גיכער, דער וואגען ריהרט זיך געשווינדער, ער ווערט לעבעדיגער: דאס בידנע פערד וועט זיך ניט ארויסשלאגען אזוי פון די כחות.

ס'זעהט זיך פון ווייטען נאך א ווערסט: דער ווערסט איז גוט געגאנגען, נאר פלוצים, סטאי! דער וואגען האט זיך ארייננעזעצט אין א גרוב, דאס פערדעל מאכט מיט די זייטען, ווארפט זיך אהין און אהער און שטעהט פארט אויף איין ארט.

— נא, נא! — שרייט ער מיט א הייזעריג קול, ער בויגט זיך איין אין דרייען, רוקט אונטער דעם אקסעל אונטער'ן דרענגעל פון

וואגען און גיט איהם מיט די לעצטע כחות א הויב אין דער לופט...

— טררררראך!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פלטיאל, סאסיע, וואוקע און חיענקע האבען זיך א כאפ געטהאן ניט טויט, ניט לעבעדיג:

דער טיש איז געווען אומגעקעהרט, די בוטלעס, די כוסות, די טעלער צובראכען, דער וויין אויסגעגאסען, איין איי האט זיך פערקייקעלט אזש צום שוועל.

## מצה דעם פריץ.

דער אמת איז, אז אין מיין ארים שטעדטעל איז מען געווען זעהר הינטערשטעליג אין הלכת אכילה. ניט נאר האט מען ווענינ געגעסען, ווייל מען האט פשוט ניט געהאט קיין איבריגע געלט צו קיכלען זיך, נאר ווען אפילו די שפע וואלט געווען איבער די פאַ־דושקעס, וואלט מען אויך ניט געוואוסט ווי צו קיכלען זיך. קיין זאך האט אזוי פעראכטליך ניט געקלונגען אין דעם מויל פון אונ־זערען א תושב, ווי ווען ער האט געזאגט „אנשטאפּען דעם מאגען", „אבגעבען זיך מיט דער אכילה". און ווען מען האט אויף איינעם געזאגט זולל וסובא איז דאס טאקע געווען פשוט געזידעלט. אזא איינער איז געשטאנען אויף איין מדרגה מיט א פערד גנב און א מסור. עס האט גאר ערגער ניט געקענט זיין ווי א טרפה'נע האלז.

ווי געזאגט, האט מען ביי אונז נאר געגעסען צו דערהאלטען די נשמה און פון קיין פאטראוועס האט מען ביי אונז ניט גע־וואוסט. דאס בעקאנטע ליעדעל „זונטאג בולבעס, מאנטאג בול־בעס, דיענסטאג בולבעס, מיטוואך בולבעס, דאנערשטאג און פריי־טאג בולבעס, שבת א רויטינקער קוגעלע און זונטאג ווייטער בול־בעס" איז ווי צוגעפּאסט צו מיין שטעדטעל, ווייל בולבע איז טאקע געווען אפשר דער איינציגער מאכל פון וועלכען מיר האבען זיך געקליגט צו מאכען פערשיעדענע פאטראוועס. אזוי א שטייגער האט מען געבאקט בולבעס אין פעלצלאך און דאס איז געווען א פאטראווע פון וועלכע ארים בחורים האבען געלעקט די פינגער. ווייטער זיינען געווען גאנצע געקאכטע בולבעס, געוועהנליך איז דאס געווען א פאטראווע אין מיטען זומער און דאס איז געווען א לאבונג פאר'ן גאנצען שטעדטעל, סיי ארים און סיי רייך, מעהר ניט, די ארימע אידען האבען די דאזיגע בולבעס געגעסען מיט ראסעל

פון אונגערקעס און די רייכע האבען זיך פערגונען צו טונקען זיי אין פוטער. און ווידער האט מען פון בולבעס געמאכט קאשע, געוועהנליך פאר א מוזיניקעל אדער מוזינקע אדער בן יחיד אדער בת יחידה. עלטערע מענשען האבען זיך שוין אזא זולל וסובא׳ריי ניט ערלויבט. און די בולבענע קאשע האט מען אין ארימען אופן פון אויבען בעשמירט מיט טוקעווע שמאלץ און אין רייכערען מיט היהנערשע אדער גענזענע. און ווידער איז געווען א פאטראווע וואס האט געהייסען פיש בולבע. דער דאזיגער נאמען קען ארייג־פיהרען אין טעות און קען מאכען דעם איינדרוק, אז מען האט דא צו טהאן מיט טרפה׳נע העלזער. דער גאנצער קונץ פון פיש בול־בעס איז, וואס די בולבעס זיינען אפילו קיין מאל ניט געלעגען לע־בען פיש.

דאס זיינען אלץ פאטראוועס פון בולבעס אליין, אהן א שום צומישונג פון אנדערע שפייזען, און פון יענע קען מען ווידער מאכען גאר א בעזונדער צעטעל.

די גאנצע רייכקייט אין פאטראוועס איז אוועק אויף די בול־בעס און ווייטער האט מען ביי אונז גאר א קליינע ידיעה געהאט וועגען מאכלים. א פארשטעלונג האט מען ביי אונז געהאט, אז אין דער גרויסער וועלט זיינען פאראן זעהר רייכע מענשען און זיי קענען זיך פערגינען צו עסען אפילו מארצעפאנעס. וואס דאס איז אזוינס, האט קיינער ניט געוואוסט, דאס איז געווען עפעס פאנ־טאסטישעס, עפעס מעהר פון וואס טריפה׳נע העלזער און זולל וסובא׳ס קענען זיך פערגינען און דאס איז געווען כמעט אויף דער זעלביגער מדרגה ווי היהנדעלאך מיט פוטער.

הייסט עס, אז אין הלכות אכילה איז מען ביי אונז געווען זעהר הינטערשטעליג. דאס איז געווען ביי אונז, אז עמיצער האט גע־קויפט בויגעל, האט מען געפרעגט, ווער איז ביי איהם קראנק? דאס האט מען ביי אונז געשטעלט איינגעמאכטץ, אז מען זאל עס ניט דארפען. נאר פון דעסטוועגען זיינען מיר ניט נאר ניט גע־ווען געפאלען ביי זיך, נאר מיר האבען באמונה שלמה געגלויבט, אז צו אונזער טיש איז קיין גלייכען ניטא. דאס הייסט ניט חס ושלום אז מיר שטאפען אונזער קישקע אדער גיבען נאך אונזער

האלז, דאס האט נאר געהייסען, אז ווען מיר דארפען, קענען מיר מאכען אזעלכע פאטראוועס, אנטקעגען וועלכע אלע מעדני מלך דארפען זיך שעהמען.

וואס דארף מען האבען א גרעסערען זולל וסובא ווי דער פריץ ספאטשינסקי! ער אליין, זאגט מען, הולטעוועט אין פאריז און קיין זאך איז ניט טהייער פאר זיין טריפה'נע האלז. ביי איהם זיינען שוין אפילו מארצעפאנעס א וואכעדיגע אכילה. נאר ווען ער קומט א פאר מאל אין יאהר אין אונזער געגענד אויף זיין גוט, וואס איז ארויסגעלאזט אין ארענדע צו לייבע דעם גאוויער. איז די ערשטע זאך וואס ער זאגט איהם אז, אז זיין ווייב זאל פאר איהם צוגרייטען געפילטע העלזעל. און ער וואס הולטעוועט אין פאריז און דערוויזט די טהייערסטע מאכלים אין די טהייערס־טע פאריזער רעסטאראנען קומט בכבודו ובעצמו צו לייבען אין שטוב, זעצט זיך ביי זיין טיש און לעקט ממש די פינגער פון די געפילטע העלזלאך. מען קען גרינג זעהן, אז דער דאזיגער פריץ האט נאך קיין מאל קיין אמת'ע גוטע פאטראווע ניט פערזוכט. און ער שעהמט זיך ניט און זאגט, אז אזא גוטע זאך האט ער נאך קיין מאל ניט געגעסען.

איך דערמאן ניט קיין געפילטע פיש, ניט מחמת מיר האבען זיך דערמיט ניט איבערגענומען, אדער ניט געוואוסט ווי וויטדי גוים ווערען א כפרה דערפאר, נאר וויל דאס איז שוין א דבר ידוע.

ווען עס איז געקומען פסח האט יעדער איד וואס האט א נאהענטע פערבינדונג מיט א פריץ צורעכט געמאכט פאר איהם א מתנה, און וואס פאר א מתנה קען אן ארימער איד מאכען א רייכען פריץ? עס פערשטעהט זיך, אז נאר עפעס אזוינס, וואס האט צו טהאן מיט אכילה.

און הגם ביים סדר האט יעדער איד געזאגט „הא לחמא עניא". ווייזענדיג אויף די מצות, איז ער דאך געווען איבערצייגט, אז דאס וואס איז לחמא עניא פאר אונז, דארף זיין די גרעסטע נאשעריי פאר דעם פריץ. און דעם צווייטען טאג פסח נאכ'ן מאהלצייט, האט מען ביי אונז אין שטוב אויסגעקליעבען די שעהנסטע פינף

מצות, ארויפגעלייגט זיי אויף א שעהנעם טעלער, איבערגעדעקט מיט א שעהנע סערוועטקעלע, אנגעגאסען פון דער גרויסער גרינער בוטלע א קאראפינקע יין צמוקים און געטראגען עס צום פריץ.

דער פריץ האט געוואהנט עק שטאדט, וואו עס זיינען געווען נאך עטליכע פריצישע הייזער. די דאזיגע הייזער האבען זיך אויסגעצייכענט ניט נאר מיט זייער גרויסקייט, נאר אויך מיט זייער פערשטעלטקייט. דער אריינגאנג אין אזא הויז איז געווען דורך א הויף, וואס איז געווען ארומגעצאמט מיט א הויכען פארקאן. אזוי ווי די פריצים וואלטען מורא געהאט מען זאל זיי קיין עין הרע ניט געבען, בשעת אלע אידישע הייזער אין גאנצען שטעדטעל האבען די טהירען געהאט גלייך אין גאס אריין.

עס פערשטעהט זיך, אז אין הויף איז געלעגען א הונד, דאס איז געווען א גרויסער געלער הונד מיט ווייסע פלעקען אויף די לאפקעס. ער איז געלעגען פויל, אנגעשפארט מיט׳ן קאפ אויף א פאדערשטער לאפקע, געווארעמט זיך אנטקעגען דער זון און געדרעמעלט. ווען דער טהויער האט זיך געעפענט, האט ער פויל עטוואס אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אפילו בדעה ניט געהאט ארויסצולאזען א בול. נאר ליתר בטחון האט דער פאטער צו איהם א זאג געטהאן „סוואי, סוואי“ און ער האט צוריק אנגענומען זיין פריהערדיגע פאזע. נאר איין אויג האט ער געהאלטען אביסעל אפען, עפעס זיינען איהם געווען קשה די רויטע משקה אין קאראפין, אויף וועלכען עס האבען איצט געשפיעלט די שטראהלען פון דער זון און די איבערגעדעקטע טעלער. זיין הינטישער קאפ האט ניט געקענט געדענקען אז ערשיינונג, וואס ווייזט זיך נאר איין מאל אין א יאהר. דער קאראפין און די איבערגעדעקטע טעלער האבען איהם אביסעל אונרוהיג געמאכט, און אפשר איז איז דעם געווען שולדיג איך אליין, וואס האב דעם ווין און די מצה געטראגען. איך האב געהאט אן איינגעווארצעלטע מורא פאר הינט און ער האט בעמערקט מיין מורא און ער האט זיך טאקע גלייך א הויב געטהאן און זיין גאנצע פוילקייט איז מיט אמאל פערשוואונדען געווארען. נאר אין דער מינוט האט זיך דערהערט א קול מיט א בייזער: „פרעזידענט!“ און ער האט אנגעהויבען

צו דרעהען מיט'ן עק און בעגלייט אונז צו דער טהיר, ווי פערענט־פערענדיג זיך פאר וואס איהם האט דער חוש געפעהלט צו אונטער־שיידען פון „סוואי" ביז א פרעמדען.

די טהיר האט פאר אונז געעפענט די דיענסט און אריינגעפיהרט אונז אין קיך, אן אונגעהויער גרויסע, געראמע און זויבערע קיך. זי האט צום טאטען געשמייכעלט מיט אזא דאנקבארקייט, אזוי ווי די מתנה וואלט געווען געמיינט ניט פאר'ן פריץ, נאר פאר איהר. זי איז באלד ארויסגעלאפען און אריינגערופען דעם פריץ. ער איז געווען א שווערער, סאלידער מענש מיט א רויטען פנים און א דאַ־פעלטע מארדע וואס האט זיך אנגעהויבען גלייך נאך די אויערען און איז ווי א שווערער פאלד געלעגען פוןביידע זייטען באקען. אויך איז אזא שווערער פאלד געלעגען אויפ'ן נאקען, און זיין איינ־געטיעטער בויך האט געוויזען, אז ער איז געווען א בקי אין הלכות פרעסעריי.

זיינע אויגען האבען אנגענומען א הומאריסטישען אויסדרוק און א צופריעדענקייט האט זיך אויסגעגאסען איבער זיין גאנצען פנים ווען ער האט דערזעהן דעם קאראפין און מען האט געקענט שווערען אז מיט זיין גאנצען באדען זיך אין כל טוב, האט ער דאך ניט געקענט דערווייזען אזא טהייערען ביסען, וואס מיר האבען גע־רופען לחמא עניא. ער האט עפעס שטיל א זאג געטהאן צו דער דיענסט און זי איז אויף א ווייל פערשוואונדען און באלד ארויסגע־קומען מיט גאנצען פעקעל פאמעראנצען, ניס און נאך אזעלכע גוטע זאכען, דאס איז געווען א בעלוינונג מיר פאר'ן טראגען די מתנה און דעם טאטען האט ער פיין געדאנקט בעזונדער.

און ווען מיר זיינען ארויס פון דארטען מיט'ן לעדיגען קארא־פין און לעדיגען טעלער האט דער טאטע געפיהלט, אז ער האט דעם פריץ געגעבען צו פערזוכען עפעס אזוינס, וואס מיט אלע זיינע מאר־צעפאנעס האט ער קיין מאל ניט טועם טעם געווען.

# חול המועד.

די גאס, דער מארק האט אנגענומען א נייען פנים.

געוועהנליך אטהעמט דער מארק מיט א פער׳הב׳עוועטקייט: סיי עס איז פארהאן א יריד און סיי קיין יריד איז ניטא, איז דער מארק קיין מאל ניט לעדיג. אין דעם טאג פון א יריד קען מען דעם מארק פשוט ניט דורכגעהן און א גערויש פון מענשען־שטימען אויס־געמישט מיט א הירזשען פון פערד הערט זיך איבער דער גאנצער שטאדט. אין די אנדערע טעג פעהלען די מחנות פויערים, עס איז ניטא אזא גערויש, נאר דער מארק איז לעבעדיג. די בעקער מיט זייערע טישלאך און די סעדיבעס מיט זייערע סעמערס פערנעהמען א היבשען פלאץ. דא און דארט שטעהט א פויער מיט א וואגען, און די לופט־שלינגער דרעהען זיך ארום פון וואגען צו וואגען און טאפען ארום אפשר קען מען עפעס איינקויפען און פערדיענען עט־ליכע גראשען און ווען אפילו קיין זאך איז ניטא צו קויפען אדער פערקויפען איז די הב׳עניש פארהאן.

חול המועד פסח ווערען די בעקאנטע סצענעס פון דעם מארק פערשוואונדען און ער נעהמט אן א נייען פנים.

דער פלאץ פון די בעקערשע טישלאך איז איצט לעדיג און דער גרעסטער טהייל פון די סעמערס פעהלען. די קראמען זיינען אפען און פון יעדען קוקט ארוים די גרויסע מחיצה, וואס פערשטעלט מעהר ווי א העלפט סחורה. די קרעמערקעס און קרעמער זיצען מעהר פון יוצא וועגען און קוקען אפילו ניט אוים קיין קונים. אלץ וואס מען האט געדארפט אויף דעם גרויסען יום טוב, האט מען זיך איינ־געשאפט פריהער און קיינער האט ניט וואס צו קויפען, סיידען א קווארט מילך פאר א חול המועד׳יגער מילכיגער וועטשערע מיט מצה פארפעל. דער גאנגבארסטער ארטיקעל איז איצט די סטופע, וואס

מען שלעפט פון שטוב צו שטוב אנצושטויסען מצה־מעהל און מצה־פארפעל.

דערפאר האבען זיך אויפ'ן מארק איצט געוויזען פנים חדשות. די אייביגע לופט שלינגער וואס בלאנקען ארום מיט א לאנגען שטרוי צווישען די צייהנער זעהען זיך ניט און אנדערע פנים'ער וואס ווייזען זיך נאר פון חול המועד צו חול המועד פערנעהמען זייער פלאץ.

אלע מלמדים פון שטעדטעל זיינען ארויסגעקראכען פון זייערע לעכער און האבען זיך פערזאמעלט אין מארק. חול המועד איז זייער יריד. נאר זיי פיהלען זיך דא ניט היימיש, און זיי קלייבען זיך צוזאמען אין א קליינער גרופע, אזוי ווי צוזאמען וואלטען זיי זיך געפיהלט זיכערער. זיי האבען ווענינ וואס צו רעדען איינער מיט'ן צווייטען. זיי זיינען אהער ניט געקומען דעבאטירען אדער רעדען וועגען פאליטיק. זיי דארפען קוקען שארף צו עס געהט ניט פערביי א בעל הבית, וועלכען זיי ווילען זעהען, אדער אז יענער זאל זיי דערזעהען. די עלטערע קרעכצען פון צייט צו צייט, וואס מלמדות איז אזוי הפקר און יעדער וואס וויל טהוט אז אזא עטרה. מען קרעכצט אויך, וואס מיט יעדען יאהר ווערט דער יקרות גרעסער און דער שכר למוד בלייבט שטענדיג דער זעלביגער און מען איז מכבד איינער דעם צווייטען מיט א שמעק טאבאק און מען שווייגט ווייטער.

דאס איז די פערזארגסטע, אומעדיגסטע גרופע אין גאנצען מארק.

ניט ווייט שטעהט אן אנדער רעדעל, דאס זיינען די שניידער פון שטעדטעל. די גאנצע ארבייט וואס זיי האבען געהאט איז ארויסגע'פטר'ט געווארען ערב פסח און אין שטוב איז אפילו קיין שטאך ניט געבליבען. זיי האבען געהאט א שווערען ערב פסח. פון פורים אן האט מען געארבייט פון א שפראץ אויף טאג ביז שפעט נאך האלבער נאכט און די וואך פאר פסח האט מען זיך גאר ניט אויסגעטהאן צו געהן שלאפען. דאס איז געווען זייער יריד און מען האט געדארפט ארייננכאפען פיעל מען האט געקענט. איצט וועט שוין אזוי גיך קיין ארבייט ניט זיין.

אין זייער רעדעל איז איצט לעבעדיג. מען רעדט אויף די

הויכע טענער און איינער שרייט איבער דעם צווייטען. העכער פון אלעמען שרייט אברהם איטשע, ווען מען גאט האט געבענשט מיט א שווארצער באָרד וואָס וואַקסט אין דער לענג און אין דער ברייט. אזוי אז ווען מען זעהט זיין פנים דאכט זיך, אז מען זעהט נאָר א באָרד, פון וואַנען עס שטעקט ארויס א נאָז און א פּאָר אויגען. ער איז שטענדיג א פערשמאיעטער און דער ברילעק פון זיין היטעל קוקט אויס איבער אן אויער.

אין שניידערשען קלייזעל וועט זיין היינט צו מאָרגען בייינאכט א קלפי און דאָס איז ניט קיין קלייניגקייט. וואָס די קלפי זאָל ניט מיינען, און ווער די בוררים זאָלען ניט זיין, האָבען שוין עטליכע צדדים בעצייטענס בעשלאָסען וועמען אויסצוקלייבען פאר גבאים. און די בעזונדערע צדדים ארבייטען אויף טיש און אויף ביינק פאר זייערע קאנדידאטען. אלע מאכען מיט די הענט און איינער דעם צווייטען כאפּט אָן פאר דער קליאַפּע, כדי יענער זאָל זיך פון איהם ניט אָפּקעהרען און אויסהערען. א נס וואָס זיי טראָגען איצט זייערע שבת׳דיגע בגדים, אז ניט וואָלטען פיעלע פינגער צושטאָכען געוואָרען, ווייל דער היימישער שניידער האָט שטענדיג א נאָדעל אריינגעשטאָכען אין זיין קליאַפּע.

און די שניידער זיינען ניט די איינציגע וואָס האָבען א קלפי. אין די אַנדערע קלייזלאַך דאָרף אויך חול־המועד בעשטימט ווערען דער גורל פון די גבאים. און יעדער פאַך בעזונדער האָט זיין רעדעל אויפ׳ן מארק, און יעדער רעדעל בעזונדער קאָכט זיך און ליארעמט.

נאָר עס זיינען אויך פאַרהאַן אזעלכע וואָס האָבען ניט וואָס זיך צו קאָכען. זייער צעך איז צו קליין, אז זיי זאָלען קענען האָבען זייער בעזונדער קלייזעל, מיט בעזונדערע גבאים. אזעלכע זיינען ביי אונז, למשל, געווען די טאָקארעס: זיי האָבען פאר זיך קיין בעזונדער רעדעל ניט געהאט און זיי זיינען געגאַנגען איבער׳ן מארק פון איין רעדעל צום צווייטען, צוגעהערט זיך צו די טענות און וכוחים, אבער אליין זיך ניט אריינגעמישט. פון אלע בעלי מלאכות זיינען זיי געווען די איינציגע, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי משגיחים. ניט אזוי דערפאר וואָס זיי האָבען זיך ניט געקאָכט און זיינען ארומ־

געגאַנגען אהן אַ בעשטימטען צוועק, נאָר מעהר מיט זייערע שטע־קעלאַך.

די מלמדים האָבען אויך כמעט אלע געהאַט שטעקעלאַך, נאָר דאָס זיינען געווען קאַטשערקעס, געוועהנליכע שטעקלאַך מיט אויס־געבויגענע הענטלאַך, אבער די טאָקארעס האָבען געהאַט אמת׳ע אנטיקלאַך, אזעלכע שטעקעלאַך וואָס קיין אנדער בעל מלאכה האָט זיך ניט געקענט פערגינען.

דאָס איז אלץ געווען ניט נאָר אייגענע האַנט־ארבייט, נאָר דאָס איז אפשר געווען דער איינציגער חפץ, אויף וועלכען זיי האָ־בען זיך געסטאַרעט ארויסצואווייזען זייער קונסט. דעם טאָקער׳ס שטעקעלע איז געווען דער אויסדרוק פון דעם קינסטלער אין דעם בעל מלאכה. די ארבייט וואָס ער האָט געמאכט פאר אנדערע איז געווען ניט מעהר ווי אַ מלאכה און האָט איהם בעפרידיגט נאָר אויף אזוי פיעל, ווי דאָס האָט איהם געגעבען ברויט. דער שטע־קעלע וואָס ער האָט געמאכט פאר זיך איז געווען זיין גייסטיגע בעפרידיגונג.

יעדער טאָקער האָט אויסגעדריקט זיין אייגענע אינדיווידואַ־ליטעט אין זיין שטעקעלע. שמואל גיטקעס, אַ געזונטער בחור, מיט ברייטע פלייצעס און גראָבע רויטע באַקען האָט פאר זיך אויסגע־טאָקט אַ דובינקעלע. זי האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין גרויסען חן, נאָר דערפאר האָט שמואל אַנגעקוואָלען פון איהר וואָג. יעדען בעקאַנטען וואָס ער האָט בעגעגענט, האָט ער געגעבען די דו־בינקע יענער זאָל איהר אַ הויב טהאָן און צופריעדען געזאָגט:

— האַ? אַ בענש דערמיט אין קאָפּ? מען קען אַ קדוש ווערען.

זאנוועל דער טאָקער, אַ נידריגער, דארער אידעל מיט זעהר אַ שיטערען בערדעל און זעהר אַ בלייכען פנים, האָט פאר זיך גע־שאַפען אַ ביינערנעם שטעקעלע, אויסגעטאַקט פון שווארצליכע הער־נער און שטארק פּאָלירט, און אז ער האָט מיט איהם איצט ארומגע־שפּאַצירט איבער׳ן מארק, האָט מען בחוש געזעהן, אַז איהם קומט צו חיות פון טראָגען דעם שטעקעלע.

וואָס ווייטער איז דער מארק אלץ לעבעדיגער געוואָרען. איי־ניגע האָבען זיך אָפּגעטהיילט פון די רעדלאַך און זיינען פערשוואונ־

דען אין די זייטיגע געסלאך, און פרישע זייגען פון דארטען צוגע־קומען מיט נייע פאטשטען.

און דער וואכעדיגער מארק האט אנגענומען א פאנטאסטישען אויסזעהן. שבת'דיגע בגדים, יום־טוב'דיגע פנים'ער און קליינע אינטערעסען. אן אויסמיש פון קודש מיט חול, א יריד פון מענשען אהן א שום מסחור, א הב'ענים אהן פרנסה, א קאבענים אהן בייזע געפיהלען.

עס הויבט זיך אן צו זעצען די זון און די קיהלקייט ווערט שארפער. די מלמדים, קארטשענדיג זיך פון קעלט איילען זיך די ערשטע צו מנחה. די רעדלאך ווערען שיטערער און אלע ציהען זיך צום שוהל־הויף. די קראמען פערמאכען זיך איינע נאך די אנדערע. צו וואס זיצען, אז עס איז ניטא קיין פדיון? און דער מארק ווערט לעדיג, נאר איצט איז אויף איהם ניט אויסגעגאסען די רוה פון ערב יום־טוב. אין די הייזלאך ווערען אנגעצונדען וואכעדיגע ליכטלאך און פערשפרייטען ניט קיין פרעהליכען שיין ארום, פון אלע פענסטער קען מען זעהן א קליינעם פייערל אויפ'ן פריפעטשאק, און פאר'ן אויוועז שטעהט די בעל הבית'טע און קאכט עפעס א וואכעדיגע וועטשערע אויף שפענדלאך.

עס איז חול המועד פסח.

## פערשטערטע קניידלאך.

עס איז געווען נאך א לאנגען ישוב הדעת, אז גאסי האט בע־שלאסען מיט איהר מאן אראבצוברייגנען איהר מוטער פון רוס־לאנד. און זיי האבען געהאט דערביי זייער רעכנונג: גאסי איז געווען א שניידערין פון דער־היים און האט דא געקאנט פערדיענען גוטע געלט, ווען די צוויי קליינע קינדער איהרע זאלען איהר לאזען ארבייטען. גאסי האט שוין געפרובט אריינגעהמען א דיענסט אין שטוב, אבער אין אמעריקא זיינען די דיענסטען גאנצע פריצ׳טעס, מען דארף זיי בעדיענען, און דערצו געהט נאך די חלה אוועק אויף המוציא. און אזוי ארבייטען אויף א דיענסט איז קיין פלאן ניט. איז בעשלאסען געווארען אויסצושרייבען די מאמען, וועלכע וועט זיין גליקליך צו ניאנטשען זיך מיט די אייניקלעך און צופריעדען אכ־טונג צו געבען אין שטוב. דער ישוב הדעת איז נאר געווען: וואס טהוט מען, וואס די מאמע איז א פרומע? זי וועט מאכען די שטוב פאר א תפיסה. גאסי געדענקט נאך, ווי זי פלעגט איהר אין דער היים ניט אויפהערען צו מוסר׳ן פאר וואס זי וואשט זיך שבת מיט זייף, פאר וואס זי פערקאמט זיך שבת, פאר וואס זי לייענט ניט קיין קריאת שמע און כאפט א ביסען ברויט אומגעוואשען. דאס איז געווען אין דער־היים, און דא וועט זי האבען נאך מעהר צו מוסר׳ן, ווייל אין די זעקס יאהר, וואס גאסי איז אין אמעריקא, האט זי זיך אינגאנצען דערווייטערט פון אידישקייט. דאס איז געווען א גרויסער ישוב הדעת, און דער מאן האט א לאנגע צייט דערפון ניט געוואלט הערען. ער איז געקומען קיין אמעריקא — האט ער גע׳טענה׳ט — ניט צו לעבען ווי א שקלאוו, נאר ווי ער פערשטעהט און ער וויל ניט האבען, אז מען זאל איהם איצט אנהויבען צו מושטרעווען. נאר דאס ווייב האט אזוי לאנג גערעדט

איבער איהם און זיך געסטאַרעט איינצושמועסען, אַז מענשען זייד נען שוין איצט קליגער געוואָרען און זיינען שוין ניט אַזוי ווילד, ווי אַמאָל, ביז עס איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצושרייבען די מאַמען.

גאָסי האָט אוועקגעשיקט דער מאַמען א שיפסקאַרטע אין מי־טען זומער, נאָר עס האָט דער מאַמען גענומען א היבשע צייט ביז זי האָט זיך אויסגעקליבען אין אַזאַ ווייטע נסיעה. א שפּאַס איז דאָס, זעגענען זיך מיט אַן אָרט וואו מען איז געבוירען, אויפגע־האָדעוועט און ערצויגען געוואָרען און פערבראַכט כמעט דאָס גאַנצע לעבען, יעדעס ווינקעלע איז פערבונדען מיט די וואַרימסטע זכרונות און טויזענדער פעדים פערבינדען זי מיט אַלע שמחות און ליידען פון אַזוי פיעל צעהנדליגער יאָהרען! עס איז שווער איבערצוריי־סען די פעדים און וואַגלען אויף די עלטערע יאָהרען אין א פרעמדר לאַנד, פון וועלכען מען דערצעהלט זיך אַן אַזעלכע שרעקען, רחמנא לצלן. נאָר די ליעבע צום קינד, צו איהר איינציגער טאָכטער, צו די אונבעקאַנטע אייניקלעך האָט זיך ארויסגעוויזען שטאַרקער ווי אַלץ, און זי איז אראָבגעקומען קיין אַמעריקא פּונקט א וואָך פאַר פּסח.

די טאָכטער האָט זיך באמת דערפרעהט, אַז נאָך אַזאַ לאַנגע צייט האָט זי ווידער דערזעהן די מאַמען און געקענט איינאָטהעמען פון דער זיסער, ליעבער און טייערער היים. עס האָט אויף איהר ווידער אַמאָל א בלאָז געטהאָן מיט עראינערונגען פון די גליקליכע קינדערשע יאָהרען, און טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

אויפ׳ן וועג אהיים האָט גאָסי אויסגעפרעגט דער מאַמען וועגען אַלע קרובים, פריינד און בעקאַנטע. די מוטער האָט איהר איבער־געגעבען אַלע גערוסען פון די בעקאַנטע, האָט איהר דערצעהלט, ווער האָט חתונה געהאַט און ווער איז געשטאָרבען און אויף זייערע פּנים׳ער האָט זיך אַלע ווײלע געביטען א פרעהליכע מינע מיט א טרויעריגער.

אין דער־היים האָט די מוטער שוין געטראָפען צוגעגרייט א טיש מיט פרוכטען און צובייסען, זי האָט גענומען אַן עפּעל פון טיש און צושניטען און צוגערופען דעם עלטערן אייניקעל, וועלכער

איז געשטאַנען ניט ווייט מיט פערלעגטע הענטלעך און געקוקט אויף איהר מיט אַ פאַרשענדען בליק. נאָר ווי עס ווייזט אויס, איז די באָבע איהם ניט געפעלען געוואָרען, און ער איז מיט אַ כמורען בליק צוגעלאָפען צו דער מאַמען.

— געה, גאָרעלע, דאָס איז די גרענד־מאַ! (באָבע).

— גיב איהם דו דעם עפּעל, — האָט די מוטער געזאָגט צו דער טאָכטער.

ביי דער מאַמען האָט דאָס אינגעלע דעם עפּעל גענומען און צוטוליענדיג זיך צו איהרע קניע, האָט ער קייענדיג גענומען נאָכקוקען דער באָבען פון אונטער'ן שטערן.

— אפנים דו האָסט דאָ אַהן עין הרע בעקאַנטע? — האָט די אַלטע בעמערקט.

— פון וואַנען ווייסטו?

די אַלטע האָט געוויזען אויף די פּאַמעראַנצען און געזאָגט:

— מסתמא פון שלח מנות געבליבען?

— שלח מנות? — האָט די טאָכטער איבערגעפרעגט און ניט געקאַנט אַנפאַנגס פערשטעהן, וואָס די מאַמע מיינט, ענדליך האָט זי פערשטאַנען און געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— דאָ אין אַמעריקא וואַרט מען ניט אויף פּורים, אז אַ בעקאַנטער זאָל צושיקען פּאַמעראַנצען. ווען עס פערגלוסט זיך, קויפט מען זיי.

— נו, ביסטו ניט קיין נאַר? צו וואָס האָסטו געדאַרפט אויסגעבען אַזוי פיעל געלט צוליעב מיר? דו ווייסט דאָך, איך בין, גאָט צו דאַנקען, ניט קיין נאַשערקע, האָט די אַלטע געזאָגט אונצופריעדען.

— דאָ קאָסטען זיי וואָלוועל, ניט ווי אין דער־היים.

און איצט האָט זיך אָנגעהויבען אַן אויספרעגונג, ווי טייער איז ברויט, פּוטער, הערינג, קאַרטאָפעל; און איבערזעצענדיג יעדען סענט אויף צוויי קאָפּיקעס, האָט זי פערמאַכט שטייף די ליפּען, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ניט געקאָנט פערשטעהן — ווי אַזוי מענשען האַלטען אויס אַזא יקרות.

— דאָס איז דאָך די הויט געריסען, רחמנא לצלן.

— איצט קוק אַן מיינע רומס, — האָט די טאָכטער געזאָגט, ווען די מוטער האָט עטוואָס צוגעביסען.

— דיינע, וואָס ?

— מיינע צימערן.

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון טיש און אריין פון קיך אין שלאָף־צימער.

— א חושך, רחמנא לצלן ! — האָט געזאָגט די אַלטע און בע־קוקט דאָס בעט מיט די בעפּוצונגען.

זי האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— אזא קליין קאַמער'ל, און מען שטעלט אריין אַזאַ גרויסע בעט ! צו וואָס אזא משונה'דיגע ברייטקייט ?

— אזוי איז שוין איינגעפיהרט אין אמעריקא.

פון דעם שלאָף־צימער זיינען זיי אריין אין דעם צווייטען. דאָ איז אין אַ קליין, שמאָל בעטעל געשלאָפען דאָס יונגערע קינד. דאָס פלעשעל איז געלעגען ביים קינד אויפ'ן הערצעל. זי איז צוגעגאַנ־גען צו איהם און האָט עס ארונטערגענומען.

פון דאַנען זיינען זיי אריין אין זאַל. די מוטער איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר.

— פאַר וואָס האָסטו זיך אַבגעשטעלט ?

זי האָט געקוקט אויפ'ן קאַוויאַר און ניט געקאָנט זיך בעשלי־סען צו טרעטען אויף איהם. זי האָט אין דער־היים געהאַט עפּעס אַ טישטוך, וואָס האָט אויפ'ן ערשטען בליק געהאַט עפּעס אַן עהנ־ליכקייט צו דעם קאַוויאַר, האָט זי זיך ניט פערגונען צו פערשפּריי־טען איהם אפילו שבת אויפ'ן טיש, — און דאָ גיה טרעט אַזאַ זאַך מיט די פיס ! דאָך האָט זי אויפ'ן טאָכטער'ס רופען א קוק געַ־טהאָן אויף איהרע שיך און געמאַכט א פּאָר טריט, געהענדיג מיט א זייט און אונטערשפּארענדיג דעם קינבאַק מיט צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט, וועלכע זי האָט אונטערגעהאַלטען מיט דער לינקער. זי האָט איהר בליק א וואַרף געטהאָן אויפ'ן גאַרניטור ווייכע מעבעל, דערנאָך אויף די גאַרדינען איבער די פענסטער און אויפ'ן גרויסען שפּיגעל, וואָס האָט דערגרייכט ביז צום סופית. דאָ האָט די אַלטע מאַמע דערזעהן איהר פולע געשטאַלט אין איהר

גאנצער ראפּאשנסקער אָרימקייט, ארומגעריננעלט מיט אָזעלכע לוק־סוס־זאכנן, און זי האָט א ציה געטהאָן מיט די אקסלען און א גליק־ליכער שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף איהר געזיכט. דערביי האָט זי צורעכט געמאכט דעם פאַרוק, וואס האָט זיך איהר אָבי־סעל ארויפגערוקט אויפ׳ן קאָפּ, און דאָס יאקעל, וואָס איז אָפּגע־שטאָנען פון קלייד.

גאָסי איז געווען גליקליך, וואס זי האָט געקאָנט ווייזען איהר גרויסקייט דער אָרימער מאמען, און האָט איהר געבעטען זי זאָל צוגעהן נעהנטער. די מאמע האָט געפאָלגט און איז געגאנגען ווי מיט בארוועסע פיס איבער געהאַקטען גלאָז.

פון זאל זיינען זיי צוריק אריין אין שלאָף־צימער. די באָבע האָט א וויילע געקליבען נחת פון דעם שלאָפעדיגען אייניקעל און האָט א היבשע צייט ניט געקאָנט אבדייסען פון איהם די אויגען, ווי ער האָט געמאכט אין שלאָף מיט זיינע קליינע ליפּעלעך, און וואָלט איהם אויסגעקושט די גליעדער, נאר אין שלאָף וועט זי איהם ניט טשעפּען, און זי האָט זיך ענדליך מיט גוואלד אָפּגעריסען פון איהם און איז אריין אין ערשטען שלאָף־צימער.

— דו ווייסט, — האָט די מוטער געזאָגט צו גאָסי׳ן, איך בין נאר א צוטומעלטע. נאָך אמאָל, וואס איז דאָ?

זי האָט אריינגערוקט דעם קאָפּ אין שלאָף־צימער, פון וואנען זי איז איצט ארויס, און דאן ווידער א קוק געטהאָן אויפ׳ן גרויסען בעט.

— קאָן א מאנסביל שלאָפען אין אזא בעטעל? — האָט די אַל־טע געפרעגט פערוואונדערט.

—וואָס מיינסטו?

די אַלטע האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן קליינעם בעטעל, וואו דאָס קינד איז געשלאָפען.

דאָס איז אויסגעקומען גאָסי׳ן אזוי קאָמיש, אז זי האָט אויסגע־שאָסען אין א הויכען געלעכטער.

— חא־חא־חא! א פיינע מעשה, כ׳לעבען! א מאנסביל אין דעם בעטעל! דאָס איז א קינדערש בעטעל.

די אַלטע האָט זיך ווידער ארומגעקוקט.

— און וואו שלאָפט ער?

— ווער?

— דיין מאַן.

— דאָ, — האָט די טאָכטער געענטפערט און האָט אָנגעוויזען מיט די אויגען אויפ׳ן גרויסען בעט.

— דאַ־אַ־אָ? און דו??

גאָסי איז רויט געוואָרען. די מאַמע האָט גענומען ריידען מיט היץ, און אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט איז געווען עפּעס גאָר נייעס פאַר גאָסי׳ן. זי האָט ביז איצטער גאָר ניט געוואוסט, ווי שווער עס איז צו זיין אַ אידישע פרוי. די מאַמע האָט גערעדט איבער איהר, גערעדט מיט הארץ, און עס האָט זיך געפיהלט, אַז יעדעס וואָרט קאָסט איהר געזונט. און וואָס מעהר די מאַמע האָט גערעדט, האָט אַלץ מעהר די טאָכטער בעגריפען, וואָס פאַר אַ טיעפער תהום עס ליעגט צווישען זיי ביידען, און איהר האָט וועה געטהאָן דאָס הארץ, פאַרוואָס דער תהום איז אַזוי טיעף.

דער פּועל יוצא פון דעם געשפּרעך איז געווען, אַז די מאַמע האָט איינגעזעהן, דאָס זי דאַרף קוקען שאַרף מיטביידע אויגען, אַז זי אַליין זאָל אַקאָרשט ניט פערזינדיגען איהר נשמה. דער איידעם ווען ער איז געקומען אין אָבענד פון דער אַרבייט, האָט נאָך פערשטאַרקט אָט דעם געדאַנק: זי האָט געזעהן, ווי ער עסט אָהן אַ היטעל, אומגעוואַשען און בענשט ניט.

— עפּעס זעהט מען ניט, אַז איהר ברייינגט אַריין פּסח אין שטוב, — האָט די מוטער בעמערקט אויף מאָרגען: — האָסטו שוין געגעבען באַקען מצה?

גאָסי האָט צייט נאָך דער חתונה פון קיין פּסח ניט געוואוסט. אַ טאָג פאַר פּסח האָט זי געקויפט אַ פונט מצה, עס זאָל ליעגען לפנים ווענען, טאָמער קומט אָן עמיצער, וואָס דאַרף ניט וויסען, אַז די שטוב איז אַ חמצ׳דיגע. נאָר זי האָט געוואוסט, אַז דאָ גיט מען ניט באַקען קיין מצה, און זי האָט געענטפערט:

— דאָ קויפט מען פאַרטיגע.

— און שמאַלץ האָסטו אָנגעגרייט?

— דאָס קריגט מען אויך פאַרטיגע.

די מאמע האט גענומען דעם פסח אין איהרע הענט און האט אריינגעבראכט אלץ וואס איז געווען נויטיג פאר דעם הייליגען יום־טוב. זי האט געשייערט, גע׳כשר׳ט און קאמאנדעוועט, וואו מען זאל שטעהן, וואו מען זאל זיצען, וואו מען זאל געהן, און כאטש דער איידעם האט שטילערהייד געמורמעלט: „א ניי אנשיקעניש אויפ׳ן קאפ“, האט ער דאך געפאלגט און געטהאן וואס מען האט איהם געהייסען.

צוויי טעג פאר יום־טוב האט די מאמע פלוצים א פרעג געטהאן:

— זאג מיר, טאכטער, וואו זיינען דיינע פסח׳דיגע כלים? עפעס זעה איך זיי ניט.

די טאכטער איז געבליבען אין פערלעגענהייט און האט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערן גלייך.

— מיינע פסח׳דיגע כלים? — האט זי איבערגעפרעגט, אום צו געווינען צייט, און נאך א קורצען נאכדענקען געענטפערט:

— איך האב זיי מסתמא נאך ניט אפגענומען.

— פון וואנען?

— ווען מיר האבען זיך אריבערגעצויגען פון דער לעצטער דירה, האב איך זיי איבערגעלאזט ביי א בעקאנטער שכנה, ווייל איך האב מורא געהאט, אז מען זאל זיי ביים אריבערציהען ניט צו־ברעכען.

— געה טאקע און נעהם זיי אפ.

און גאסי איז אוועקגעגאנגען צו דער בעקאנטער שכנה, אבער ניט אפצונעהמען די כלים, וואס זי האט ביי איהר ניט איבערגע־לאזט, נאר אויסצופרעגען, וואס פאר א כלים מען דארף האבען אויף פסח, ווייל אין בעל־הבתיש׳קייט, ווי אלע שניידערקעס, האט זי גאר ניט פיעל פערשטאנען.

די בעקאנטע, א געניטע בעל־הבית׳טע, איז מיט איהר אוועק אין העססטער סטריט און זיי האבען אויפגעקויפט פון כוסות ביז א קאשעק.

גאסי איז געגאנגען אהיים און האט זיך געוואונדערט, ווי אזוי איז דאס איהר אויף דער מינוט איינגעפאלען אזא גלאטער

תירוץ. זי שטעלט זיך פאר דעם עגמת־נפש, דעם פערשטערטען יום־טוב וואס די מאמע וואלט געהאט ווען נאך דעם אלעם, וואס די אלטע האט ביי איהר געטראפען אין שטוב, זאל זי נאך אויס־געפינען, אז קיין פסח האט מען ניט געהאלטען.

פון מיעדיגקייט האט די מוטער אין אבענד גארניט געקענט טהאן. דער איידעם האט געזאגט א פאר המצאות לכבוד פסח און געפרעגט, צי דארף מען לכבוד אזא הייליגען יום־טוב וואשען די קעשענעס, טאמער האט זיך אהין פער׳גנב׳עט א ברעקעל חמץ, און צי מען דארף דאס מויל כשר׳ן. נאר דער אלטער מאמען האט דאס ניט געארט, ווייל זי האט געוואוסט, אז דער פסח איז אריינגעפיהרט געווארען מיט אלע פיטשעווקעלעך און זי וועט שוין אכטונג געבען, אז אין די קעשענעס זאלען שוין קיין ברעקלעך חמץ ניט פער־בלייבען.

אויף מארגען האט זי גאנץ פריה ארויסגע׳פטר׳ט דעם חמץ און זי האט מיט א צופריעדענע מינע געקוועטשט מיט די פלייצעס אויף די היגע „פאראנדקעס": מצה פארטיגע, מצה־מעהל פארטיגע, מצה־פארפעלעך פארטיגע, א וואונדער וואס מען האט נאך ניט אויסגעקלערט קיין קניידלעך פארטיגע! א טשיקאווע זאך, אפילו די טעלער אין אמעריקא זיינען גאר אנדערש געמאכט, זיי נוצען זיך גאר ניט אפ, זיי זעהען אויס, ווי מען וואלט זיי ערשט פון קראם ארויסגענומען.

ווען זי האט געדארפט צושטעלען קאכען און זי האט בעקומען פון די פסח׳דיגע כלים א פענדעל, איז זי געבליבען שטעהן אפ־הענדיג. זי האט דאס פענדעל בעקוקט פון אלע זייטען און א רוף געטהאן די טאכטער:

— גאסי, קום אהער!

גאסי איז צוגעגאנגען און געפרעגט, וואס זי קען איהר העלפען.

— זאג מיר, טאכטער, זינט ווען ביסטו א בעל־הבית׳טע פאר זיך?

— זינט איך האב חתונה געהאט.

— אזוי! שוין פינף יאהר א בעל־הבית׳טע. און זינט ווען האסטו דיינע פסח׳דיגע כלים?

— זינט איך בין א בעל־הבית׳טע געוואָרען.

— און די פענדלעך?

— זינט דעמאָלט.

— זינט דעמאָלט! און די דאָזיגע פענדלעך האָסטו שוין פינף יאָהר געניצט?

די אַלטע האָט אויף איהר א שטרענגען קוק געטהאָן און עטליכע סעקונדען נאָכאַנאַנד האָט זי פון איהר די אויגען ניט אַראָפּגעלאָזט.

— אַזוי, אפילו פסח אויך ניט!...

די אַלטע האָט מעהר גאָר ניט גערעדט, זי האָט זיך דעם גאַנצען טאָג בעוועגט ווי א שאָטען. זי האָט געטהאָן אַלע ארבייט, האָט אַלץ צוגעגרייט צום סדר און קיין וואָרט האָט זיך ניט אַראָפּגעריסען פון איהרע ליפּען. עטליכע מאָל האָט זי דעם קאָפּ אָפּגעקעהרט אַן א זייט און אויסגעווישט מיט׳ן פאַרטוך א טרעהר, נאָר זי האָט זיך געהיט, אַז קיינער זאָל ניט בעמערקען.

ווען עס איז געקומען די צייט פון אָפּריכטען דעם סדר, האָט זי געזעהן, אַז דער סדר איז עפּעס א נאָכקרימעניש. קיין הסבֿ־בעט, קיין קיטעל, עפּעס מורמעלט דער איידעם אונטער דער נאָז פון יוצא וועגען. און די גאַנצע ענטווישונג, די גאַנצע ביטערניש, וואָס האָט זיך אַנגעקליבען אין די לעצטע עטליכע טעג ביי איהר אין האַרצען, האָט גענומען אַרויסשווימען פון אויבען. זי האָט זיך פּלוצים דערפיהלט עפּעס גאָר א פרעמדע, אַן איבעריגע און איהר האָט אַנגעכאַפּט א שווער בייַנקעניש נאָך דעם אָרימען ווינקעל, וואו זי האָט פערבראַכט איהרע לעצטע יאָהרען און וואו זי האָט זיך געפונען מיט פרעמדע מענשען אַזוי היימיש, אַזוי נאָהענט, אַזוי צוזאַמענגעוואַקסען אין פריידען און ליידען; גרויסע טראָפּען טרעהרען האָבען זיך גענומען קייקלען איבער איהר הגדה, און זי האָט זיך געמוזט האַסטיג אויפהויבען פון טיש, אַריינגעהן אין פאָדערצימער און אויסוויינען איהר אָנגעלאָדען האַרץ...

# דער סדר אין דער נייער היים.

## (נאָך די פּאָגראָמען)

די עטליכע טעג פאַר יום־טוב, זינט די באָבע איז אראָפּגעקומען צו זיי פון רוסלאַנד האָבען זיך די צוויי אייניקלאך צוגעקוקט צו איהר מיט פערוואונדערונג: איהר הלוך, איהר רעדען, איהרע תנועות, איהר אויפפיהרונג זיינען געוועזן פאַר זיי עפּעס משונה׳דיג, און דאָס האָט זיי אויף אזוי פיעל געשראָקען, אז זיי האָבען זיך געהאַלטען פון דערווייטענס פון איהר, און ווען זי האָט זיי געוואָלט א לאַסטשע טהאָן, האָבען זיי זיך פון איהר אָפּגעקעהרט מיט מורא און אין דער זעלביגער צייט זיינען זיי געווען אזוי נייגיעריג צו זעהן, ווי זי שטעהט יעדען אין דער פריה און שאָקעלט זיך איבער עפּעס א בוך, ווי זי ענטפערט א מאָל דער מאַמען מיט אזעלכע תנועות אזוי ווי זי וואָלט געווען א שטומע, ווי זי וואַשט די הענט און רעדט צו זיך פאַר׳ן עסען און נאָכ׳ן עסען אזוי ווי זי וואָלט געווען משוגע, — און דאָס אלץ איז געווען אזוי טשיקאַווע, אז זיי זיינען איהר נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטען און האָבען פון איהר ניט אראָפּגעלאָזט די אויגען.

רב פּסח האָבען די קינדער געזעהן מעהר טשיקאַווע זאכען, ווי אין די פריהערדיגע עטליכע טעג, און ווען די באָבע האָט גענומען צוגרייטען צום סדר, האָט שוין דאָס עלטערע קינד, א אינגעלע פון א יאָהר פינף לענגער ניט געקענט בלייבען פון דערווייטענס און האָט געמאַכט א פּאָר שריט נעהנטער צום טיש. איהם זיינען געפעלען געוואָרען די פלעשער וויין און מעד וואָס די באָבע האָט געשטעלט אויפ׳ן טיש, די כוסות, מצה, חרוסת, מרור, זרוע, די לייכטער מיט די מה־נשתנה ליכט, וואָס ער האָט געזעהן צום ערש־

טען מאָל, די היסב־בעט. וואָס זי האָט געמאַכט אויבען אָן.

וואָס מעהר די הכנות צום סדר זיינען געוואָרען פאַרטיג, אַלץ מעהר צוטרוי האָט ער געקריגען צו דער באָבען, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַזעלכע שעהנע זאַכען אין שטוב.

ווען מען האָט אָנגעצונדען די מה־נשתנה ליכט און די גאָרליכט האָבען די קינדער דערפיהלט, ווי דער גייסט פון יום־טוב האָט אַ שוועב געטהאָן איבער אַלע ווינקעלאַך. הגם זיי האָבען ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס דאָס איז. די באָבע האָט שוין איצט מעהר ניט אויסגעוויזען משונה׳דיג און דאָס עלטערע קינד איז צו איהר צוגעגאַנגען און כדי צו שליסען פריינדשאַפט האָט עס געזאָגט:

פיעל גלעזער!

— דאָס זיינען ניט ק׳ גלעזער נאָר כוסות.

— כוסות? — האָט דאָס קינד איבערגעפרעגט.

— יאָ, דאָס איז דיין כוס, דאָס איז רבקה׳לעס כוס...

דאָס קליינינקע מיידעלע איז געוואָרען מוטהיגער, צוגעגאַנגען נעהנטער, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענטלאַך אָן טיש, געשטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער און פעררוסען דאָס קעפּעל, כדי בעסער צו קענען אָנקוקען דאָס, וואָס די באָבע רופט איהר כוס.

— דאָס איז דעם טאַטענס, דאָס איז דער מאַמעס, דאָס איז מיינער און דאָס איז אליהו הנביא׳ס.

— וועמעס?

— אליהו הנביא׳ס.

— הו איז דעט מען? (ווער איז דער מאַן?)

די באָבע האָט ניט פערשטאַנען וואָס ער פרעגט און האָט אויף איהם געקוקט מיט אַ שולדיגען שמייכעל.

— ווער דער מאַן? — האָט ער געבראָכען זיין קליין צינגעל צו רעדען אויף איהר לשון.

— וועלכער?

— לאָהו הנביא?

— ס׳טייטש, דו ווייסט ניט, ווער אליהו הנביא איז! — האָט די אַלטע געפרעגט און ארומגעקוקט זיך אין אַלע זייטען, אַזוי ווי פרעגענדיג ביי די ווענט, ווי איז דאָס מעגליך, אַז איהר אייניקעל

זאָל ניט וויסען, ווער אליהו הנביא איז. — אליהו הנביא! ס׳טייטש אליהו הנביא...

דאָס קינד האָט ווייט געעפענט די אויגען און געמאַטערט זיך צו בעגרייפען וואָס די באָבע זאָגט. נאָר צו זיין אידיש איז געווען צו וועניג, אז ער זאָל פערשטעהן איהרע רעד, צו זי אליין איז ניט געווען קלאָר אין איהר בעגריף וועגען דעם נביא, וואָס איז ארויס פון דעם גדר מענש דורך זיין לעצטע נסיעה מיט׳ן רייט־וואָגען גלייך אין הימעל, און וואָס איז דאָך געווען א ילוד אשה, אז מען זאָל איהם גלייך קענען רעכענען פאַר א מלאך. — מילא, ווי דאָס איז געווען, די באָבע האָט גערעדט אויף איהר לשון. דאָס קינד האָט איבערגעפרעגט אויף זיין לשון. נאָר דאָס בלאַנדזשענדע פייערל אין דעם קינדס אויגעלאך האָט געוויזען, אז ער ווייסט נאָך אלץ ניט, ווער אליהו הנביא איז. זיין פאָטער איז אין דער צייט ארומ־געגאַנגען מיט א סיגארעט אין זאָל און האָט זיך מיט א שמייכעל צוגעהערט צום געשפרעך פון דער באָבען מיט׳ן אייניקעל. און ווען דער שמייכעל האָט זיך ביי איהם פערוואַנדעלט אין א געלעכטער, איז ער אריין אין עס־צימער, האָט זיך אנידערגעזעצט לעבען קינד און גענומען איהם ערקלערען ווער אליהו הנביא איז.

די אויגעלאך ביים קינד האָבען אנגעהויבען צו שטראַהלען. די בעקעלאך האָבען זיך דערוואָרעמט, און ער האָט פון צייט צו צייט א וואָרף געטהאַן א בליק אויף דער באָבען, ווי ער וואָלט איהר וועלען פרעגען צי דער טאַטע ערקלערט די זאך ריכטיג. דער טאַטע איז ביי איהם געווען אן אויטאָריטעט אין זאַ־כען וואָס בעלאַנגען צו א גאַנץ יאָהר, אבער וואָס איז שייך צו אַזאַ יום טוב, וואָס די באָבע האָט אריינגעבראַכט ווייסט זי מסתמא מעהר פון אלעמען.

ווען דער פאָטער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין ערקלערונג, האָט זיך דאָס קינד א קעהר געטהאַן צו דער באָבען און געזאָגט:

— אי׳ל בי גלעד טו סי הים.

די באָבע האָט ניט פערשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר זי האָט געזעהן זיינע שטראַהלענדע אויגעלאך, זיינע דערוואָרעמטע בעקעלאך, און זי האָט איהם געענטפערט מיט א שמייכעל. זיין

אויפלעבונג, זיין דערוואַרעמטקייט איז טהיילווייז אויך איבערגע־גאַנגען צו איהר, און איהר פּנים האָט אַנגענומען אַ גליקליכען אויס־דרוק. מיט פולען צוטרוי איז ער, ניט פרעגענדיג, ארויף צו איהר אויפ׳ן שוים און פערשאָטען איהר מיט פראַגען: וועז וועט ער קומען, ווי זעהט ער אויס, טרינקט ער אזוי פיעל און דאָס גליי־כען. דאָס קליינע מיידעלע רבקה, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען מיט׳ן שפּיץ פון דעם רעכטען צייגפינגער אין מויל און צוגעקוקט זיך מיט קנאה׳דיגע אויגעלאַך, ווי איהר ברודער פיהרט עפּעס עסקים מיט׳ן טאַטען און דער באָבען, איז מיט אַ בייזען אימפּעט צוגעלאָפען צו איהר און אויך גענומען דראַפּען זיך צו איהר אויפ׳ן שוים, און מיט אַ קול אין וועלכען עס האָבען זיך שוין געהערט טרע־רען האָט זי געזאָגט:

— איך וויל צו גרענד־מאַ.

דאָס האָט שיער ניט געבראַכט צו אַ געשלעג צווישעןביידע קינדער, און זי האָט זיי קוים מיט צרות איינגעשטילט און האָט איהר אויך ארויפגענומען צו זיך אויפ׳ן שוים.

— מיין גרענד־מאַ! — האָט רבקה׳לע געזאָגט מיט אַ וויי־נענדיגען קול.

— איט׳ס מיי גרענד־מאַ! — האָט דאָס אינגעלע געענטפערט און אַראָפּגעקוקט אויף דער שוועסטער פון אויבען אַראָפּ, און ארומ־גענומען די באָבען ארום האַלז.

— זי איז אייער ביידענס גרענד־מאַ, — האָט די מוטער זיך אָנגערופען, אריינקומענדיג פון אַ זייטיגען צימער, אָנגעטהאָן יום־טוב׳דיג, מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

זי האָט רבקה׳לען געוואָלט צונעהמען צו זיך, נאָר יענע האָט אָנגעהויבען צו מאַכען מיט די הענטלאַך און בריקען מיט די פיסלאַך. דערווייל האָט מען זיך געזעצט צום סדר.

פון ערשטען אויגענבליק איז געווען גרינג צו זעהן, אז דער סדר איז געמאַכט געוואָרען פון יוצא וועגען. דער בעל הבית האָט קיין קיטעל ניט אָנגעטהאָן, ער האָט געטראָגען זיין געוועהנליכען גאַרניטור, האָט זיך אָנידערגעזעצט ניט אָנגעלעהנט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בן־חורין, נאָר ווי אַ פּראָסטער בשר ודם זיצט אַ גאַנץ יאָהר.

דעם קדוש האט ער אפגעזופט במעט אהן א נגון, און דעם ורחץ, כרפס, יחץ האט ער אפגע'פטר'ט אין א הרף עין, און די הגדה האט ער אנגעהויבען צו זאגען ניט מיט'ן פרעהליכען קול ווי מען זאגט עס אין אלע פרומע אידישע הייזער, נאר אזוי ווי עמיצער וואלט איהם געשטאנען איבער'ן קארק און געצוואונגען איהם דערצו.
ביי די אלטע אין די אויגען איז אויסגעקומען, אז דער איידעם מאכט חוזק פון דער גאנצער מעשה. עס האט איהר פערקוועטשט אין הארצען און אין מארך איז איהר דורכגעלאפען א געדאנק, ווי פאר א יאהרען איז זי געזעסען מיט פרעמדע מענשען, אבער ווי היימיש זי האט זיך מיט זיי געפיהלט. דעמאלט איז געווען די איינציגע זאך, וואס האט געשטערט איהר שמחה, וואס זי האט ניט איהרע קינדער ביי דער זייט און דארף זיצען ביי א פרעמדען טיש, און איצט האט זי די קינדער ארום זיך און פיהלט זיך עפעס אזוי פרעמד.

זי האט גענומען לייענען די הגדה מיט'ן ריכטיגען נגון, אבער די התלהבות, דער אמת'ער ברען האט ביי איהר אויך געפעהלט. די קאלטקייט פון דעם איידעם האט איהר ווי אפגעגאסען מיט אן עמער קאלטע וואסער.

„עבדים היינו לפרעה במצרים, קנעכט זיינען מיר געווען ביי פרעה'ן אין מצרים און גאט, אונזער גאט, האט אונז ארויסגעצויגען פון דארטען מיט א שטארקע האנט און אויסגעשטרעקטען ארעם".

דאס אינגעלע האט זיך אנפאנגס צוגעהערט אויפמערקזאם, מיט זעהר אן ערנסטע מינע, נאר אזוי ווי ער האט גאר ניט פערשטאנען, איז ער אריבער צום פאטער און געפאדערט ער זאל איהם ערקלערען, וואס זיי זאגען. דער פאטער האט איהם א פאר שטעלען ערקלערט און דאס קינד איז געבליבען צופריעדען און האט זיך צוגעהערט ווייטער.

א היבשע ווייל האט מען געזאגט די הגדה קאלטלאך ביז מען איז געקומען צו „והיא שעמדה לאבותינו".

"און די דאזיגע פערזיכערונג איז בייגעשטאנען אונזערע עלטערן און אויך אונז: ווארום ניט איינער נאר האט זיך אויפגע־

הויבען געגען אונז צו פערטיליגען אונז: אין יעדען דור הויבט זיך עמיצער אויף געגען אונז און וויל אונז פערניכטען, נאר הקדוש ברוך הוא ראטעוועט אונז פון זייערע הענט".

דער איידעם האט די דאזיגע ווערטער אנגעהויבען צו זאגען מיט'ן האלב יוצא־וועגעדיגען נגון. נאר ווען ער איז געקומען צו די ווערטער: „אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו" האט זיין קול א ציטער געטהאן. די זכרונות פון די לעצטע מהומות אין רוס־לאנד זיינען צו פריש, אז די ווערטער זאלען איהם איבערלאזען קאלט.

די אלטע האט א שוידער געטהאן. אלע שרעקען און גרוילען פון דער לעצטער צייט האבען זיך בולט געשטעלט פאר איהרע אויגען, און זי איז ווידער א מאל געווען אין דער היים, אבער איצט האט זי ניט געזעהן קיין סדר, געפראוועט מיט אלע צערע־מאניעס, זי האט איצט געזעהן מענשען צושראקענע, ווי זיי נעהמט אפ הענט און פיס פון דעם מינדעסטען קלאנג, פון דעם קלענסטען גערויש... די קיטלען האבען שוין ניט מעהר קיין יום־טוב'דיגען אויסזעהן, נאר זיי דערמאנען לעבעדיג בעגראבענע און די היסב־בעטס, און די מה נשתנה ליכטלאך פערשפרייטען יענעם מרה שחורה'דיגען שיין פון די ליכט ארום א בר־מנן...

„און די מצרים האבען אונז שלעכטס געטהאן, און האבען אונז געפייניגט..."

אוי, טאטעלע פאטער, ווי שווער, ווי שווער זיי האבען אונז געפייניגט, ווי שלעכט, ווי שלעכט זיי האבען אונז בעהאנדעלט! נאר די אלטע האט איצט ניט געהאט אין זינען פרעה'ן פון מצרים. זי האט געטראכט פון דעם נייען פרעה, פון די נייע פייניגער, פון די נייע שלעכטס־טהוער, פון וועמעס הענט די קינדער האבען איהר ארויסגעריסען. דער נייער פרעה איז נאך אפשר ערגער פון די אמאליגע פרעה'ס אין מצרים. פרעה האט נאר גוזר געווען אויף זכרים און האט זיי געגעבען א גרינגען טויט, און ביי דעם נייען פרעה איז די גזירה אויף אלעמען, מען שאנעוועט ניט קיין זכר, קיין נקבה, קיין יונג, קיין אלט, אפילו קיין קינדער אין די וויגען

און נאך וואס פאר א מתות דער איצטיגער פרעה האט אויסגעטראכט...

מיט וואס פאר א קנאה האבען דאס אויף איהר געקוקט איהרע שטעדטעלדיגע, וואס זי קען זיך ארויסרייסען פון דעם בלוטיגען לאנד. וואס פאר א ווילדע קלאנגען עס האבען זיך ארומגעטראגען, מיט וואס פאר א שרעק, מיט וואס פאר א ציטערניש האט מען דאס ערווארט דעם פסח. אז מען האט זיך געלעגט שלאפען האט מען ניט געוואוסט, מיט וואס די נאכט וועט זיך ענדיגען, און אז מען איז אויפגעשטאנען אין דער פריה האט מען ניט געוואוסט וואס דער טאג וועט ברענגען...

זי האט אווארף געטהאן א בליק ארום זיך. ווי רוהיג עס זיצען איהרע ליעבסטע און טהייערסטע, ווי אנדערם עס זעהען אוים זייערע פנים׳ער פון די, וואס זי האט איבערגעלאזט אין דער היים. פון די שכנים דערגרייכען פערשיעדענע קלאנגען, נגונים. דא הערט זיך א קול פון דער הגדה, דארטען עפעס א זמר׳ל, א פרעהליכעס, דא רייסען זיך קלאנגען פון א פארטאפיאן און דארטען שפרינגען בעקאנטע נגונים׳לאך פון עפעס אן אינסטרומענט. די גאנצע הויז שאלט, זינגט, שפיעלט און איז פרעהליך.

— ..כמה מעלות טובות למקום עלינו—"

פאר וואס קומט עס יענע אין דערהיים אזוי פיעל צרות, אזוי פיעל ענוים און איהר אזא גליק. ניט איהר אייגענער זכות איז איהר אין דעם בייגעשטאנען. זי האט זיך גאר ניט אזוי פערדיענט ביי גאט, אז ער זאל איהר ווייזען אזא חסד.

דער איידעם האט גענומען דעם בעכער אין האנט און געזאגט מיט א ווארעמען קול:

„לפכך אנחנו חייבים, דעריבער זיינען מיר מחויב צו דאנקען, צו לויבען, צו ריהמען, צו בעשיינען, צו דערהויבען, צו פערעהרען, צו בענשען... איהם, וואס האט געטהאן די אלע נסים פאר אונזערע עלטערן און אונז וואס האט אונז אויסגעצויגען פון קנעכטשאפט צו פרייהייט, פון טרויער צו פרייד, פון קלאג צו יום טוב, פון פינסטערנים צו גרויסען ליכט, פון אונטערטהעניגקייט צו אויסלייזונג, און לאמיר צו איהם דערפאר זינגען א נייע ליעד, הללויה".

ביי דער אלטער אין די אויגען האבען זיך געוויזען טרערען. און זי האט שטייף, שטייף צוגעדריקט צום הארצען רבקה׳לען. וואס איז די גאנצע צייט געזעסען רוהיג ביי איהר אויפ׳ן שויס. דאס קינד האט צו איהר אויפגעהויבען די אויגלאך און די טרערען האבען זיך אראפגעקייקעלט צום קינד אויפ׳ן פנים׳על.

— וויינסט ? — האט דאס קינד געפרעגט.

אלע האבען אויף איהר א קוק געטהאן און מיט די אויגען געפרעגט, וואס דאס בעדייט.

די אלטע האט זיך ווי פערשעמט און געענטפערט :

— ניין, איך וויין ניט ; ניין, איך וויין ניט.

איהר קול איז געווען פערשטיקט און פון די אויגען האבען זיך גענאסען טרערען אהן אן אויפהער.

— איך וויין ניט, — האט זי ווידער אמאל געזאגט און גע־ריבען זיך די אויגען. איך ווייס ניט, מיט וואס האב איך דאס אזוי זוכה געווען ביי דעם אויבערשטען...

נאר זי האט ווייטער ניט געקענט רעדען.

אלע האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און ארומ־געשטעלט זיך ארום איהר.

— דאנ׳ט קראי ! (וויין ניט.) — האט צו איהר געזאגט מיט א פערקלעמטען קול דאס אינגעלע.

זי האט די ווערטער ניט פערשטאנען, נאר דאס קול׳כעל האט גערעט מעהר ווי ווערטער, און דאס האט ביי איהר געעפענט א נייען קוואל טרערען.

אין עטליכע מינוט ארום האט דער איידעם אויסגעלאזט מיט א פרעהליכען קול :

ברוך אתה ד׳ גאל ישראל !

און אלע האבען זיך גענומען צו די כוסות.

* *

שוין א צייט מיט יאהרען ווי זיי אלע האבען ניט געהאט אזא פרעהליכען און בעהארצטען יום טוב ווי דעם איצטיגען. נאר די זכרונות פון דערהיים זיינען ווי א שאטען געהאנגען איבער זייער שמחה.

# ויהי בחצי הלילה.

וואו נאר עני האט בעגעגענט א בעקאנטען די לעצטע פאר וואכען פאר פסח, האט זי איהם אפגעשטעלט און מיט א חנ'עוודיגען שמייכעל געזאגט:

— איהר וועט דאך זיין אין מארס'־זאל צום ערשטען סדר, ניט אמת?

— וואס וועט דארטען זיין אזוינס?

— אה, א. וועט פרעגען די פיער קשיות; ב. וועט ענטפערן די תירוצים. עס וועט זיין א לאט פאן (א סך שפאס).

זי האט געשמייכעלט אזוי זיס, אז זי איז געווען זיכער, דאס דער בעקאנטער וועט געווים זיין אין מארס'־זאל צום ערשטען סדר.

זי האט די לעצטע פאר וואכען ניט גערוהט. קומענדיג פון דער ארבייט, האט זי זיך אין דער גיך אפגעפארטיגט מיט'ן מיטאג און איז אוועק צו איהרע חבר'טעס און געסטארעט זיך אויפצו־מונטערן זיי, אז זיי זאלען ווירקען אויף זייערע בעקאנטע, אז אלע זאלען זיך צוזאמענקלייבען אין מארס'־זאל. זי האט געפיהלט, אז וואס מעהר עולם עס וועט זיך צונויפקלייבען צום ערשטען סדר, וועט זי אלץ א גרעסערע נקמה האבען אין דעם פאנאטיזמוס, פון וועלכען זי האט געהאט אויסצושטעהן קאלט און ווארעם ביי איהרע פרומע עלטערן אין דער אלטער וועלט, און אין איהר מיסעם (בעל הבית'טע). וועלכע היט איהר אויף יעדען שריט און טריט דעם גאנצען פאר פסח און לאזט איהר ניט צוריהרען זיך צו קיין זאך אין הויז.

פאר עני'ן איז דאס געווען א קאמף מיט א רואה ואינו נראה'דיגען בעגנער, וועלכער האט א גוואלדיגע מאכט, און וואס גרעסער דער

עולם וועט זיין ביים ערשטען סדר אין מארס׳־זאל, וועט זי אליין א גרעסערען נצחון האבען איבער דעם געגנער.

נאר דער עיקר איז געווען, אז זי האט אין דעם דאזיגען אבענד פון פסח געדארפט האבען עפעס א צערשטרייאונג, ווי דער סדר אין מארס׳־זאל, וואו קלוגע, פרייזיניגע מענשען וועלען פרעגען קלוגע קשיות און געבען אן אויסדרוק צו די אונצופריעדענע געפיהלען, וואס שטויסען זיך אין איהר ברוסט. זי האט שוין אמאל פערבראכט דעם ערשטען סדר איינע אליין אין איהר קליינעם ענגען קאמערל פאר א בוך, און זי האט קיין זאך ניט פערשטאנען פון דעם וואס זי האט געלייענט, און עס איז איהר געווען אזוי אומעטיג, אז זי פיהלט גאר א שרעק צו פערברענגען נאך אמאל אזא אבענד צווישען פיער ווענט.

ענדליך איז דער פיעל געווינשטער אבענד געקומען. דער אייביגער גערויש פון דעם גרויסען קעסעל־גרוב, וואס רופט זיך „ניו־יארק" איז שטיל געווארען. די לבנה האט זיך געמאטערט אריינצושיקען איהר ווייכען ליכט אין דעם גהעטא, נאר די הויכע מויערען האבען מיט חוצפה אפגעשטויסען די זילבערנע שטראהלען, און אונטען איז געווען א טרויעריגער אויסמיש פון דונקעלע שאטענס און א בלאסע ליכטיגקייט. פון די גרויסע אימה׳דיגע הייזער, אנגעשטאפט מיט מענשען, האט זיך געזעהן יענע האוועניש, וואס קומט פאר א יום־טוב׳דיגער רוה.

עני איז געשטאנען ביי זיך אין קאמערל פאר׳ן קליינעם שפיגעל וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט. זי איז שוין געווען אינגאנצען אנגעטהאן. זי האט איצט צום לעצטען מאל אומגעדרעהט דעם קאפ צו זעהן, ווי דאס קלייד ליגט פון הינטען. אין דער מינוט האט זיך קיך דערהערט א פרעהליכער קול:

— גוט יום־טוב !

דאס איז שוין דער בעל הבית געקומען פון שוהל. זיין פרעהליכער קול האט איהר אויפגעוועקט פון איהרע געדאנקען, און זי האט געזאגט צו זיך:

— א שמחת מיט איהם ! ער וועט האבען אכט טעג בויכוועהטאג.

זי האָט דעם קאָפּ צוגערוקט צום שפּיגעלע, אריינגעשטאָכען די שפּילקע אין הוט און איז גלייך ארויסגעגאנגען.

*   *   *

מארס׳־זאל איז געווען פול, ווען זי איז אהין אריינגעקומען. זי האָט איהרע בעקאנטע בעגריסט אויך מיט א „גוט־יום־טוב“ און ארויסגעזאָגט עס מיט׳ן זעלבען ניגון ווי דער בעל הבית. אלע האָבען געלאכט מיט׳ן גאנצען הארצען. דער קשיא־פרעגער און דער תירוץ־זאָגער זיינען נאָך ניט געווען, נאָר אהן זיי איז אויך געווען פרעהליך. העל האָבען געברענט די גאז־לעמפּלאך, יום־טוב׳דיג זיינען געזעסען יונגע מענשען אין א קופּקע און מען האָט דערוייל שטיל געזונגען „פאר זיך“ מאלאָראָסישע וועסניאנקעס. אין א צווייטען אָרט האָט זיך איינער צווישען א רעדעל מיידלאך מעלאָדראָמאטיש ערקלערט אין ליעבע און געווענדט זיך צו זיין שוואכקייט אלס צו „שרה דבריא“, און די מיידלאך ארום האָבען פערהילכט דעם זאל מיט זייער געלעכטער. ענדליך איז דער פּאָרזיצענדער א ר ו י ף אויף דער פּלאטפאָרמע, און דער גערויש איז געוואָרען אביסעל שטילער. באלד האָט זיך אויך געוויזען דער קשיא־פרעגער, און אין זאל איז געוואָרען שטיל.

באלד האָבען זיך אָנגעהויבען די קשיות. די פערזאמעלטע זיינען געווען אין אזא מוטה, ווען מען לאכט פון דעם גאנצען הארצען פון א ליאדע וואָרט און מען אפּלאָדירט פייערדיג דעם מינדםטען וויץ.

די קשיות האָבען זיך געדרעהט ארום דער אייביג־מענשליכער נארעשקייט און די אפּלאָדיסמענטען האָבען א לאנגע ווייל פּערטויבט די פערזאמעלטע נאָך יעדער קשיא. מיט דער זעלבער וואָרעמקייט האָט מען בעגעגענט דעם תירוץ־זאָגער און זיינע תירוצים. עני האָט געקליבען פערגעניגען פון יעדען וואָרט און האָט וואָרעם אפּלאָדירט.

א זייגער עלף האָט זיך דער סדר געענדיגט. בעקאנטע, העפליכע קאַוואַלירען, האָבען עני׳ן בעגלייט אהיים און דעם גאנצען

וועגן האָט מען ווידערהאָלט די שאַרפזיניגערע קשיות און מען האָט ווייטער געלאַכט, געלאַכט פון פולען האַרצען.

* * *

ביי דער בעל־הבית'טע איז דער סדר נאָך ניט געווען געענדיגט. און ווען עני איז דורכגעגאַנגען פאַרביי דער טהיר צו זיך אין צימער, האָט צו איהר דערגרייכט דאָס זופּעניש פון דער פּסח'־דיגער עברי, וואָס האָט זיך געענדיגט ביי יעדען זאַץ מיט „ויהי בחצי הלילה". זי האָט מיט איהר שליסעל געעפענט די טהיר פון איהר קאַמערל און עטליכע מאָל ווידערהאָלט מיט אַ שמייכעל: „ויהי בחצי הלילה". אַריינקומענדיג אין צימער, האָט זי אָנגעצונדען דעם גאַז, אויסגעטהאָן דעם הוט און אַ היבשע צייט געקוקט אין שפּיגעלע. איהרע בעקעלעך, וואָס זיינען איצט געווען רויט און דער גלאַנץ אין איהרע אויגען זיינען איהר געווען זעהר געפעלען, מעהר ווי אלע מאָל, און זי האָט ביי זיך בעשלאָסען, אַז זי איז געווען די שענסטע אין מאַרס'־זאָל. די יונגע לייט האָבען זיך אַרום איהר אַרומגעדרעהט מעהר ווי אַרום אַלע אַנדערע, נאָר איהר האַרץ ציהט ניט צו זיי. זי וואָלט וועלען נושא חן זיין ביי אַזאַ יונגען מאַן, ווי דער קשיא־פרעגער אָדער דער תירוץ־זאָגער... זי איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ היבשע צייט און ווען זי האָט זיך אָבּגעריסען פון דעם שפּיגעלע איז זי געווען אַ ביסעל מעלאַנכאָליש. זי האָט פּאַמעליך אַראָפּגעצויגען איהר קלייד, לאַנגזאַם לויז געמאַכט דעם קאָרסעט און אַנידערגעזעצט זיך אויפ'ן בעטעל.

— אחד מי יודע? אחד אני יודע, האָט דערגרייכט דעם בעל הבית'ס קול פון קיך.

מערקווירדיג, איהר טאַטע זיצט איצט אין אַ פּערוואָרפענן קליין שטעדטעלע אין דער ליטא, און איהר בעל־הבית זיצט דאָ אין ניו־יאָרק — איינער אין איין עק וועלט און דער צווייטער אין דעם צווייטען עק וועלט — און דאָס זעלביגע נגונ'דעל, דער זעלבער קוועטש: „אַ־אחד מי יוד־דע".

— אַ־אַרבע אמ־מהות, שלושה אַ־אבות...

אין איהר מאַרך שווימט אַרום איהר היים, די ערשטע סדר־נאַכט, איהר טאַטע מיט אַ שיווליכער באָרד, אין ווייסען קיטעל.

אנגעלעהנט אויף דער הסב־בעט, די מאמע אין א ריין געפּרעס־טען יאקעל און קליידעל, דער יונגערער ברודער אין א נייעם גאר־ניטער, די „מה־נשתנה"־ליכטלעך אין ריין אויסגעשייערטע לייכטער אויפ׳ן טיש, די וועגט פריש אויסגעקאלכט, פון די ריינע קלארע שויבען גיסט זיך אריין א דערקוויקענדע ליכט פון דער פולער קייעלעכדיגער לבנה.

— ששה סדרי מ־משנה, חמשה חומשי תו־ורה...

ווער איז דאס יונג מיידעלע, דאס שעהן יונג מיידעלע מיט רויטינקע בעקעלעך פון די עטליכע האלבע כוסות וויין, וואס זיצט ביים סדר? זי הערט זיך צו די ווערטער, וואס וואקסען מיט יעדער מינוט און ווידערהאלען זיך מיט דעם זעלבען נגון און זי קלויבט נחת.

— אחד עשר כוכבי־יא, עשרה דברי־יא...

עשרה דבריא! עס קלינגען איהר אזוי שען, אזוי משונה׳דיג שעהן די צוויי ווערטער, און ווארט ביז דער טאטע וועט אין דעם וואקסענדען זמר׳ל ווידער צוקומען צו די „איאס" און זי וועט קענען אריינשיסען מיט׳ן טאטען צוגלייך אין „עשרה דבריא".

— חד גדיא־א, ח־חד גדיא...

די פלוצליכע ענדערונג אין דעם נגון, האט איהר ארויסגע־רופען פון איהרע פאנטאזיעס. זי וועט ניט זיין אין דער היים. זי איז פערוואָרפען אין דעם צווייטען עק וועלט, ערגעץ אויפ׳ן ווי־פיעלטען עטאזש אין א חושך׳דיג קאמערעל, איינע אליין, און מאר־גען מיט׳ן סוויסטש פון דער פאבריק לויפען אין שאפ, טרייבען פון זיך דעם שוויים... ווייסט די מאמע, וואס פאר א פרעהליכען יום־טוב איהר חיה׳לע האט דארערט?

— ואתא כלבא ונשך לשונרא, דאכלה לגדיא...

די עראינערונגען פון דער ערשטער סדר־נאכט אין דערהיים. פערבונדען מיט די יונגע יאהרען, ווען דאס הארץ האט זיך געננ־מען דאס ערשטע מאל צאפלען פון אונבעוואוסטע געהיימניספאלע געפיהלען, ווען די פאנטאזיע האט געקראגען שטאלענע פליגלען און אלץ ארום האט זיך געוויזען פאר די אויגען אין ראזע קאליר,— די עראינערונגען האבען געגען איהר ווילען ארויסגערופען פאר איהר

די טרויעריגע ווירקליכקייט, און עס האט איהר פערשטשימעט דאס הארץ; און עס איז איהר זויער געווארען אין האלז און טרערען זייי־נען צוגעטראטען צו די אויגען. און א ווילדע, שארפע בענקעניש נאך דער היים, נאך דער מאמען, נאך דעם טאטען, נאכ'ן סדר, נאכ'ן „ויהי בחצי הלילה“ האט איהר שטייף ארומגעכאפט, און ווען פון קיך האט דערגרייכט צו איהר דער מעלאנכאלישער אפשטארבענדער נגון פון דעם לעצטען פערז פון „חד־גדיא“, איז איהר קאפ אראפ־געזונקען אויפ'ן קישען, און ניט אראפנעהמענדיג דעם לייזען קאר־סעט, ניט פערדרעהענדיג דעם גאז, איז זי אין אלעמען א לאנגע צייט געלעגען איינגעגראבען מיט'ן פנים אין קישען, ביז זי איז איינגעשלאפען און האט אפשר געזעהן אין חלום, אז זי איז ווידער א יונג מיידעלע און זיצט ביים ערשטען סדר מיט טאטע־מאמע און זינגט „עשרה דבריא“...

# דער חלום.

(פאר־פסח'דיגע ערצעהלונג פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא)

יודע לייב האט זיך אפגעזיפצט מיט'ן געוועהנליכען זיפץ, וואס מען לאזט ארויס נאך א שווערען טאג ארומפאדען און האלטען זיך אויף די פיס, און מען זעצט זיך שוין ענדליך אנידער וויסענדיג אז די אויסגעמאטערטע ביינער וועלען האבען א לענגערע רוה. דאס איז געווען א לאנגער, פיעל גארענדיגער זיפץ וואס האט זיך אנגעהויבען שווער כמעט ווי מיט א קרעכץ און געענדיגט זיך שטיל, שטיל, ביז די גאנצע לופט פון די לונגען איז אויסגעלעדיגט געווארען.

מיט א מיעדער בעוועגונג האט ער א קוק געטהאן פוןביידע זייטען, צו די פיער גאלאנען וואס האבען פרעהליך, יום־טוב'דיג ארויסגעשטעקט זייערע העלזלאך פון די נייע קלארע שטרויענע העמדלאך, זיינען קיינעם ניט אין וועג, האט זיך א פאר מאל א רוק געטהאן אין זיין זיץ, וואס איז אויסגעקומען אין א ווינקעל אין וואגאן פון דער דריטער עוועניו עלעווייטעד, כדי צו זיצען בעקוועמער, האט ארויסגענומען פון קעשענע א צוקנייטשטע אידישע צייטונג, וועלכע ער האט שוין עטליכע מאל אנגעהויבען צו לייענען אין דעם פערלויף פון דעם טאג, נאר יעדעם מאל האט ער געמוזט אוועקווארפען אין מיטען, ווייל איצט איז געווען די צייט פון אלע צייטען, איצט איז געווען זיין יריד און ער האט זיך ניט געטארט פערגינען א מינוט רוה.

יודע לייב איז געווען א פעדלער פון משקה און טהעע. ער האט קיין מאל ניט געקענט פערשטעהן פאר וואס די דאזיגע ביידע פרנסות געהען האנט אין האנט אין אמעריקא און האט בשום אופן ניט גע־

קענט איינזעהן די שייכות פון ווייַן מיט טהעע. נאַר אַזוי איז דאָס שוין איינגעפיהרט, און פון ביידע פּרנסות איז איהם געבליבען געגוג צייט צו פערשילטען קאָלומבוס׳ן די יאָהרען.

יודע לייב איז שוין ניט געווען קיין יונגער מאַן. ער איז שוין געווען קרוב פון פופציג. אין אמעריקא איז ער געקומען מיט אַ יאָהר אַנדערטהאַלבען צוריק און האָט מיט זיך געבראַכט עטליכע דאָלאַר. אין דערהיים איז ער געווען אַ פיינער בעל הבית, ער האָט אין מארק געהאַט אַ גרויסע אכסניא, וואו עס פלעגען געוועהנליך איינשטעהן אַלע דורכפאָהרענדע מגידים, גאַסטראָלירענדע חזנים, קליינשטעדטעלדיגע איסבאַרסטשיקעס. יודע לייב אַליין האָט זיך אין דער אכסניא ווענינג געמישט, זיין ווייב איז געווען אַן אמת׳ע אשת חיל, אַ ברייטע בעל הבית׳טע, די אַרבעל שטענדיג פערקאַ־טשעט, אַ גרויסער בינטעל שליסלאַך פערשטעקט אין ספּאַדניצע, שטענדיג אויף די פיס, מיט אַן אויג אויף אַלץ, און די איינציגע הילף וואָס ער פלעגט קענען געבען איז שטוב איז געווען צו שאַבען פיש. דאָס איז געווען אַן אַרבייט אין וועלכער ער האָט אַרויסגע־וויזען גרוים השלמות, און ער האָט צו דער אַרבייט ניט צוגעלאָזט קיינעם, ניט די דיענסט, ניט דעם משרת, און ניט אפילו זיין אשת חיל. נאַר אַ חוץ דער אַרבייט האָט ער כמעט קיין זאַך ניט געטהאָן. זיין דאַווענען האָט ביי איהם אַוועקגענומען אַ האַלבען טאָג, ביז מנחה למעריב האָט ער געזאָגט פּאָר׳ן עולם עין יעקב אין מאָר־ליאַרסקער קלייזעל, און נאָך מעריב האָט מען געשמועסט וועגען פּאָליטיק, וועגען אמעריקא, וועגען גזרות אויף אידען און וועגען די אַנדערע טויזענדע ענינים, וואָס האָבען פון אייביג אַן אינטע־רעסירט די חכמי ליזשאַנקע.

אין די לעצטע צעהן יאָהר אָבער איז די פּרנסה אין אכסניא גע־פאַלען, עס האָבען זיך מעהר ניט געהערט די פרעהליכע טרעלען פון די חזנים, די תורה־ווערטלאַך פון די מגידים, די גראָבע המצאות און וויצען פון די איסבאַרסטשיקעס. דער אייביגער ליאַרעם און גע־פילדער, דער קאָך און דער הו־האַ זיינען אָפּגעשטאַרבען, דער ריח פון געבראָטענע גענזלאַך און געפילטע פיש, מיט וועלכען די לופט איז געווען שטענדיג אָנגעזאַפּט, איז פערשוואונדען. די פיינע

אורחים האבען זיך זעלטען געוויזען, די אכסניא האט אנגעהויבען צו פוסטעווען, אויף די ווענט האט זיך אויסגעשפרייט א מרה־שחורה, די לופט איז געווארען דריקענד, און ווען א חזן איז אמאל אין א שמיטה פערפאהרען און ער האט גענומען פרובען זיין כלי, האט עס אויסגעזעהן, אזוי ווי ער קלייבט זיך צו מאכען אל מלא רחמים אויף דעם, וואס דא איז אמאל געווען. חנה לאה, יודע לייב׳ס ווייב, איז א לאנגע צייט ארומגעגאנגען ווי א שאטען, און הגם די ארבעל זיינען נאך אלץ געווען פערקאטשעט, איז דאס אבער געווען מעהר פון רגילות, און די הענט וואס האבען פריהער געהאט אזוי פיעל בעוועגונג, זיינען ביי איהר געווארען ווי קלעצלאך. די פיס זיינען איהר געווארען שווער און זי האט זיך געמוזט אלע ווײלע צוזעצען. אין א פאר יאהר ארום האט זי אנגעהויבען צו קרענקען און דערפון איז דער חורבן אין שטוב געווארען נאך גרעסער. פון די פיער קינדער וואס זיי האבען געהאט זיינען די עלטערע צוויי זיהן שוין געווען פערהייראט און זיינען געוועזן אין א גרויסער שטאדט. די אינגערע צוויי קינדער, א בחור און א מיידעל האבען בעשלאסען צו פאהרען אין אמעריקא און אנהויבען א נייען לעבען אין א נייען לאנד. און אזוי ווי אין דערהיים האט זיך די לאגע ניט פערבעסערט און דערצו האבען זיך נאך אנגעהויבען די שרעקען פון די פאגראמען האבעןביידע קינדער פון אמעריקא אנגעהויבען צו פאדערן, אז טאטע־מאמע זאלען קומען צו זיי, און נאך א לאנגען ישוב הדעת האט יודע לייב צוזאמענגעקליבען אזוי פיעל מזומן, ווי ער האט געקענט און איז מיט׳ן ווייב געקומען אין אמעריקא.

ביידע קינדער האבען געארבעט אין א שאפ און זיי זיינען קיין עשרים ניט געווען. חנה לאה האט גלייך איינגעזעהן, אז עס איז קיין תכלית ניט אוועקצונעהמען ביי די קינדער זייער שווער־פערהארעוועטע „פיי" און נאך א בעראטה צווישען זיך איז בעשלאסען געווארען, אז יודע לייב זאל זיך נעהמען צום פעדלען מיט ווײן און טהעע. דאס איז אן ארבייט צו וועלכער מען דארף קיין קענטנים, קיין לשון ניט האבען און פיעל ער וועט ניט פערדיענען וועט מען ווי עס איז אויסקומען, בפרט אז די עטליכע דאלאר וואס זיי האבען מיט זיך געבראכט זיינען נאך געבליבען ניט גערירט.

די לאנדסלייט האבען אויף איהם געלעגט כבוד און געהאלפען איהם מיט א זיפץ: אז אך און וועה, אז רבי יודע לייב זאל אויף די עלטערע יאהרען דארפען שלעפען זיך איבער די הויכע טרעפ און פעדלען. זיי זיינען געווען צופריעדען צו געבען איהם צו לייזען. אגב האבען זיי געדארפט אנקומען צו זיין לאסקע און ער איז געווען א ניצליכער מענש אין יעדען הויז, וואו ער איז אריינגעקומען. ביי איהם האט מען ריכטיג געקענט אויסגעפינען, ווען ביי וועמען עס פאלט אוים א יאהר־צייט, ווען מען דארף זאגען האלב הלל אדער גאנץ הלל, איהם האט מען געקענט בעטען ער זאל אנשרייבען א בריעף אהיים אדער אן אדרעס, ביי איהם האט מען געקענט פרעגען א רפואה צו א זייגער וואס האט זיך פלוצים פון העלער הויט אוועקגעשטעלט און וויל זיך ניט ריהרען פון ארט, כאטש גיט איהם א קדחת און נאך א סך, א סך אזעלכע נייטיגע זאכען... נאר ליידער זיינען די לאנדסלייט קיין טרינקער ניט געווען, און אז איינער האט גענומען אמאל א האלבען גלאז ווייז איז ער שוין מיט איהם געווען פערזארגט אויף א האלב יאהר. און די איינציגע צייט ווען זיין פעדלען האט איהם געקענט עפעס אריינברענגען איז געווען פאר פסח. צו א טרינקער צו ניט קיין טרינקער, ארבע כסות דארף יעדער איד האבען און אין די פאר וואכען איז יודע לייב פון אין דער פריה ביז שפעט אין אבענד געקראכען אין די בייסמענטס, געקלעטערט אויף די טאפ פלארס און פערזוכט דעם טעם פון ביזי אין אמעריקא.

עס קען זיין, אז די ביזי וואלט איהם געמאכט פערגעסען קאלומבוס׳ן, נאר גראד אין די טעג האבען די לאנדסלייט געהאט אויף איהם מעהר רחמנות ווי א גאנץ יאהר.

קיין לאנדסמאן אדער לאנדסמאנקע האט זיך ניט געקענט איינהאלטען, זעהענדיג, ווי ער גיסט זיך אפ מיט שוויים פון קלעטערען מיט די שווערע גלאזענע וויין, איבער די הויכע טרעפ ניט צו בעמערקען מיט א זיפץ:

— אז אך און וועה, וואס אמעריקא מאכט פון א מענשען!

געווען אזא פיינער בעל הבית און דא אין אמעריקא — הא, וואס? יודע לייב האט פראטעסטירט און ערקלערט, אז אין געשעפט

איז ניט שייך וואָס איז שעהן און וואָס איז ניט שעהן. נאָר דאָס האָט ער געזאָגט לפנים ווענען, אין הארצען אבער האָבען די דאָזיגע בעמערקונגען אַנגעריהרט א טיעפע וואונד, און ווען ער האָט זיך איצט אַנידערגעזעצט אז אויסגעמאַטערטער, אָהן כחות, אז אויסגעהונגערטער אין וואַגאָן, מיט דער צייטונג פאר די אויגען, איז שוין די וואונד אין הארצען געווען אין גאַנצען אָפען. די לעצטע פאָר יאָהרען פון דער היים האָט ער גאָר פערגעסען און ער האָט איצט נאָר געדענקט פון דער צייט, ווען ער איז געווען דער חשוב׳ער בעל־הבית, דער אָנגעזעהענער מאַן, דער בכבוד׳יגער איד אין שטאָדט. ער האָט איצט געדענקט, ווי ער איז געזעסען אין קהל־שטיבעל הגם ער האָט ניט בעלאַנגט צו די כלי קודש און האָט געהאָלפען טהיילען מעות חטים. ער האָט איצט געדענקט, ווי זיין נדבה אויף מעות חטים איז שטענדיג געווען איינע פון די שעהנסטע און דערצו האָט ער געהאט עטליכע פאמיליעס וועלכע ער האָט אויף פסח בעזונדער געהאָלפען. ער האָט איצט זיך דערמאָנט, ווי זיין מוזיניק איציקעל פלעגט יעדען ערב פסח טראָגען די גרויסע בוטלעס וויין און מעד צו די דאָזיגע פאמיליעס וואָס ער האָט געשטיצט, און ווידער א זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין הארצען, נאָר דאָס מאָל איז דער זיפץ געווען פון יענעם מין, אויף וועלכען די חכמים האָבען געזאָגט, אז ער צוברעכט א האַלבען גוף.

זיין בליק איז געפאַלען אויף די גאַלאָנען וויין ארום זיינע פיס, אויף די פעקלאַך וואָס האָבען ארויסגעטארטשעט פון זיינע קעשענעס און ער האָט זיך איבערגעפרעגט עטליכע מאָל וואָס אמעריקא האָט פון איהם געמאכט? און איהם האָט אויסגעוויזען, אז זי האָט פון איהם גערויבט זיין כבוד, האָט פון איהם אוועקגענומען זיין ווירדע, האָט איהם ערנידריגט צו דער מדרגה פון א האַלבען כלי קודש, יאָ, יאָ, מען האָט איהם שוין אַנגעבאָטען אין זייער שוהל די שטעל פון א שמש און ער, יודע לייב, דאַרף זיין ביי זיינע קונדען דער ספר המזכיר פון זייערע יאָהר־צייטען און זיין ביי זיי אויף פאַכאָלקעס!

ער האָט צום צעהנטען מאָל אַנגעהויבען צו לייענען די וויכטיגסטע נייעס פון טאָג. דאָס איז געווען ווענען די פּאַגראָמען

אין רומעניען. דעם עיקר האָט ער שוין געוואוסט און אין דעם פערלויף פון דעם טאָג האָט ער שוין געהאט די געלעגענהייט צו הערען וועגען דעם און רעדען וועגען דעם פיעל מאָל. נאָר ער האָט איצט געגומען זוכען מעהר איינצעלהייטען. נאָך אלעמען איז דאָס שוין קיין נייעס ניט. די זעלביגע הריגות, ווי עס זיינען געווען אין קישינעוו, אין האָמעל, אין אָדעס, אין ביאליסטאָק און נאָך אין צעהנדליגע אנדערע שטעדט. דאָ שלאָגט א רומענישער הוליגאַן און דאָרטען א רוסישער הוליגאַן. די זעלביגע וועלפישע צייהן אין דעם אָרימען שעפעלע.

אין די דאָזיגע געדאַנקען האָט ער איינגעדרעמעלט. די מיעדיגקייט פון דעם גאַנצען טאָג, דער אונוויל'ענדער תענית, וואָס ער האָט געבראָכען נאָר מיט א גלעזעל בראַנפען האָבען זיך אויף איהם אָפגערופען, זיינע הענט, וואָס האָבען געהאַלטען די צייטונג פאַר די אויגען האָבען זיך ביסלעכווייז אראָפּגעלאָזט, די צייטונג איז ארונטערגעפאַלען, און זיין דרעמעל איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א פעסטען שלאָף.

* * *

ער האָט געזעהען די גלעזערנע טהיר און איז ארוים אויפ'ן גאַניק. דער מאַרק איז געווען לעבעדיגער ווי געוועהנליך, רעדלאָך מענשען זיינען געשטאַנען אין פערשיעדענע פּלעצער און האָבען גערעדט וואָרעם, מאַכענדיג האַסטיג מיט די הענט. צווישען די רעדלאָך האָבען זיך בעמערקט פיעלע יונגע בחורים'לאָך אין רוּבאַשקעס און אויך מיידלאָך מיט מאַנסבילישע היטעלאָך. אַי־אַי־אַי, האָט ער א שאָקעל געטהאָן אונצופריעדען מיט'ן קאָפּ. וואו האָט זיך דאָס היגגעטהאָן די חרפּה און די בושה ביי אידישע בחורים, אז זיי קלייבען אוים דוקא אַנצוטהאָן זיך ווי די קאַצאַפּעס. וואָס פאַר א חן שטעקט אין די דאָזיגע העמדלאָך? און אידישע מיידלאָך זאָלען זיי נאָך נאָך שטופען אין רעדלאָך אויפ'ן מאַרק. פּע! פּע! זיין בליק פאַלט פּלוצים אויף א רעדעל לעבען זיין שטוב און ער דערזעהט זיין מוזיגיק. יאַ, ער אויך אין א קאַצאַפּישע העמדעל. „העי, איציק, אהער קום, שייגעץ!” גיט ער צו איהם א געשריי. איציק קומט צו לויפען מיט א רעוואָלווער אין האַנט.

— וואס איז דאס, א רעוואלווער גאר?

— עס ווייזט אויס, טאטע, אז דו ביזט געשלאפען און דו ווייסט גאר ניט, וואס עס טהוט זיך.

— וואס איז געשעהן?

איציק דערצעהלט דעם טאטען אז די קאצאפעס וואס אר־בייטען ביי דער אייזענבאהן האבען זיך צווישעט און זיי קלייבען זיך צו מאכען א פאגראם אויף אידען. נאר זיי האבען א טעות, אויב זיין מיינען, אז זיי וועלען דא טרעפען הילפלאזע שעפעלאך. אה, ניין! אלע בחורים און יונגע לייט האבען פון דער ארגאניזאציע גע־קראגען געלאדענע רעוואלווערס און זיי וועלען געבען די קאצאפעס פעפער צום שמעקען, אז זיי זאלען פערזאגען זייערע קינדס־קינדער.

— דו זעהסט? דאס האבען מיר פאר זיי אנגעגרייט, — זאגט איציק און ווייזט איהם אויף זיינע צוויי אויסגעסטארטשעטע הויזען־קעשענעס. — דאס זיינען קוילען.

איציק לעגט אריין די האנט אין איין קעשענע און נעהמט ארויס פון דארטען א גאנצען הויפען טערקישע ניס. יודע לייב בעמערקט צווישען די ניס א פאר צווילינגס.

— דאס זיינען דאך גאר ניס.

— ניין, דאס זיינען אזעלכע קוילען!

און מיט די ווערטער לויפט איציק אוועק און פערמישט זיך אין א מחנה מענשען.

— איציק! איציק! — רופט ער מיט שרעק, נאר יענער הערט איהם שוין מעהר ניט.

ער וויל זיך לאזען לויפען צו איהם, נאר אין דער מינוט ווערט א מהומה אויף דער גאס. פון דערווייטענס הערט זיך עפעס א מין גערויש, ער קען ריכטיג ניט בעשטימען, וואס פאר א מין גערויש דאס איז, נאר ער פיהלט דעם שרעק, וואס דער גערויש רופט ארויס. די סעדיכעס פון מארק האבען געכאפט זייערע קאשיקעס, ביינק־לאך, טישלאך און געלאזט זיך לויפען מיט ווילדע קולות. די קרע־מער האבען האסטיג גענומען פערהאקען זייערע קראמען און אין א פאר סעקונדען איז צווישען די גרויסע ראנדען קראמען געווא־רען א שרעקליכע, מאוים׳דיגע שטילקייט, אזוי ווי אלץ וואלט דאר־

טען מיט אמאָל אויסגעשטאַרבען. ער גיט אַ קוק אויף זיין גלע־זערנע טהיר און טראַכט, אז גלאָז איז א שלעכטע בעשיצונג פון הוליגאַנעס. דער געוויש קומט צו נעהענטער און ער קען שוין אונטערשיידען בעזונדערע שכור׳ע קולות. די ווייבער האָבען אויפ־געהויבען א שרעקליכע יללה, פון אלע הייזער הערען זיך פערצוויי־פעלטע געשרייען, דאָס רופען די טאַטע־מאַמעס זייערע קינדער פון גאַס. סטאַפּעטען קומען צו פליהען מיט צושראָקענע פּנים׳ער און מיט משונה׳דיגע האַוואיעס און קוים אָפּכאַפּענדיג דעם אָטהעם מעל־דען זיי, אז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען. אין מאַרק האָט זיך אָנ־געהויבען א מהומה. עס איז געוואָרען א ווילדער געלאָף אין אלע זייטען. די קאַצאַפּישע העמדלאָך האָבען זיך אלע אויסגעמישט אין איינעם. פּיף־פּאַף! קראַך! קראַך! עס הערט זיך איין שאָס נאָכ׳ן צווייטען, עס בראַזגען די שויבען איינע נאָך די אנדערע. ער וויל אריינלויפען אין שטוב, נאָר ער קען ניט ריהרען מיט קיין פוס. ער איז ווי צוגעשמידט צו דער ערד. זיין מוזינקע, רחל׳ע, לויפט ארוים צו איהם און שרייט צו איהם און בעט זיך ביי איהם „גיכער, גיכער, קום אריין אין שטוב, טאַטע!" נאָר ער קען זיך ניט ריהרען פון אָרט. זי לויפט צו איהם און הויבט איהם אָן צו שלעפּען פאַר די הענט. ער וויל איהר זאָגען, זאָל זי אליין אוועקלויפען, נאָר ער קען דאָס מויל ניט עפענען. פאַר זיך אליין אָרט איהם שוין ניט, און זיין גאַנצע שרעק איז איצט פאַר איהר, נאָר ער קען איהר ניט וואָרענען, ער איז אין גאַנצען ווי א פערגליווערטער. עס האָט איהם אָפּגענומען דער לשון און ער קען מיט קיין גליעד ניט ריה־רען. זי שלעפּט איהם און טרייסעלט איהם: קום, טאַטע! וואָס שטעהסטו?!

יודע לייב האָט אויסגעשטעלט א פּאָר צושראָקענע, פערוואונ־דערטע אויגען. איבער איהם איז געשטאַנען א הויכער אונבעקאַנ־טער מאַן אין א קאַזיאָנע היטעל, מיט גוי׳שע בוכשטאַבען איבער׳ן ברילעק און געטרייסעלט איהם. עטליכע סעקונדען האָט ער בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, וואָס ער וויל פון איהם. ער איז אין גאַנצען געווען אונטער׳ן איינדרוק פון די שרעקען, וואָס ער האָט איצט איבערגעלעבט, נאָר ווען יענער האָט איהם נאָך א פּאָר מאָל

א טרייסעל געטהאן און געזאגט: „אַל אַאוט! (אַלע ארוים) און ער האט גוט געעפענט די אויגען און זיין בליק איז פון דעם קאזיאַנעם היטעל אראפּגעזונקען אויף די פּים און ער האט דערזעהן די גאַ־לאַנען וויין אין די נייע יום־טוב'דיגע העמדלאך, איז ער גלייך גע־קומען צו זיך, האט מיט אימפּעט עטליכע מאָל אויסגעשפּיגען „פּו־פּו־פּו!" און געכאפּט די גאלאַנען וויין מיטביידע הענט, און מיט א שמייכעל פון א פּערזינדיגטען און פון דאנקבארקייט צום קאָנדוקטאָר האט ער מיט שטייפע טריט געלאָזט זיך געהן צו דער טהיר. ער האט איצט ניט געפיהלט ניט די משא פון די גאלאַנען וויין, ניט די מיעדיגקייט פון דעם גאנצען טאָג, ניט דעם הונגער און איז געווען צופריעדען. וואס ער איז איצט ניט אין דערהיים און דארף ניט איבערלעבען אויפ'ן וואהר יענע שרעקען, וואס ער האט איצט איבערגעלעבט אין חלום.

ווען ער איז געקומען שפּעטער ווי געוועהנליך אהיים און האט אנידערגעשטעלט א פּאָר פון די ניט־צוגעשטעלטע גאלאַנען וויין אויפ'ן פלאָר, איז אויף זיין פּנים מעהר ניט געווען יענע מינע פון כאָ־וואלט־אמעריקאַ־איינגעזונקען־געוואָרען־ אײידער־איך־האָב־איהר דערקענט. ער האט א ריב געטהאן ביידע הענט און געזאָגט מיט א שמייכעל צום מוזיניק, וועלכער איז געזעסען ביים טיש און האט געגעסען סאַפּער:

— און דו, שייגעץ, געהסט גאָר שיסען מיט טערקישע נים!

אַלע אין שטוב האבען איהם אַנגעקוקט פערוואונדערט און ער האט זיי דערצעהלט, וואס פאר א חלום ער האט געהאט.

# והוא רחום.

קיינער פון די אידישע נגונים דריקט ניט אוים אזא טיעפע מרה שחורה, אזא ביינקעניש, אזא פאל פון הימעל אויף דער ערד, ווי דער איינפאכער, פראסטער נגון פון „והוא רחום יכפר און" וואס מען הערט געוועהנליך מוצאי יום טוב אין אבענד צו מעריב. יער נגון גיט אזא קוועטש ביים הארצען, אזוי ווי עס פיהלט א נערוועזער מענש ביים קריצען מיט גלאז אדער ווען עס פערטשעפעט זיך א ניט דערשארענער פיצעלע נאגעל אן א וואלענע זאך. עס פידעלט דער והוא רחום איבער'ן הארצען און א קאלטער סקרוך געהט איבער'ן לייב.

איך האב, וואס איז דא צו לייקענען, א סך נגונים פערגעסען. זיי זיינען מיר אין גאנצען ארוים פון זכרון, נאר דער נגון פון והוא רחום פון מוצאי יום טוב קלינגט מיר נאך עד היום אין די אויערען, פונקט אזוי ווי איך האב איהם געהערט אין אונזער ליטווישען קלייזעל אין דערהיים, און עס געהט נאך מיר אזש איצט איבער א קעלט איבער'ן לייב.

„והוא רחום יכפר און".

עס קען זיין אז דער טיעפער אומעט פון דעם דאזיגען נגון ליגט ניט אזוי אין דעם נגון גופא ווי אין די אומשטענדען, וואס רופען איהם ארוים. אט איז געווען א לאנגער, לאנגער יום טוב, א יום טוב מיט סדרים מיט כוסות, מיט קניידלאך מיט כרעמזלאך, אין שטוב איז געווען אזא פרישקייט, אזא ריינקייט, אלץ האט געבלאנקט, אלץ האט געפינקעלט, געשיינט: יעדער האט געפיהלט אזא רחבת, אזא פרייקייט, אזא תענוג. די פלייצעס האבען זיך אין די אכט טעג אויסגעגלייכט פון דעם שווערען לאסט, וואס איז דעם גאנצען ווינטער געלעגען אויף זיי: דער אטהעם איז געווארען

פרייער נאכדעם ווי מען האט די דובולטאווע פענסטער ארויסגע־נומען און די שטוב איז געווארען אוים תפיסה, אוים פער׳חתמ׳עטע קעסטעלע און א פרישער לעבעדיגער ווינטעלע האט געבלאזען אין אלע ווינקעלאך.

והוא רחום יכפר און —

דאם הייסט, זייט געזונט, איהר פרעהליכע, לוסטיגע טעג, א גאנץ יאהר וועט איצט אריבערגעהן ביז מיר וועלען אייך נאך אמאל זעהן. די פסח׳דיגע כלים מיט די כוסות וועט מען נאך היינט ביי נאכט איינפאקען און ארויפטראגען אויפ׳ן בוידעם, פון דער גרויסער שמחה וועט נאר בלייבען אביסעל צוואווארפענע היי אויף דער פאדלאגע, עטליכע גאנצע מצה, וואס מען וועט ברויכען די ערשטע פאר שבתים אנשטאט חלה און אפשר נאך אביסעל מצה־פארפעלאך פאר א חמצ׳דיגער מילכיגער וועטשערע.

והוא רחום יכפר און —

נאך טרויעריגער איז דער נגון פאר׳ן אידישען איינגעל. א סוף פון די בין הזמנים, גענוג שוין צו שפיעלען זיך, ארומצולויפען, צו מיינען אז די וועלט איז בעשאפען געווארען נאר פאר פערגניגען. מארגען, שוין אין חדר אריין, מארגען צום נייעם רבין און אנשטאט דעם קרוג וואס איינער האט אוועקגעלעגט אין מיטען גאס וועט זיין דער אקס וואס האט געשטויסען די קוה.

ווער איז נאך געווען אזוי גליקליך ווי דאס אידישע איינגעל פסח־צייט! זיין נייער גארניטערל איז געווען א קוואל פון שמחה נאך חדשים פריהער איידער די סחורה איז אנגעקומען צום שניידער. פון די סקריפקע אין זיינע נייע שטיוועלאך קען אנקוועלען אבי וועמעם הארץ און ניט קוקענדיג וואס פאר א קונדס ער איז האט ער זיך געהיט דעם גאנצען יום טוב ניט ארויפצוטרעטען מיט׳ן פוס אויף א נאסען פלאץ. ביי די סדרים איז ער געווען דאס אויבערסטע פון שטויסעל, אהן זיינע פיער קשיות האט דער סדר קיין פנים ניט געהאט. ביים שפיעלען אין נים האט ער ארויסגעוויזען די גרעס־טע געניטקייט אין קייקלען דעם רעשיל און ער האט געלאכט, גע־לאכט מיט׳ן פולען הארצען פון דער מאמען און פון דער עלטערער שוועסטער און פון דער שוועגערין. וואס ביי זיי איז דאס רעשיל

געפלויגען אין אלע זייטען א חוץ אהין וואו די ניס זיינען געווען אויסגעשטעלט. און אלע האבען געלאכט צוזאמען מיט איהם און עס איז געווען אזוי פרעהליך, אזוי לעבעדיג!

— והוא רחום יכפר און

אוועק איז דער פסח פערשוואונדען איז די שמחה פון די בני חורין, אנטרונען איז געווארען דער פרעהליכער גייסט פון דעם פריי־ען יום טוב און ווידער הויבען זיך אן וואכעדיגע שקלאפישע טעג. אפילו די בלאסע לבנה וואס האט צו די סדרים מיט אזא חן, מיט אזא לייטזעליגקייט אריינגעקוקט אין די פענסטער און איהרע זילבערנע שטראהלען האבען געוועקט די פאנטאזיע און געוועבט דעם בריק צו די עולמות עליונים, האט זיך איצט בעהאלטען און מען זעהט איהר מעהר ניט.

— והוא רחום יכפר און

איהר געדיינקט דעם „אהיים, אהיים" וואס כלי־זמרים שפיע־לען נאך א חתונה? יענער נגון האט א סך וועניגער געבראכען דאס הארץ ווי דער והוא רחום. דאס איז א שפרונג פון גרויסער ליכ־טיגקייט אין מצרים־פינסטערנים, א פאל פון הימעל אויף דער ערד.

# ספירה.

א שלייער פון אבלות האט זיך פערשפרייט איבער דער שטאדט.

דער אומעט נאך א גרויסען יום טוב לאזט זיך שטענדיג פיה־לען גאנץ שארף. די שמחה פון יום טוב לאזט איבער א ביינקעניש אין הארצען און עס גדויערט א לענגערע צייט, ביז די גליקליכע איינדריקע ווערען אפגעריבען. נאר נאך פסח איז דער אומעט א סך גרעסער און די ביינקעניש פיעל טיעפער.

עס איז ספירה.

דרעהען זיך ארום מענשען ווי שאטענס איבער'ן מארק, און ווייסען אליין ניט, וואס זיי זוכען און וואס זיי ווילען. עס איז ניטא וואס צו טהאן אין דערהיים, און נאך ווייניגער האבען זיי צו טהאן אין גאס.

זיצט דער שוסטער ביי זיין ווארסטאט און לאטעט אן אלטען שוך. קיין נייע שיך וועט איצט קיינער ניט בעשטעלען, לכבוד דעם גרויסען יום טוב האבען זיך אלע בעשוכט און קיין שטאך ארבייט איז ניטא אויף א רפואה. נאר קיין אלטע שיך לאטען זיינען איצט אויך ניטא. און ער כאפט זיך ארויס אין גאס מיט די פערסמאלעטע הענט, געהט ארום שלינג און שלאנג און שעמט זיך פאר זיך אליין, וואס ער געהט ארום לעדיג און אן אומעט איז אויס־געגאסען אויף זיין פנים.

עס איז ספירה.

קוקט איבער דער שניידער נאך אמאל זיין יתור, בעטראכט יעדע שטיקעל בעזונדער און ווייסט פארט ניט, וואס דערפון צו מאַ־כען. גארניטערלאך פאר זיינע אינגלאך האט ער שוין געמאכט און פאר זיך קיין בגד קען ניט ארויסקומען און נאך א לאנגען ישוב הדעת גיט ער א שליידער אלע שטיקלאך אין א ווינקעל, קומט ארויס אין גאס, וואו א ווארעמער העלער שטראהל פון דער זון הענגט

זיך אן אן דער נאדעל, וואס איז פערשטעקט אין זיין קלאפע, און ווערט באלד צושפרונגען אין קליינינקע גאלדענע פעדימלאך. ער בלאנקעט ארום מיט א פערזויערטען פנים און האט אפילו קיין מוט ניט צו פערלענגען די הענט אהינטער.

עס איז ספירה.

שטעהען די קרעמער פערזאמעלט אין א רעדעל און עפענען ניט קיין מויל. קיינער האט ניט קיין חשק צו רעדען, נאר עס איז ניט אזוי אומעדיג, ווען מען שטעהט צוזאמען. אויף פסח האט מען זיך אויסגעבייטעלט און צאהלונגען קומען אונטער. און יעדען בעזונדער דארט דער קאפ, וואס וועט מען ענטפערען דעם אגולניק. און טיעפע קנייטשען ליעגען אויפ'ן שטערן.

עס איז ספירה.

זיצט דער צירולניק אין דער אפענער טהיר אויפ'ן שוועל פון זיין שטיבעל און קוקט מיט אומעדיגע אויגען אין דער לופט. קיי־נער קומט ניט אריין שערען זיך און ער ווייסט, אז נאך לאנג וועט קיינער פון די תושבים ניט קומען, נאר ער קען פון זיין שטי־בעל ניט אוועקגעהן. ווער ווייסט, אפשר וועט אנטראגען א פויער צום אבסקראבען די מארדע אדער אפשר וועט נאך איהם שיקען א אפיציער פון פאלק. אויף אזא שליח קוקט ער אויס די אויגען אלע מאל. עס איז ניט נאר א גוטער פערדיענסט צו שערען אן אפי־ציער, נאר דאס איז אויך עפעס אזוינס, וואס קען צופריעדענשטע־לען דעם קינצלער. אויף די תושבים איז די שעהנע שערעריי ארויס־געווארפען. אז מען שערט זיי מיט „טרעפ״, וועלען זיי אויך ניט ווי־סען. די פויערים ווייסען נאר פון איין נוסח, וואס דריקט זיך אויס אין א האלבע לבנה מיט א געגאלטען קארק. און דער איינציגער אמת'ער מבין איז דער אפיציער און אז מען שערט איהם איז טאַ־קע א נחת פאר דער נשמה.

און דער צירולניק זיצט אויפ'ן שוועל און קוקט אוים די אויגען אויף א שליח וואס קומט ניט, און פערטריקענט זיינען די מולינעס אין ראזיר בעכער און לעדיג ליגט דאס שערעלע.

עס איז ספירה.

און די איינגלאך אין חדר ווארטען און קענען זיך ניט דער־

ווארטען אויפ׳ן מאיאווען פארנאכט און אזוי גיך ווי מען פערמאכט די ספרים, לאזט זיך אוועק א גאנצע חברה הינטער דער שטאדט. די סטאטעטשנע קינדער וואס האבען ערשט זייערע יונגע שטערענס געקנייטשט איבער א הארבער יורידישער פראגע אין גמרא, זיינען איצט פערוואנדעלט געווארען אין קונדסים; אויפן גרינעם ווייכען גראז הינטער דער שטאדט איז זיי ניט צו דערקענען, זיי שפרינגען, בארוקען זיך, קייקלען זיך. די זון האלט שוין ביים אונטערגעהן. און דער אנגעפארבטער הימעל אין מערב זייט לאזט וויסען אז עס איז שוין לאנג צייט מנחה דאווענען, נאר אין שטיפען און אין שפיע־לען האבען זיי אלץ פערגעסען, פערגעסען אפילו דעם דאווענען.

נאר אין אבענד אז דער קונדס קומט אהיים און ווארט אויף זיין וועטשערע דערמאנט זיך דער טאטע, אז ער האט זיין קדיש אין בית המדרש ניט געזעהען צו מנחה־מעריב און ער גיט איהם א פרעג:

— זוהנעלע מיינער, וואו ביזטו צו מנחה־מעריב געוועזען?

— ניט געוועזען אין בית המדרש.

— דאס ווייס איך גוט, מיין זוהנעלע, נאר וואו האסטו געדא־ווענט?

— געדאווענט? וואו האב איך געדאווענט?

— יא, מיין זוהנעלע, וואו האסטו געדאווענט?

עס איז אבער ניט דאס ערשטע מאל וואס דער קונדס בעגעהט אזא חטא און דער טאטע ווייסט זיין שוואכקייט, און דער קונדס איז שוין א געניטער אין דעם און ווייסט זיך ווי אויסצודרעהען, און ער ענטפערט גאנץ מוטהיג: — אין זארעטשער קלויז.

אז עס איז פארהאן אזא קלויז ווייסט דער קונדס און ער ווייסט אויך אז מען וועט איהם ניט קענען כאפען ביי א ליגען, ווייל ער דארף דערצו קיין עדות ניט ברענגען. נאר גאר אונערווארטעט פאלט א דונער אין דער פארם פון דער אונגעריכטער פראגע:

— און וועלכע ספירה איז היינט געוועזען?

וועלכע ספירה?

געהע וויים וועלכע ספירה, אז אין זינען איז גאר געלעגען צו שפרינגען און שפיעלען זיך!

און דער קונדס ווייסט שוין איצט אויך, אז עס איז ספירה.

# שבועות

# שבועות.

## (זכרונות פון די קינדערשע יאהרען)

שבועות קומט! שבועות קומט!

אין אונזערע אידישע מקומות, וואו דאס גאנצע הארץ פון א שטעדטעל איז געדיכט בעזעצט מיט אידען, און נאר די אויסער־שטאדטיגע גאסען צעהלען עטליכע קריסטליכע הייזער, איז דאס זיינען זיי ארומגעצאמט מיט הויכע פארקאנעס, מיט די טהירען צו די הויפען, און מען הערט ניט און מען זעהט ניט קיינעם, אוי־סער אמאל א גרויסען געלען הונד, וואס שטעלט זיך אין דעם אריינגאנג פון טהויער און הארכט זיך צו צו דעם ווייטען און שטילען גערויש פון שטעדטעל, — אין אזעלכע מקומות איז קיין וואונדער ניט, אז די לופט אליין ווערט ערב יום טוב פול מיט א געשריי: — דער שבועות קומט! דער שבועות קומט!

און אלע זיינען שטארק פארנומען, מען מאכט הכנות צו בעגעגענען דעם פיינעם גאסט, וועלכער מאכט ניט קיין גרויסע האוואיעס און קומט ניט מיט שטארקע פרעטענזיעס: איהם מאכט ניט אויס, וואס פיר א כבוד דו גיסט איהם, איהם מאכט ניט אויס, וואו דו גיסט איהם דעם כבוד, און ער איז ניט מקפיד ווען דו גיסט איהם דעם כבוד, און ועל כלם שטעהט ער ניט לאנג און מאכט דיר ניט קיין גרויסען לאסט.

שבועות קומט! שבועות קומט!

און די מאמע איז פער׳הב׳עועט, חלה מיט ראזינקעס און מיט זאפרען, און זעמעלאך, און א יום־טוב׳דיגער מאלצייט אויף ביי נאכט; דער טאטע איז א קינסטלער צו מאכען פויגעלאך פון אויסגעבלאזענע אייער און אויף די דינע ווייסע פעדעמלעך, וואס

זיינען אַנגעטשעפּעט אַז די באַלקענס, שוועבען אַרום די אייער־פויגעלאַך; איך מיט מיין אינגערן ברודער לויפען אויפ׳ן סענאַ־זעניץ אַנרייסען אַאיר, מיר לויפען און איילען זיך, ווייל מען דאַרף נאָך אויסקלעפּען אַלע פענסטער מיט שבועות־צאַצקעס. איך האָב אַ גאַנצען מחזור אויסגעלייגט מיט די צאַצקעס, איך האָב ווי שמשון הגבור רייסט דעם לייב, און ווי דער פּאַסטוכ׳ל דוד דער׳־הרג׳עט גלית הפלשתי, און ווי משה רבנו גיט די לוחות און גלאַט אויסשניצונגען פון פאַנטאַסטישע ברואים, האַלב לייב און האַלב אַדלער, האַלב מענש און האַלב פיש, עס פעהלט נאָר אונטערצור־שרייבען די נעמען, און יעדער וואָלט אין זיי דערקענט אַ ביבליש אָדער לעגענדאַריש בילד.

דער שבועות קומט! דער שבועות איז געקומען!

פריש שמעקט דער גרינער אַאיר, וואָס איז אויסגעשפּרייט אין געהאַקטע שטיקלאַך איבער דער פּאַדלאָגע, פרייליך וויגען זיך די פויגלאַך איבער דער שטוב, לוסטיג ווינקען די שבועות צאַצ־קעס פון די פענסטער, מחיה׳דיג שמעקען די זעמעלאַך און מיר ווייסען, אַז דאָס איז נאָך ניט אַלץ, עס געהט נאָך אָב דער עיקר, די בלינצעס אַליין, נאָר דאָס וועט זיין מאָרגען און ניט היינט די ערשטע נאַכט.

דער טאַטע זופּט ביים טיש די... תקון שבועות, אַ מהלך רב דורכצוגעהן, און וואָס פריהער מען הויפּט אָן אַלץ גיכער וועט מען קומען צום ציעל. די גוט בעקאַנטע עברי פון חומש רופט אין מיר אַרויס אַ באַגער אויך צו נעהמען אַ תקון שבועות און מיר דוכט, אַזוי ווי איך בין אַקאָרשט פון חדר־ביינקעל, וועל איך ניט נאָר קענען זופּען, נאָר אפילו קענען מאָלען. איך קלאַפּ טאַקע ווי אַ מיהל. נח יאָגט אדמ׳ן און אברהם פערטרייבט מיט איין בלאָז נח׳ן, משה גיט אַ פּאַך מיט׳ן שטעקען און גאַנץ בראשית ווערט אין איין אויגענבליק פערשוואונדען, און דאַ שטעהט בלעם מיט זיין בלינד אייגעל און קוקט זיך איין, ווי די פּאַנעראַמע בייט זיך אַזוי געשווינד.

די מאַמע קען זיך פון מיר זאַט ניט אָנקוקען, איהרע אויגען שטראַהלען פאַר תענוג. „איהר זוהן וועט געוויס אויסוואַקסען אַ

רב, א גדול בישראל, ער זאגט ווי א וואסער", ניט אומזיסט צאהלט זי שכר למוד.

נאכ'ן עסען הויבט דער טאטע זיך אן צו קלייבען אין בית המדרש.

— דו געהסט אויך? פרעגט מיך די מאמע, און וויל מיך מיט דער פראגע אונטערגעבען חשק.

איך בין נאך צו יונג, אז איך זאל מיך איינשפאנען אין דעם שווערען יאך פון אידישקייט, נאר איבערזיצען די נאכט אין שוהל געפין איך ניט פאר א יאך, איבערהויפט אז איך טהו דאס פריי־וויליג, אגב בין איך זיכער, אז איך וועל דעם ערשטען מנין ניט פערשפעטיגען, און וועל האבען א גאנצען טאג פריי און וועל קע־נען געהן אויפ'ן פעלד זעהען, ווי די קאזאקען מושטירען זיך. איך געה מיט מיט'ן טאטען און געפין אין בית המדרש די אלע, וואס ווייסען ניט פון שוויצען איבער א מלאכה א גאנץ ערב יום טוב, זיי זיצען שוין איבער די תקונים און זופען, און זופען, און זופען...

איבער'ן קארק שטעהט קיינער ניט און עס איז דאך געגוג, אז „חציו לד" און די זאגער, אדער ריכטיגער געזאגט, די זופער פערזאמלען זיך אין א קופע און עס הויפט זיך אן יענער שמועס, וואס ציהט זיך מסתמא פון דער צייט, וואס איז אויסגעבויט גע־ווארען דער ערשטער בית המדרש און וועט אהן ספק אנהאלטען אפילו דארטען, וואו די צדיקים וועלען זיך פערקלייבען מיט די גאלדענע קרוינען אויף די קעפ און וועלען נהנה זיין פון דער לויטערקייט פון דער שכינה...

איך בין געווען זעהר ציקאווע אויף די שמועסען און אויב דער בית המדרש האט מיך געשלעפט צו זיך, זיינען אין דעם געווען צו פערדאנקען ביז א געוויסען גראד די דאזיגע שמועסען. דא האב איך געקריגען מיין שטיקעל ידיעה אין פאליטיק, דא בין איך געוואר געווארען פון די אידישע נייעס און פון די אידישע גבירים און נדיבים, דא האב איך זיך דערוואוסט פון די רויטע אידלאך, און פון גלגולים, און פון וואס א מויל קען ריידען, און איידער איך האב זיך ארומגעזעהען, האט שוין אנגעהויבען צו

טאגען און די פענסטער פון בית המדרש זיינען בענאסען געווארען מיט א בלאקייט.

דער דאווגען געהט שלעפעריג, יואל איטשע דער שיינקער מאכט המצאות. ער איז די גאנצע נאכט געשלאפען אין דערהיים און איז נאר געקומען צום ערשטען מנין. ער איז אן אלטער בעל הבית און מען ווייס אז ער האט געלד, און דער עולם לאכט פון זיינע המצאות, עס לאכען אפילו אזעלכע, וואס הערען איהם ניט, און לאכען נאר אויף אנדערע קוקענדיג. אין מזרח ווינקעל, וואו יואל איטשע שטעהט ווערט צו לעבעדיג, און דער שמש, פאלגענ־דיג א ווינק פון דער צווייטער זייט מזרח, גיט א פאטש אויף דער בימה און לאזט דערמיט מודיע זיין, אז עס זאל זיין שטיל. יואל איטשע לאזט אראב דעם טלית איבער'ן קאפ ווי א בעל מוסף צו „הנני העני ממעש" און הויבט זיך אן צו שאקלען הין און צוריק מיט גרוים התלהבות. דער עולם פערשטעהט, אז דאס דארף זיין א המצאה און לאכט נאך העכער, דער שמש אליין לאכט אויך. דערפון ווערט דער גאנצער בית המדרש לעבעדיגער, און ווען עס קומט צו מוסף איז דער עולם שוין ארויסגעשלאגען פון שלאף.

נאכ'ן דאווגען איילט דער עולם אהיים: גוטע זאכען ווארטען איצט אויף יעדען איינעם אזוי פיעל, אז מען קען ניט וויסען, וואס צו טהאן פריהער: קדוש, זעמעלאך מיט קאווע, דאס הייסט ציקאריע מיט מילך, בלינצעס און א סעודה!

די מאמע ווייס ניט, וואס צו געבען אונז פריהער, א שפאס א גאנצע נאכט זיינען מיר געזעסען אין בית המדרש און מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט, און כאטשע זי האט אויך כמעט ווי ניט געשלאפען נאך א שווערען ערב יום טוב, נאר אומשטיינס געזאגט אויף וואס זיינען אוועק איהרע וואכעדיגע שטונדען: זי האט זיך געפורקעט ביים אויווען און מיר זיינען געזעסען אין בית המדרש על התורה ועל העבודה!...

דער טאג איז א שעהנער פריהלינגס־טאג, און די גאסען ווערען בעלעבט, פון אלע ווינקעלאך שיטען זיך ארויס יונג און אלט, מאן און ווייב, אויסגעפוצט אין עסיג און אין האניג. מען געהט אין געסט און דא און דארטען לויפט א אינגעל אדער א

מיידעל דורך מיט א געליהענע סקאווערארע אין האנד. עס איז א דוחק אויף סקאווערארעס, א געסעל האט קוים איינע און אלע דארפען אויסגיסען בלינצעס.

היינט איז מען ניט מקפיד אויף בשר וחלב. מיין מוהמע ביילע עסט ניט א גאנץ יאהר פליישיגס מיט מילכיגס אין איין טאג, כאטשע געשריבען שטעהט, אז ווארטען דארף מען ניט מעהר ווי זעקס שעה. היינט אבער עסט זי אויך מילכיגע בלינצעס און דערנאך א פליישיגען ווארעמעס, כאטשע עס קען זיין, אז אין די צייהנער איז פארבליבען א שטיקעל קעז. מען זאגט אפילו אז שבועות מעג מען עסען מילכיגס נאך פליישיגס, נאר עט: מאלע וואס מען זאגט!

ביי נאכט צו מעריבית איז וויטער פרעהליך, יואל איטשע קעהרט אלע רגע אום דעם קאפ דא צו איין שכן און דא צום צווייטען און טהיילט איין ומתחת זרעות צו איינעם און ירגזון יריעות צום צווייטען. און אז יואל איטשע טהוט עפעס, לאכט מען, וואס ער זאגט ניט, איז א המצאה.

דער צווייטער טאג געהט אריבער און דער גאנצער יום־טוב פערשווינדעט אזוי לייכט ווי א פריהמארגענדיגער חלום, און ביים וואכענדיגען ברכו קוקט זיך יעדער ארום האלב פערוואונדערט: איז ער שוין אוועק? שוין ניטא?

דער יום־טוב איז אוועק און האט מיט זיך אוועקגעשלעפט דעם מרה־שחורה'דיגען שלייער, וואס די ספירה־טעג האבען פער־צויגען איבער'ן שטעדטעל, און יעדער פנים'ל זיך פערגרינגערט.

# ווען דער הימעל שפּאַלט זיך.

שבועות האָט פאַר מיר געהאַט גאָר אַ בעזונדערען רייץ.
דער רייץ איז אָבער ניט געווען צוליעב די שבועות צאַצקעס, אין וועלכע איך בין געווען זעהר פערקאַכט. איך האָב אין די לאַנגע ספירה טעג פיעל מאָל ארויסגעמאַכט זיך פון אַן אַנבייסען כדי אויף די אָבגעשפּאַרטע עטליכע גראָשען ציהען שבועות צאַצקעס. איך האָב זיך ניט בענוגענט מיט די, וואָס איך האָב געקענט קויפען, און איך האָב געוואָלט האָבען אַזעלכע, וואָס איך האָב מיט אַרימע גראָשענס ניט געקענט דערוויזען. און די איינציגע ברירה איז געווען צו געהן אויף איינס: אָדער געווינען עפּעס רעכטס אָדער גאָר פערלירען. און איינשטעלען די צוויי גראָשען אין קאָן און ציהען די שבועות צאַצקעס איז געווען גענוג צו האַל־טען מיך אין אַן אויפגערעגטען צושטאַנד עטליכע שטונדען פאַר דעם, און ארויסרופען אַ גאַנצע קאָמבינאַציע פון רעכנונגען און פּסיכאָלאָגישע צייכענס עטליכע שטונדען נאָכ׳ן ציהען. מיר האָבען געצויגען פון אַ גרויסען אַלטען חומש, וואו די שבועות צאַצקעס זיינען געווען אויסגעלעגט אַ בלאַט איבער אַ בלאַט. אברהם גרשון דער שניצער פון די צאַצקעס האָט דעם חומש גע־האַלטען צווישען ביידע הענט אַזוי, אַז די בלעטער זאָלען זיין ניט צו שטאַרק צוזאַמענגעקוועטשט און אין דער זעלביגער צייט ניט צו לויז, אַז מען זאָל קענען מאַכען עפּעס סימנים. דער ציהער האָט געהאַלטען אַ מעסערעל און מיט׳ן קלינגעל אריינגעשטאַכען צווישען די צוויי בלעטער. נאָר עס רעדט זיך אריינגעשטאָכען. יעדער שטאָך האָט געקאָסט צוויי גראָשען, וואָס האָט אָפט פאַר׳ן אינגעל בעדייט אַ גאַנצער אָנבייסען אָדער וואַרעמעס און דער אינגעל האָט אַזוי גיך דעם מעסערעל ניט אריינגעשטאָכען און

עס האָט זיך אָנגעהויבען א דינגענים. דער אינגעל האָט גע'טענה'ט אז די בלעטער זיינען צו שטייף צוזאַמענגעדריקט און מען קען דאָס מעסערל ניט אריינשטעקען. זיין כונה דערביי איז געווען, אז די בלעטער זאָלען זיין לכל הפחות, אזוי אַפען, אז מען זאָל קענען כאַפּען א בליק, צו עס שטעקט דאָרטען א שבועות צאַצקע צו ניט. און אברהם גרשון האָט געשריען, מען זאָל אזעלכע לאַנגע שהיות ניט מאַכען, און ווען מען זאָל קענען אַבשאַצען די אויפ־רעגענים, צוהיצקייט און די איבריגע קלעפּ פון די יונגע הערצלאַך בשעת'ן ציהען וואָלט דאָס אליין אפשר מעהר ווערטה געווען, ווי די צוויי גראָשען. און עס האָט מיך טאַקע געצויגען ווי א קליפּה דערצו און איך בין אין די שבועות צאַצקעס געווען זעהר פער־קאַכט. נאָר ניט זיי האָבען געהאַט פאַר מיר דעם רייץ פון שבועות.

דער אמת'ער רייץ איז געווען אין תיקון שבועות.

אָבער דאָ דאַרף איך גלייך מודה זיין זיך, אז דער צויבער איז ניט געלעגען אין דעם תיקון שבועות גופא. די טרוקענע זאַ־געריי האָט ווייניג געקענט רעדען צו מיין יונגער פאַנטאַזיע. די ווערטער זיינען געווען אלטע בעקאַנטע און אזוי ווי זייער בעקאַנט־שאַפט האָב איך געמאַכט אין א חדר מיט דעם רבי'ס ציפּלינקע פאַר די אויגען, זיינען זיי אַפּט געווען פערבונדען מיט גאָר ניט קיין אַנגענעהמע עראינערונגען. דער איינציגער וואונדער וואָס די טרוקענע זאָגעריי האָט ביי מיר ארויסגערופען איז געווען די פלינקייט, מיט וועלכע די סדרות זיינען געפלויגען איינע נאָך דער אַנדערער. דער אמת'ער צויבער איז געווען ארום דעם תקון שבועות.

איך האָב געוואוסט, אז אין דער דאָזיגער נאַכט, וואָס מען זאָגט תקון שבועות שפּאַלט זיך דער הימעל. איך האָב געוואוסט, אז אזוי ווי די שפּאַלטונג פון הימעל געדויערט ניט מעהר ווי א הרף עין, איז דער בעסטער נוסח צו ברויכען די קורצע צוויי ווער־טער „כל טוב."

נאָר ניט די מאַטעריעלע גליקען, וואָס מען האָט געקענט פערשטעהן אונטער די ווערטער „כל טוב" האָבען מיך אינטערע־סירט. און דער אמת איז, אז ביי מיר איז געווען פעסט בעשלאָסען

צו האַלטען דאָס מויל שטייף פערמאַכט און ניט אַרויסברייננגען קיין קלאַנג. איך האָב געוואוסט, אַז מען קען דערביי כאַפּען אַמאָל אַ מאוס'ען פסק און איך האָב ניט געדאַרפט איינשטעלען. מיר איז געווען וואויל ווי די וועלט און קיין בעסערס האָב איך אפילו ניט געוואוסט צו ווינשען.

אָבער די שפּאַלטונג פון הימעל אַליין איז געווען גענוג אַרומ־צורינגלען דעם יום טוב און דעם תיקון שבועות מיט אַ זעלטענעם רייץ. עס איז געווען אַזוי מורא'דיג די ערוואַרטונג צו זעהען ווי דער הימעל שפּאַלט זיך. איך האָב זיך אפילו ניט געקענט משער זיין, וואָס די שפּאַלטונג וועט אַנטפּלעקען, נאָר דאָס איז געווען אַזוי סוד'עסדיג, אַזוי מיסטעריעז, אַז דער פערלאַנג צו זעהען דעם געשפּאַלטענעם הימעל האָט איבערשטיגען אַלץ.

שוין ביי דער סעודה דעם ערשטען אָבענד שבועות בין איך געזעסען אויף שפּילקעס ביים טיש. דער טאַטע, דער עלטערער ברודער האָבען צווישען איין געריכט און צווייטען געזוכט אַריינ־צוכאַפּען אַזוי פיעל תקון ווי נאָר עס האָט זיך געלאָזט, נאָר איך האָב געוואָלט זיין וואָס גיכער אין קלויז. איך האָב פערשטאַנען אַז די שפּאַלטונג וועט מען גיכער קענען זעהען אין קלויז ווי אין שטוב.

איך בין געזעסען ווי אויף שפּילקעס און די יום טוב'דיגע סעודה איז מיר ניט איינגעגאַנגען, און איך האָב ניט געקענט בעגרייפען ווי אַזוי די עלטערע פערהאַלטען זיך אַזוי קאַלטבלוטיג, אַזוי רוהיג. ווען יעדע רגע, קען פאַרקומען דער גרויסער וואונדער.

אין קלויז איז געווען אַ קליינער עולם און בשעת זיי זיינען געזעסען איבערן תיקון שבועות, בין איך געשפּרונגען פון איין פענסטער צום צווייטען און געקוקט אויפ'ן הימעל.

מיינע יונגע נערווען זיינען געווען אָנגעצויגען, און מיין אונגעדולד און אונצופריעדענהייט מיט די עלטערען איז געוואַק־סען. מיט יעדער שטונדע שפּעטער איז דער קליינער עולם אַלץ קלענער געוואָרען אַרום טיש, און אַלע ווייל האָט זיך איינער אויפגעהויבען און פערשטעקט זיך אין אַ ווינקעל כאַפּען אַ דרע־מעל.

— שפּאַר זיך צו א ווײַלע, זאָגט צו מיר דער טאַטע מיט א רחמנות, געמישט מיט שטאָלץ אין זײַן קול.

איך בין זיך מודה, איך האָב אויף איהם אויך א קוק געטהאָן מיט רחמנות. ווי קען מען גאָר אין אזא צייט טראַכטען וועגען צושפּאַרען זיך! ווי וואַכעדיג אזא געדאַנק איז!

עס האָט מיר אויסגעדאַכט, אז א גאַנצע אייביגקייט איז אריבער. איך בין ענדליך צוגעגאַנגען צום טאַטען און געפרעגט:

— ווען עפענט זיך דער הימעל?

אזוי וואַרטען איז געווען איבער מיינע כחות. איך האָב גע־מוזט האָבען א בעשטימטע צייט.

— יעדע רגע קען עס געשעהן, מיין קינד, ענטפערט ער מיט א פרומען קול און זיין בליק ווערט פערטראַכט.

איך הויב אן צו מאַכען סברות, אז מסתמא איז דאָס ניט אזוי גרינג צו זעהען, ווי דער הימעל עפענט זיך. עס וואָלט אין קלייזעל געקומען ניט אזא קליינער עולם, און די פערזאַמעלטע וואָלטען זיך אזוי גרינג ניט געלאָזט פאַנגען פון שלאָף, ווען דאָס וואָלט געווען אזוי גרינג אָבצוהיטען. אפשר האָט זיך שוין דער הימעל געשפּאָלטען און איך האָב ניט בעמערקט.

— טאַטע! רוף איך פּלוצים אויס אין דער הויף.—טאַטע, קום אהער! קום אהער! זעה דאָרטען! דאָרטען!

דער טאַטע איז צוגעקומען צום פענסטער, א קוק געטהאָן צום מזרח זייט, וואו איך האָב אָנגעוויזען און מיט א דומפּען קול געזאָגט:

— יא, מיין זוהן, עס הויבט שוין אָן צו טאָגען.

הגם עס איז געווען איינס פון די גרעסטע פערגעניגענס מיינע צו דאַווגען דעם ערשטען טאָג שבועות מיט'ן ערשטען מנין, איז מיר איצט מיין פערגעניגען געשטערט געוואָרען און א טיעפע קלע־מענים האָט אָנגעפילט מיין יונגע הערצעל, און ערשט ווען עס איז געקומען צו אקדמות האָב איך זיך צוריק גענומען דורכדריינגען מיט'ן גייסט פון יום טוב.

# געגעסען די בלינצעס.

ליבע קיילע איז אפשר מעהר געווען בעהאַוועגט אין איהר צאינה וראינה ווי וועלכער איד אין אשרי, און עס איז ביי איהר געווען אַן אייביגער צער, וואָס אַן אשה דאַרף ניט טראָגען אויף זיך אַזאַ שווערען עול פון דער תורה ווי אַ מאַנסביל. עס האָט איהר אייביג אויסגעוויזען, אַז מען האָט איהר געקריוודעט דער־מיט וואָס מען האָט פאַר איהר גרינגער געמאַכט אידישקייט, ווי פאַר אַ מאַנסביל.

זי האָט זיך מיט לייב און לעבען געסטאַרעט צו טהאָן פיעל מעהר, ווי מען האָט איהר געבאָטען. זי איז יעדען פריה־מאָרגען געגאַנגען אין שוהל דאַווענען און זי איז געווען אַ גליקליכע, אַז זי האָט געקענט אריינכאַפּען אַן איבעריגע קדושה. און אפילו צו מנחה ומעריב האָט זי זיך ווען נאָר זי האָט געקענט אריינגעכאַפּט הערען אַ קדושה. שבת איז זי דעם גאַנצען טאָג פון נאָך וואָרעמעס ביז מנחה אָבגעזעסען איבערן צאינה וראינה און געלייענט מיט טעם, מיט'ן ריכטיגען אָבשטעל און מיט דעם ריכטיגען טראָפּ. די לשון־קודש'דיגע ווערטער זיינען ביי איהר ארויסגעקומען גלאַט און אַז זי האָט געלייענט וואָס דער בחיי שרייבט, איז ביי איהר ניט געווען סתם געזאָגט, נאָר זי האָט פערשטאַנען זיין גאַנצע כונה.

תעניתים האָט זי געהאַט פיעל מעהר ווי אַלע אַנדערע. עס איז פשוט ביי איהר געווען אַ קרן אריינצוכאַפּען אַן איבעריגען תענית. און געפאַסט האָט זי ניט פון יוצא וועגען, ניט סתם איבערגעקומען אַ תענית, נאָר מיט כונה און מיט חשק און האָט ניט געמאַכט קיין שום קרומע האַוואַיעס דערביי. זי האָט ניט אויסגעקוקט די אויגען אויף שטערען, און האָט זיך ניט צוגעכאַפּט

נאכדעם צום עסען מעשה זולל וסובא. זי האט פערצויגען דעם תענית אזוי שפעט, ווי עס האט זיך געלאזט, אזוי ווי זי וואלט וועלען ווייזען דעם הענט ניט געוואשענעם, אז איהר איז קיין זאך ניט שווער אבי צו טהאן זיין רצון, און קיין מאל האט זי ניט גע־געסען אזוי וועניג, ווי נאך א תענית.

מילכיגס און פליישיגס האט זי אין איין טאג ניט געגעסען. זי האט פערשטאנען, אז דעם בורא איז ניט ניחא ווען מען מישט מילכיגס און פליישיגס, און זי האט דעריבער ניט געוואלט וויסען פון דעם היתר, אז פריהער מילכיגס און נאכדעם פליישיגס איז רעכט, אדער אז נאך זעקס שעה מעג מען עסען מילכיגס נאך פליי־שיגס. פאר איהר איז דאס געווען צופיעל פלפול און זי האט פערשטאנען, אז ווען זי וועט ניט עסען ביידע סארטען מאכלים אין איין טאג וועט זי בעסער אבהיטען איהר נשמה.

דאס אלץ פלעגט זי דערווייזען מיט אזא לייכטקייט, אז קיי־נער האט אפילו ניט געוואוסט, אז זי איז מעהר אבגעהיט ווי אנדערע. איהר בעשיידענקייט איז געווען אזוי גרויס, אז זי וואלט שטארק געליטען, ווען זי זאל וויסען, אז איהר פרומקייט ציהט אויף זיך איבעריגע אויפמערקזאמקייט. איהר וואלט עס אויס־געוויזען, ווי א מין בעריהמעריי, און דאס האט זי גערעכענט פאר א ביטערע עבירה.

אז א שכנה אדער בעקאנטע פלעגט איהר אמאל פרעגען:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, ליבע קיילינקע, איז דאס טאקי אמת, אז איהר עסט ניט קיין מילכיגס און פליישיגס אין איין טאג?

האט זי זיך דערפיהלט פערשעהמט און ארויסגעמאכט זיך פון א גלייכען ענטפער.

— געזונד זאלט איהר זיין, אזעלכע נארעשקייטען ליגען אייך אין קאפ.

א גאנץ יאהר איז איהר געווען גרינג צו זיין אבגעהיט, ווי זי האט געוואלט, נאר אז עס איז געקומען שבועות, האט זי זיך דאס ערשטע יאהר אין גאנצען פערלארען.

שבועות אהן בלינצעס איז א שטייגער ווי פורים אהן המן

טאשען, פסח אהן קניידלאך אדער שמחת תורה אהן קרעפלאך. די בלינצעס גיבען צו א געוויסען חן דער צערעמאניאלער זייט פון דעם גרויסען יום טוב שבועות, און זי האט אפילו קיין מחשבה ניט געקענט האבען אוועקצונעהמען פון דעם יום טוב דעם איבעריגען חן. נאר אין דער זעלביגער צייט האט דאס געהייסען צו עסען מילכיגס און פליישיגס אין איין טאג.

און דאס ערשטע יאהר האט זי שטארק געדארפט טראכטען, ווי זי זאל זיך נוהג זיין. ביים מאן האט זי קיין עצה ניט געקענט פרעגען, ווייל ער איז געווען א פראסטער בשר ודם און ער וואלט איהר אויסגעלאכט. ביי קיין פרעמדע האט זי אודאי ניט געקענט פרעגען. ווער איז זי, וואס זי וויל זיין בעסער פון אנדערע? און דער צאינה וראינה האט איהר אויף דער פראגע אויך קיין ענטפער ניט געקענט געבען.

עס פערשטעהט זיך, אז זי האט לכבוד שבועות אנגעבאקען זעמעלאך און אנגעפרעגעלט בלינצעס און דער מאן האט פון זיי געלעקט די פינגער און די קינדער האבען זשעדנע געבעטען נאך. די מאמע און די וויב אין איהר האבען געקוואלען, וואס זיי האבען אזא הנאה פון דעם יום טוב'דיגען עסען, נאר זי אליין האט זיך שטארק געשלאגען מיט דער דעה, צו זאל זי ברעכען איהר זהירות צו ניט.

עס וואלט איהר געווען א סך גרינגער ניט צו פערזוכען קיין זאך פון די מילכיגע שבועות'דיגע געריכטען און בלייבען ביי איהר אבגעהיטקייט, נאר דאס האט איהר אויסגעוויזען א מין פערשוועכונג פון דעם גרויסען יום טוב.

און עס איז געווען לכבוד שבועות, וואס זי האט בעשלאסען צו נעהמען א בלינצע אין מויל, און עס איז געווען לכבוד דעם גרויסען יום טוב, וואס די בלינצע איז זיך ממש צוגאנגען איהר אין מויל, און זי האט ניט נאר קיין שברת הלב דערפון ניט געהאט נאר פערקעהרט זי האט געפיהלט עפעס ווי א מין פקוח נפש.

בלינצעס איז בלינצעס.

# נ י י ן  ט ע ג.

דער געדיכטער שאַטען וואָס האָט זיך אויסגעלעגט איבער'ן שטעדטעל שבעה עשר בתמוז, איז נאָך געדיכטער געוואָרען מיט'ן אָנקומען פון די ניין טעג. אויב ביי אימיצען איז נאָך פערבליבען אַן אויסדרוק פון פרייד, איז ער פערדעמפּט געוואָרען ביים בלויזען דערמאָנען, אַז דאָס זיינען די ניין טעג. נידריגער זיינען געזונקען די קעפּ און טיעפער זיינען געוואָרען די זיפצען.

ניין טעג!

עפּעס שווערמוטהיגעס איז געהאַנגען איבער דעם גאַנצען שטעדטעל און האָט אַלעמען געדריקט. זיצט שמואל־בער דער קצב, מיט אַ גרויסער בראָדעוועקע אויף דער אונטערשטער ליפּ, מיט אַ צוקאַזשעטער שוואַרצער באָרד, מיט לאַנג ניט געשווירענע האָר מיט אַ פערשמאַלצענעם היטעל, און ארום שטעהען די אַנדערע קצבים, די עלטערע מיט פערלעגטע הענט אָדער אויפ'ן ברוסט אדער אהינ־טער און די אינגערע מיט די הענט אין די קעשענעס. מען האָט דאָ גערעדט מענינא דיומא און שמואל בער, וועלכער זיצט יעדען בין מנחה למעריב און שבת בייטאָג ביי דער רעכטער האַנט פון דעם עין יעקב און מדרש זאָגער, איז געוועזן בעהאַוועגט אין די אגדתות און ביי אַ געלעגענהייט האָט ער געהאַט וואָס צו דערצעהלען.

גערעדט האָט ער מיט די טענער פון דעם זאָגער. אויסגעצויגען און מיט הסברה און די אַנדערע קצבים האָבען זיך צוגעהערט מיט דעם פּאַסענדען טהויער, וואָס דער ענין און די צייט האָבען גע־פאָדערט.

נאָר מעהר ווי אַלץ איז זיי געפעלען געוואָרען, ווי יענער אורח האָט איינגעטהיילט די יהוה ביים טיש און אַלע האָבען מיט איין קול בעמערקט:

— אט דאס זיינען געווען חכמים!

און שמואל בער האט, ניט קוקענדיג אויף דעם טרויער, גע־האט א נחת רוח פון דער באמערקונג, אזוי ווי א טהייל דערפון וואלט געווען געמיינט פאר איהם.

די הינט וואס האבען א גאנץ יאהר אבגעלעקט א ביינדעל ביי די יאטקעס, האבען זיך איצט דא הונגעריגע ארומגעדרעהט, געקוקט מיט טרויעריגע אויגען צו די יאטקע־קלעצער און מיט זייער הינטישען שכל ניט געקענט בעגרייפען, פאר וואס איז זייער גרעס־טער טהייל חיונה מיט אמאל אבגעהאקט געווארען. איין געלבליכער הונט האט זיך אבגעשטעלט פאר דעם פערזאמעלטען רעדעל מענ־שען און האט א פאר מאל א האווקע געטהאן. א יונגער קצב, וואס איז געשטאנען צו איהם נעהענטער פון אלע, האט איהם ערקלערט:

— נארישער כלב, פערשטעהסטו ניט, אז איצט זיינען די ניין טעג? קיינער עסט איצט ניט קיין פלייש. קום ערב שבת, וועסטו כאפען א ביינדעל.

דער געלבליכער הונט האט פערריסען דעם קאפ, געקוקט איהם אין די אויגען, געדרעהט מיט'ן עק און איז אוועקגעלאפען ווייטער.

דער טייך איז שוין פון שבעה עשר בתמוז געווען פערלאזט און אויב עס זיינען געווען ווייסע חברה'ניקעס, וואס האבען ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון פון דעם קיהלען וואסער אין די גרויסע היצען, האבען זיי איצט שוין פון טייך געווייכט, און נאר א דיענסט מיי־דעל פון א גבירישען הויז איז אהין געגאנגען נאך וואסער פאר'ן סאמאוואר.

אויפ'ן מארק ווערט דוקא פיעל לעבעדיגער פארנאכט ווי גע־וועהנליך אין זומער. קינדער, מיידלעך, ווייבער שיטען זיך ארויס פון די פערווארפענסטע געסעלעך מיט פענדלעך אין די הענד און לויפען אין מילך קראם נאך מילך פאר וועטשערע.

אין די הייזער, וועלגערט מען לאקשען אדער מען האקט פאר־פעלעך און בשעת דעם וועלגערען און בשעת דעם האקען טראכטען די פרומע ווייבער וועגען איידעלע אידישע טעכטער וואס זיינען

אין די טעג פון הונגער אויסגעגאנגען אין ירושלים און זיי זיפצען צום טאַקט.

אַבער אין יענער צייט האָט זיך דער טרויער ניט שווער גע־לעגט אויף אונז חדר אינגלאַך. מיט׳ן אָנקומען פון די ניין טעג האָט זיך אָנגעהויבען די ארבייט פון מאַכען שווערדלאַך אויף תשעה באב. און מיר זיינען אזוי אריין אין דער קונסט פון דעם מאַכען די שווערדלאַך, אז מיר האָבען אפילו פארגעסען דעם צוועק, צוליעב וועלכען מיר האָבען עס געטהאָן.

ביי אונז אין שטעדטעל זיינען געווען קאָזאַקען און זייערע שווערדען האָבען געדארפט זיין פאר אונז דער מוסטער, אָבער זיי־ערע שווערדען זיינען אויסגעבויגען און פיעל מיר האָבען זיך ניט געמאַטערט, פיעל מאַזאַליעס מיר האָבען ניט אָנגעקוועטשט אויף די הענט האָבען מיר אזעלכע שווערדען ניט געקענט דערווייזען. און נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אָנגעמאַטערט און אָפּגעשוויצט און אי־בערגעפיהרט א שינדעל, וואָס האָט געקאָסט א קאָפּיקע אין מזומנים, האָבען מיר זיך געמוזט נעהמען צום אַלטען מוסטער פון דעם גליי־כען קורצען שווערדעל. מיר האָבען קיין מאָל אזא שווערדעל ניט געזעהען, און דער קינזשאַל איז אונז געווען אין גאַנצען פרעמד, נאר די שינדלען זיינען געווען בעסער צוגעפּאַסט צו אזא סאָרט. און מיר אַלע האָבען זיך בעזאָרגט מיט די קורצע שווערדלאַך, אָב־געפּאַרבט אין שוואַרצען פון יאגדעס, א חוץ יענע גליקליכע אינגלאַך, וואָס האָבען געהאַט טאַטעס אדער עלטערע ברידער, געניט מיט געצייג און זיי האָבען געקענט דערווייזען אזעלכע שווערדלאַך וואָס האָבען ארויסגערופען אונזער טיעפסטע קנאה.

און נאָך די קינות אין דער פריה זיינען מיר אַלע, די גרויסע און די קליינע, מאַנסביל און ווייבער, אינגלאַך און מיידלאַך, גע־גאַנגען אויפ׳ן בית עולם און דאָרטען אונזערע שווערדלאַך צוברא־כען. און אונזערע קליינע שוועסטער האָבען מיט צער און קנאה צוגעקוקט, ווי מיר ווייזען ארויס אויף אזא העלדישען אופן אונ־זער גרויסע פערצווייפלונג, בשעת זיי דאַרפען זיך בענוגענען מיט׳ן שטיקעל קנאַבעל, וואָס זיי טראָגען אויף זייער ברוסט.

ארימע קליינע אידישע מיידלאך! אפילו איז זייער צער האבען זיי זיך ניט געטארט פערגלייכען מיט אונז אינגלאך און זיי האבען ניט געקענט האבען א בעסערען סימבאל פון דעם גרויסען חורבן ווי א שטיקעל קנאבעל.

# סליחות.

(זכרונות פון די קינדערשע יאהרען)

איך בין נאך דאמאלס א קליין אינגעל געווען, און סליחות האבען פאר מיר געהאט אן אימה'דיגען חן.

אבער דאס זיינען ניט געווען די סליחות, וואס האבען זיך אנגעהויבען צוועלף אזייגער ביי נאכט. פון יענע האט זיך שטארק געהערט א קאמפראמיס און אויף קאמפראמיסען בין איך דאמאלס ניט געגאנגען. די דאזיגע סליחות האבען ניט געהאט קיין שארפ־קייט און אפילו ניט קיין אימה'דיגקייט. דער בית המדרש איז געווען פול — כמעט ווי צו א יום טוב'דיגען דאווענען. דער גרעס־טער טהייל עולם איז געווען נאך אנגעטהאן אין די שבת'דיגע בגדים און האט אויסגעזעהען זאט, אויסגערוהט און גוט אויפגע־לעגט. מען איז זיך צוזאמענגעקומען פיעל פריהער איידער די סליחות האבען זיך אנגעהויבען און מען האט גערעדט, וואס אין מויל איז איינגעפאלען. מען האט זיך דערמאנט אז צייט לאנגע יאהרען איז שוין אזוי קאלט ניט געווען צו די ערשטע סליחות און אלטע לייט האבען פעררעסטעטע זכרונות אויפגעריהרט און דערוויזען מיט דאטעס, אז ווען די קעלטען הויבען זיך אן אזוי פריה קען מען זיך ריכטען אויף א שניי די צווייטע טעג סוכות.

און דער אייביגער לץ פון קלייזעל, אברהם משה, א איד פון מיטעלע יאהרען מיט א קיילעכדיגען בייכעל, מיט א רויטער פארב אין פנים און אויפ'ן נאקען, מיט א שווארץ קיילעכדיג בערדיל, האט געפונען א שעת הכושר צו מאכען א וויץ, און דער עולם האט גע־לאכט. אין דער לופט האט זיך דער גאנצער פחד און אימה אויסגעוועפט.

די אימה און דער פחד איז געווען אזוי אפגעטהאן פון די דאזיגע סליחות, אז חעמקע דער שוסטער האט זיך אויך פערגונען צו מאכען א וויץ אויף זיין אופן. חעמקע האט געניהט אזא סארט שטיוועל, וואס די אנדערע שוסטער האבען ניט געקענט מאכען. ער האט געניהט שטיוועל מיט לאנגע חאלעוועס און קונציגע הויכע אבסאצען פאר קאזאקען. ער האט אפילו געמאכט לעדערנע קא־לאשען מיט שפארען פאר די אפיציערען. ער איז געווען א קור־צער און דארער יונגערמאנטשיק און האט אליין אויך געטראגען זעהר הויכע אבסאצען, און זיינע האר זיינען פון הינטען געווען געשארען אין א האלבער לבנה, מעשה קאזאק. ער האט זיך גע־פיהלט עפעס ווי א תקיף און פלעגט געהן מיט א הויך אויפגע־הויבענעם קאפ און דאס האט בולט'ער ארויסגעשטעלט די אויסגע־בויגענקייט פון א שוסטערשען רוקען. ער איז געווען א האלבער עם הארץ און ער האט געדארפט ברעכען די צייהנער אויף די עברי פון סליחות. און ווען ער האט זיך אנגעשטויסען אויף אזעלכע ווערטער ווי „בקקת בלקת", האט ער מיט א קאמעדיאנטסקען פנים זיך א קרים געטהאן און אויסגערופען אויפ'ן קול:

— פע, איך וועל אזעלכע ווערטער ניט זאגען.

דאס האט נאר געקענט פאסירען ביי די סליחות, וואס מען זאגט צוועלף א זייגער ביי נאכט, ווען די גאנצע אימה און דער פחד איז אפגעטהאן, און די דאזיגע סליחות האב איך לחלוטין ניט ליעב געהאט.

דערפאר האבען פאר מיר געהאט א געוואלדיגען אימה'דיגען חן די געוועהנליכע סליחות און איך פלעג זיך ביים טאטען בעטען רחמים, ער זאל מיך אויפוועקען צו זיי.

א מיסטעריעזע אטמאספער האט ארומגערינגעלט די דאזיגע סליחות און געררייצט די קינדערשע פאנטאזיע. אלץ ארום איז גע־ווען אזוי אונגעוועהנליך. אויסערארדענטליך. פאנטאסטיש און אימה'דיג.

טיעפע נאכט.

איך בין פערזונקען אין א געשמאקען, רוהיגען קינדערשען שלאף. דער גאנצער פחד, דער גאנצער שרעק פון אלול, די גאנצע

זארג און די גאנצע מורא פאר דעם צעטעל, וואס ווערט ראש השנה געשריבען און יום כפור פער'חתמ'עט האבען ניט געקענט אריינ־גיסען קיין איינציגען טראפען אונרוהיגקייט אין דעם זיסען שלאף. פלוצים דערהערען זיך צוויי האסטיגע קלעפ און נאך א קורצער פויזע א דריטער מיט א הילצערנעם האמער אין לאדען. איך גיב זיך א צאפעל אין בעטעל און עפען די אויגען מיט שרעק. אין שטוב איז שטאק פינסטער. איך וויים ניט אויף וואסער וועלט איך בין. די דריי קלעפ הערען זיך ווי עפעס א שטרענגע שליחות פון אונבעקאנטע עולמות. נאר דאס אלץ געדויערט ניט מעהר ווי עט־ליכע סעקונדען, ווייל גלייך דערהערט זיך דעם שמש'ס קול:

— שטעהט אויף צו סליחות!

דער מאמענטאנער שרעק אריבער און דער עטוואס אויפגע־הויבענער קאפ פאלט צוריק אויפ'ן קישען. דער שלאף איז איצט אזוי זיס און אנגענעהם. איך געדענק ווי דורך א חלום, אז איך וויל אויפשטעהן צו סליחות, נאר די אויגען שליסען זיך צו, און ווי־דער איז שוין פערגעסען אלול, די כתיבה, די חתימה —

הא? ווער שטעהט עס איבער מיר און האלט זיין האנט ביי מיר אויפ'ן אקסעל? איך דערהער גלייך דעם טאטענס שטילען היי־זעריגליכען קול:

— דו האסט מיך געבעטען, איך זאל דיך אויפוועקען.

עס הערט זיך אין זיין קול אזא רחמנות, וואס ער רייסט מיך אויף פון דעם זיסען שלאף, און אין דער זעלבער צייט עפעס א צו־פריעדענהייט, וואס יונג ווי איך בין, בעט איך זיך אליין איינצו־שפאנען אין דעם שווערען יאך פון אידישקייט.

איך גיב עפעס א מורמעל נאר דער קאפ איז ווי מיט בליי אנגעגאסען און איך שלאף ווידער איין. דער טאטע שלאגט זיך מיט דער דעה, און באלד דערהערט זיך פון צווייטען צימער, ווי די מאמע גיט א זיפץ און רופט שטיל צום טאטען:

— א רחמנות, לאז איהם שלאפען.

ווי שטיל דער זיפץ איז ניט געווען, האב איך דערהערט, און ער האט פערטריבען די בלייענע שווערקייט פון קאפ. התחזק כארי איז מיר ארויף אויפ'ן געדאנק. מען דארף זיך שטארקען ווי א

ליב און איך האב איבער זיך א כח אנגעטהאן און בין ארויסגע־שפרונגען פון בעט.

דער טאטע איז שוין פארטיג און ער טרייבט מיך איצט איך זאל קיין שהיות ניט מאכען, מיר וועלען נאך פערשפעטיגען די סליחות. איך דרעה זיך ארום אין שטוב עטליכע סעקונדען. די גאנצע ארבייט בעשטעהט איצט אין אפגיסען נעגעל וואסער און ארויפכאפען די קאפאטקע.

אין דרויסען איז פינסטער און די אנהויב אסיענדיגע קעלט דרינגט גיך דורך אונזערע זומערדיגע בגדים. איך פיהל ווי בלעזלאך טרעטען מיר ארוים אויפ'ן ליב און א לייכטער ציטער לויפט מיר דורך פון די פיאטעס ביז'ן נאקען. איך קארטשע זיך איין אין מיין קאפאטקע און אונזערע טריט ווערען שנעלער. די גאסען זיינען שטיל, פערלאזט. עס הערען זיך נאר אלץ שוואכער און שוואכער די קלעפ אין די לאדענס, א סקריפ פון א טהיר, איינזאמע שנעלע טריט דא איבער איין געסעל, דא איבער א צווייטען, א יאדעשלי־ווער הוסט און ווידער שטיל.

די קלויז איז דריי פיערטעל לעדיג. דא און דארטען ברענען חלב'ענע ליכטלאך און עס טריפט פון זיי אן אומעדיגער, מרה־שחורה'דיגער שיין. פאר'ן טיש זיצט משה זלמנ'ס, א זקן פון א יאהר זיבעציג, מיט א סטאטשעק אין האנט און קוקט אריין אין א ספר.

דער עולם זעהט אוים, ווי ער וואלט אנטלאפען פון עפעס א בהלה. קיינער איז ניט ארומגעוואשען, די בערד און פאות'ן זיינען צוקאזשעט, די בגדים ניט רעכט פערשפיליעט.

פון אלע ווינקעלאך בלאזט א קעלט פון אימה. דער יא־דעשליווער הוסט הערט זיך דא עפטער. זעלטען ווען איינער ווארפט זיך דורך מיט'ן צווייטען מיט עפעס א בעמערקונג. די האלטונג ווייזט, אז מען איז זיך דא צוזאמענגעקומען אין אזא אונגעוועהנ־ליכער שעה אין אזא איילענים פאר זעהר א וויכטיגע זאך. און ווען עמיצער מאכט יא א בעמערקונג, איז דער קול אזוי פערשטיקט־הייזעריג ווי ביי אן אבל, וואס האט זיך ערשט צוריקגעקעהרט פון א פרישען קבר.

— וואס ווארט מען? — הערט זיך אן אונגעדולדיגער מור־מעל.

עס איז אן עת לעשות און יעדע מינוט איז טהייער.

דער אומעט פערשפרייט זיך מיט׳ן קדיש, און ווען עס קומט צו „אל מלך״ איז שוין יעדער דורכגעדרונגען מיט דער טיעפסטער מורא, און יעדעס מאל וואס דער „אל מלך״ ווידערהאלט זיך וואקסט די מורא אלץ מעהר.

די קעלט ווערט פערשוואונדען און די פנימ׳ער ווערען צו־פלאמט, די אויגען פערוויינט און שטראהלען מיט בעגייסטערונג. די קולות האבען פערלארען זייער הייזעריגקייט, זייער טרויעריג־קייט און ווען עס קומט צו משיח צדקך, מיכה עבדך און דניאל איש חמודות ווערט א גאנצע ענדערונג אין דער שטימונג. אין דעם בעגייסטערטען געבעט הערט זיך א פיעסטשען פון קינדער, א גוטע האפנונג און א זיכערקייט.

דער פריהמארגען ברעכט אויס און די פענסטער פון קלויז ווערען בעגאסען מיט א בלויקייט. דער אומעדיגער שיין פון די חלב׳ענע ליכטלאך ווערט ווי אבגעריבען. די בלויקייט ווערט אלץ העלער און העלער און די שטימונג געהויבענער.

ווען איך קעהר זיך צוריק פון קלויז, ווייסט ניט די מאמע, וואס צו געבען מיר פריהער. זי בעט זיך ביי מיר רחמים, איך זאל גע־בען נאך א ביס, נאך א זופ, און איך פיהל ווי עס קומט איהר צו חיות פון יעדען ביסען מיינעם. נאר ווען זי הויבט זיך מיך אן צו בעטען, און זאל זיך צולעגען שלאפען, קען זי ביי מיר בשום אופן ניט פועל׳ן.

מיין שטימונג איז א צו געהויבענע.

# ימים נוראים

## ווען אַ פיש ציטערט אין וואַסער.

(זכרונות פון די קינדערשע יאָהרען).

דער דאַווענען, אַ וואַכעדיגער, איז צוגעגאַנגען ווי געוועהנ־ליך, מען האָט קוים געקענט בעמערקען, אַז דער חודש אלול איז שוין אריבער דעם שוועל. אפשר האָט זיך געהערט אַן איבריג מאָל „טאַ־טעלע פאָטער," אפשר האָט מען דעם „אחד" ארויסגעזאָגט מיט מעהר כונה, אפשר זיינען די צוויי קלעפּ אין הארצען ביי סלח לנו געווען עטוואָס שטארקער, נאָר דאָס אלץ האָט זיך ניט געלאָזען בעמערקען.

אַן אונרוהיג ווינטעל האָט ערשט אַ בלאָז געטהאָן איבער'ן קלויז, ווען עס איז געקומען צו „לדוד אורי" און אויף אלע פנים'ער האָט זיך בעוויזען אַן אויסדרוק, ווי זיי וואָלטען ערשט איצט דער־זעהן דעם נייען גאַסט.

ער איז דאָ! אלול איז געקומען!

אונזער בעל תוקע וואָס האָט געדאַוועגט ביי דעם דאָזיגען מנין, אַ יונגער מאַן אַ שלאָסער, האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען, ווען דער שמש האָט איהם צוגעטראָגען דעם שופר. אַ גאַנץ יאָהר האָט ער בעלאַנגט צום פּרעהליכערן עלעמענט אין קלויז. ערב תשעה באָב פלעגט ער קומען מיט פולע קעשענעס שישקעס און שמחת בית השואבה פלעגט ער זיך וואַרפען מיט האַנט־טיכער, און ווען די יונגע חברה פלעגען אויספּרואַווען זייער גבורה און ווייזען ווער קען אויפהייבען מעהר ספרים מיט איין האַנט, האָט ער ניט גע־קענט ביישטעהן דעם נסיון און אויך געוויזען זיין גבורה. איצט איז ער מיט אמאָל אריין אין פּראָמינענץ, אלע אויגען זיינען געווען געריכטעט אויף איהם און ער האָט זיך געפיהלט צו קליין פאַר דעם כבוד און ערנסטע שליחות, וואָס איהם איז אויסגעפאַלען.

דער שאָל פון דעם שופר איז אַרויס קלאָר און שאַרף.

אַ לייכטער ציטער איז איבערגעלאָפן ביי אַלעמען איבער'ן לייב.

דאָס איז אָבער ניט געווען קיין ציטער וואָס פּחד רופט אַרויס. אין דעם איצטיגען שאָל האָט זיך ניט געהערט קיין קריצעניש פון ציינער פון דעם פערביסענעם קטוגר דעם שטן, אויסגעמישט מיט אַ פּלאָנטערדיגען געבעט פון די מתפּללים, און מיט אַ גערויש פון פליגלען פון מלאכים, וואָס שטופען זיך, יאָגען זיך, איילען זיך און פליהען ווי צומישטע, ווי ביי די ימים נוראים'דיגע תקיעות. ניין, אין דעם שאָל פון דעם שופר האָט זיך איצט געהערט נאָר אַ סיגנאַל, אַ שטרענגער אויפרוף:

— זייט וויסען, אַז אלול איז דאָ!

מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און שווערע געמיטער האָט דער עולם לאַנגזאַמער צוזאַמענגעלעגט טלית און תפילין, פערבראַכט אַן איבער־ריגע ווײַלע אין קלויז און מיט שטילע טריט, פּאַוואָליע, ניט גע־איילט, געלאָזט זיך געהן אַהיים, אין קראָם, אין גאַס.

דער שאָל פון דעם שופר האָט פאַר מיר געהאַט נאָר אַן אַנדער בעדייטונג. ער האָט ביי מיר אַרויסגערופען אַ ציטער פון געשפּאַנ־טער ערוואַרטונג. דער שאָל האָט מיר דערצעהלט, אַז דאָ עפענט זיך אַ פאָרהאַנג, וואָס פערשטעלט עפּעס מיסטעריעזעס, געהיימניספאָ־לעס.

און דאָס געהיימניספאָלע האָט זיך שוין אָנגעהויבען. איך געה ניט אומזיסט אין חדר און וויים, אַז דער שופר בעזיצט אַ געוואַלדיגע קראַפט. פון בלאָזען אין שופר איז איינגעפאַלען די אייזען־שטאַרקע וואַנט פון יריחו, אַ וואַנט אַזוי דיק אַז מען האָט זיך געקענט אויף איהר אויסקערעווען מיט אַ רייטוואַגען. אין גאַס שיינט די זון ווי פאַראַכטאָגען, ווי פאַר פּיער וואַכען און דאָך וואָס פאַר אַ גע־וואַלדיגע ענדערונג עס איז פּלוצים פאָרגעקומען. די פרעהליכקייט, די שטיפּענים פון די גיין־גאָלדענע זומערדיגע שטראַהלען איז מיט אַמאָל פערשוואונדען געוואָרען, אַזוי ווי דער שאָל פון דעם שופר וואָלט אויף זיי אָנגעוואָרפען אַ מורא. די יונגע בלויקייט פון דעם הימעל האָט זיך פערצויגען מיט עפּעס אַן אומעט. די ווייכע לאַס־

טשענדע לופט האט עפעס געקראגען א שארפקייט. די פעלדער, וואו דער ווינט האט זיך געשפיעלט מיט די אנגעגאסענע זאנגען און גע־טריבען איבער זיי כוואליעס, זיינען איצט נאקעט און שטעכיג. די ווייכע סאמעטענע לאנקעס זיינען אפגעקראכען, אפגעבלאקע־וועט. דאס טייכעל מיט זיין גלאטען פנים פון א יונג קינד מיט זיין פרישען אטהעם איז איצט געווארען צורונצעלט און זיין פנים איז ווי ביי א זקנה, א טיפע מרה שחורה איז אויף איהם אויסגעגאסען און עס בלאזט פון איהם א קעלט.

א פיש ציטערט אין וואסער!

פון דעם אפענעם פענסטער ביי דעם „העהנדיל", אזוי האבען מיר גערופען דעם בעל תפילה פון אונזער קלויז, רייסען זיך די אר־מעדיגע נגונים פון דעם ימים נוראים'דיגען מוסף און די טרויעריגע געדאנקען צוטראגען זיך איבער דער גאנצער גאס. אפרויקע דער שוסטער כאפט אונטער א ניגון און ברומט אויס „הבן יקיר לי אפרים" אין טאקט מיט'ן האמער וואס פאלט אויף דער פאדעשוועז. תנחום דער סטאליער צוגיסט זיך אין אן „ונתנה תוקף" און אקאמ־פאנירט זיך אליין מיט'ן הובעל איבער א ברעט. ביי שאיע דעם שניידער זינגט א גאנצער כאר „כל נדרי" און דער געזאנג געהט צו נאך טרויעריגער ווי ביים „העהנדיל".

די מאמע אין קראם זיצט פערזאומערט, די פרנסה איז שטיל, און זי האט גענוג צייט איבערצוטראכטען, וואס די ביטערע חיונה מאכט פון א זינדיגען מענשען. עס רייסט זיך ביי איהר אפט ארויס א זיפץ. און ווען דער טאטע קומט, שטעלט ער זיך אין טהיר, ברומט אונטער דער נאז א ימים נוראים'דיגען נגון אהן ווערטער, קוקט ארויס אין גאס, נאר ער זוכט ניט מיט די אויגען קיין קונים. בכלל איז ער ניט דער פרנסה־געבער. דער דאזיגער יאך ליגט אויף דער מאמען. זיינע געדאנקען זיינען פערנומען מיט העכערע ענינים. ניט דער טאטע, ניט די מאמע רעדען א ווארט.

— אח, צו וואס האט עס דער הענט־ניט־געוואשענער בעשא־פען זינד אויף דער וועלט? — פרעגט פלוצים די מאמע.

— כדי די צדיקים זאלען האבען מעהר שכר אויף יענער וועלט, — ענטפערט דער טאטע עגאאיסטיש.

א ווײלע איז שטיל. א שווערע פילאזאפישע פראבלעם עג־בערט דער מאמען אין קאפ און זי קען איהר ניט בײקומען.

— עס איז שווער צו זײן א צדיק.

— אלץ גרעסער איז דער שכר, — ענטפערט דער טאטע צו־פריעדען.

די מאמע פערלירט די פילאזאפישע רוהיגקײט און קאלטקײט און בעמערקט שוין מיט ווארעמקײט:

— עס איז גרינג צו זאגען. אבער וואס טהוט מען אז קינדער קומען און בעטען עסען. מען קען זײ ניט לאזען אויסגעהן, רחמנה לצלן, פון הונגער. אלײן קען מען אויך די נשמה ניט אויסשפײען. א זינדיגער מענש דארף האבען א בגד, א שוך, א דירה.

— גאט שפײזט א ווערימעל אין דער ערד, א פשיטא שוין דעם מענשען.

— דו מײנסט — האט די מאמע אנגעהויבען, נאר זי האט זיך גלײך געכאפט און זי האט ארויסגערעדט מיט א זיפץ: אח, ווי זינדיג מענשען זײנען.

א ווײלע זײנען דער טאטע און די מאמע געבליבען שטיל.

— וואס שטעהסטו דא? — האט זיך צום סוף די מאמע אויסגערופען. — געה בעסער אין קלויז און לערן א פרק משניות.

דער טאטע איז צוגעגאנגען צום טיש־קעסטעל, האט ארויס־גענומען א מטבעה אויף זײן הוצאה און איז אוועק ברומענדיג אונ־טער דער נאז דעם זעלבען אומעדיגען נגון.

— ער מײנט, אז געלט וואקסט אין טיש־קעסטעל, האט זי איהם נאכגעזאגט אהן כעס, נאר ווי פערענטפערענדיג זיך פאר וואס זי קען ניט האבען דעם זעלביגען בליק ווי ער.

געווען, וועהנליך. ווען פרנסה איז שטיל, פלעגט די מאמע צוגעהן צו דער שכנה־קרעמערקע אדער די שכנה פלעגט צוגעהן צו איהר און מען פלעגט שמועסען. איצט איז יעדע קרעמערקע געבליבען זיצען בײ זיך אין קראם. א חוץ דעם וואס אזא שמועס איז ניט מעהר ווי דברים בטלים, קען מען זיך אמאל ארויסכאפען מיט אווארט, וואס איז ניט ווײט פון לשון הרע. די נעצען זײנען פער־שפרײט אומעטום אונטער דעם מענשענ׳ס פיס, און דער מענש

דארף זיך זיבען מאָל אומקוקען, אז ער זאָל ניט געשטרויכעלט ווער־רען און ניט אריינפאַלען.

אין שטוב איז די שטילקייט א דריקענדע. מען פיהלט, ווי פון יעדען ווינקעלע לויערט דער שונא און שטעהט פארטיג מיט א ביכעלע אין האנד צו פערצייכנען, וואָס ער בעמערקט און זעהט און דאָס וועט נאָכדעם אלץ געהן אויפ׳ן וואָג־שאָל. איך פיהל די דריקענדע שטילקייט מיט אלע גליעדער, נאָר מיט דער זארגלאָזיג־קייט פון א אינגעל פערגעס איך אָפט דעם שונא, וואָס לויערט אויף אונז, און שים אוים אין א געלעכטער, ווען איך הער, ווי אונזער שכן פון דעם צווייטען הויז, בערעלע געמבע, דער לץ פון שטעדטעל רעדט אין דרויסען מיט אן ערנסטער מינע, אז ער זוכט עפּעס אן עברה, כדי ער זאָל ניט דארפען שלאָגען זיך על חטא אומזיסט. די מאַמע לעגט ארויף אויף מיר צערטליך די האַנט און בעמערקט מיט א טרויעריגען קול:

— מען טאָר ניט לאַכען, מיין קינד.

און דער טאַטע כאַפּט איהר אונטער און זאָגט:

— צייט דער בית המקדש איז חרב געוואָרען טאָר מען ניט לאַכען.

דאָס איז ניט קיין נייער פערבאָט, נאָר א גאַנץ יאָהר איז מען אויף דעם ניט מקפּיד, פערקעהרט, די מאַמע קוועלט אַז, ווען זי זעהט מיך פרעהליך. נאָר איצט איז חודש אלול.

אין א געוויסען אבענד ווערט די שטילקייט אין שטוב נאָך דריקענדער, דער קאָפּ ווערט טיעפער אַנגעבויגען, די טריט ווערען שטילער. עס זעהט זיך אַן, ווי עס קאָסט דער מאַמען געזונד צו זאָגען אַן איבריג וואָרט. דער טאַטע זוכט עפּעס מיט א ליכט אין דעם ספרים אָלמער. מען געהט פריהער שלאָפען, הגם דער אבענד ווי ווייט איך וויים איז א גאַנץ געוועהנליכער. און אויף מאָרגען אין דער פריה, זעה איך ניט די מאַמען אין קראָם, א זאַך וואָס פּאַסירט זעהר זעלטען. און ווען איך טרעף איהר שפּעטער זיינען די קישעלאַך אונטער איהרע אויגען העכער, דער פּנים דערהיצט ווי נאָך א סך וויינען און זי רעדט אזוי הייזעריג אז מען קען קוים הערען. איהר בליק אויף מיר איז אזוי צערטליך און אין דער זעל־

בער צייט אזוי טרויעריג, אז עס פערכאפט מיר אזש ביים הארצען. איך שטוים זיך אן, אז זי איז געווען אויפ'ן פעלד און דאס וואס דער טאטע האט נעכטען אין אבענד אזוי שטארק געזוכט אין ספרים־אלמער איז געווען א מענה לשון.

דער שאל פון דעם שופר האט אבער פאר מיר נאך אן אנדער בעדייטונג, ער זאגט אונז קינדער אן, אז אין חדר ווערט שוין סוף זמן, און א ווילדע, אונבעקאנטע פרייהייט ווינקט צו אונז, שמייכעלט צו אונז, און רייצט אונז.

די שטרענגקייט אין חדר האט פון דעם שאל געפלאצט. עס איז שוין ניט מעהר קיין תפיסה און עס איז ניטא מעהר קיין געצוואונגענהייט. דער רבי מאכט מיט אונז חברותא און דערצעהלט אונז שעהנע מעשיות. אונזער רבי, אברהם יהודה, מיט פעך שווארצע אויגען און פעך שווארצער בארד און וואנסען האט אפט ליעב צו מאכען א הפסקה און דערצעהלען אונז עפעס פון די מלי דעלמא, פון חכמות חצוניות און אפילו פון ליטעראטור, און ער איז אונז מסביר מיט דער זעלביגער קלארקייט, ווי ער איז געוואהנט מסביר צו זיין א שטיקעל גמרא.

נאר איצט זיינען די הפסקות געווען עפטער און זיי האבען מעהר געהאט צו טהאן מיט עניני דיומא. אין אזעלכע הפסקות האט ער אונז דערצעהלט וועגען יענעם ישובניק וואס איז געקומען אויף ימים נוראים אין שטאדט און וואס האט ניט געקענט דאווענען און ווען מען האט אויסגענומען האט ער געוואלט לויבען גאט אויף זיין אייגענעם דרך און ער האט פון גאנצען הארצען מיט גרוים כונה א פייף געטהאן, און דער אויבערשטער כביכול האט דעם דאזיגען פייף אנגענומען בעסער ווי אלע תפילות. און אזעלכע מעשיות האט דער רבי געוואוסט אהן א שיעור, און מיט ברענענדע אויגלאך מיט אנגעצונדענע אויערן, מיט א בעהאלטענעם אטהעם האבען מיר זיי געהערט און געשלונגען די ווערטער.

איצט האט אונזער רבי אברהם יהודה, אויך גאר ניט געהאט גענגען דעם, אז מיר, די תלמידים, זאלען זיך צוזאמענלייגען צו עטליכע קאפיקעס און קויפען א טאפ צו צוויי עפעל אדער בער־נעס און אויפ'ן זעלביגען טיש, וואו שטענדיג ליגען די גמרות און

תנך׳ן ליגען איצט אויסגעשאָטען ווייס־רויטליכע ווייניגע עפּעל אָדער סארע סאפּעזשאנקעס, און דער רבי אָהן א קאַפּאָטע, זיצט אָנגעשפּאַרט מיט׳ן רעכטען עלענבויגען אויפ׳ן טיש און מיט דער לינקער האַנט אין דעם רעכטען עלענבויגען און מאַכט א ברכה איבער די פּרוכטען.

מיר עסען אַלע בהרחבה׳דיג, ניט געאיילט. פּלוצים ווענדעט זיך דער רבי צו אונז:

— נו, קינדער, איצט דערצעהלט איהר עפּעס א מעשה.

דעם רבי׳ס שווארצע וואָנסען און באָרד פּערשטעלען דעם שמייכעל, וואָס ליעגט איהם אויף די ליפּען. מיר זיינען אָבער אַלע אידישע קינדער און אונזערע קעפּלאַך האָבען זיך ניט אומזיסט געשאַרפט אויף דער גמרא, אויב אפילו ניט מעהר ווי אויף התחלת גמרא, און מען דאַרף אונז קיין פינגער אין מויל ניט אריינלעגען. מיר ווייסען, אז דער מעשה דערצעהלער וועט נאָר בלייבען ביי דער ברכה, און איינער פון אונז רופט זיך אָפּ מיט א תמ׳עוואַטע מינע:

דערצעהלט איהר בעסער, רבי!

— שגץ!

און מען דאַרף ניט מיינען, אז דער רבי האָט געמיינט חס ושלום אויסצונאַרען א אינגעל פון זיין חלק פּרוכטען. דאָ האָט ניט געשטעקט קיין שום זולל וסובא׳שער געדאנק. דאָס איז געווען געמיינט אויסצופּרובען אונזער שאַרפקייט און מיר זיינען זעהר צופריעדען. וואָס מיר האָבען דערוויזען, אז מען קען אונז אין קיין זאַק ניט ארייננאַרען.

דער שאַל פון דעם שופר ווערט שטאַרקער און מיר ווערען אין גאַנצען בעפרייט פון דעם חדר.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די אטמאָספער אין גאַס און אין דערהיים איז געוואָרען געדיכטער, וואָס די ימים נוראים׳דיגע נגונים הערען זיך שטאַרקער, וואָס די קעפ זיינען טיעפער איינגעבויגען געוואָרען און וואָס דער פחד, דער אומעט האָט זיך שטאַרקער צוגאָסען אויף אַלעמענס פּנים׳ער, פיהלען מיר ווי אונזערע יונגע פיסלאַך הויבען זיך אַליין פאַר שמחה.

מיר זיינען פריי!

עס טראָגן אונז די פיסלאַך איבער די אָפּגעשניטענע פעל־דער, איבער די אָבגעקאָסעטע לאָנקעס און מיר בלייבן לענגער אין די לעדיגע גאָרטענס. וואו מיר שניידן אויס די שטאַמען פון די קירבעס און מאַכען פון זיי טרובעס און לאָזן הערען איבער פעלד און וואַלד מיט די משונה'דיגסטע קולות, וואָס מיר קענען ארויס־קריגען פון די טרובעס, אז מיר זיינען פריי, פריי, פריי.

נאָר אפילו אין אונזער ווילדער פרייהייט האָבען מיר גע־זוכט אזא מין ספּאָרט, וואָס זאָל זיין פערקניפּט מיט'ן גייסט פון די מורא'דיגע טעג. עס האָט אונז פערשאַפט גרויס פערגניגען ארומצולויפען מיט טעלער פאַר'ן בית עולם און קלייבען נדבות פאַר חברה „פרחי שושנים" אויף א נייען ש"ס אין אונזער קלויז. ביי טאָג האָבען מיר געבראַכט פולע קעשענעס פלוימען דעם שמש פון אונזער קלויז און דערפאַר האָט ער אונז געגעבען דעם שופר מיט'ן תנאי, אז בלאָזען זאָלען מיר אויפ'ן בוידים, כדי ער זאָל ניט כאַפּען קיין פּסק און מיר האָבען זיך אזוי לאַנג געמאַטערט בייצוקומען א תקיעה, ביז שפּילקעס האָבען אָנגעהויבען צו שטעכען די באַקען.

דער שאַל פון דעם שופר ווערט שטאַרקער און שטאַרקער.

אומעדיגער און אומעדיגער ווערען די פּנים'ער, נידריגער און נידריגער לאָזען זיך ארונטער די קעפּ, שטילער און שטילער ווע־רען די טריט, צובראָכענער און צובראָכענער ווערען די געמיטער. בלייכער און בלייכער ווערען די גין־גאָלדענע שטראַהלען פון דער זון. עס ציהען זיך ווייסע וואָלקען איבער'ן ניט בלויען ניט סאָרען הימעל. וויסטער און חרוב'ער ליגען די אויסגעמאַטערטע פעל־דער, און שוואַרצער און מרה שחורה'דיגער קוקט דאָס טייכעל.

עס איז אלול, די צייט ווען א פיש ציטערט אין וואַסער.

# אלול.

תקיעה, שברים, תרועה!

עס בלאָזט אַ תקיעה אין די תפוצות ישראל און אַ ציטער לויפט דורך איבער אַלע אידישע לייבער, אויף די פנים'ער פאַלט אַן אַ אומעט, און די הערצער קלאַפּען מיט שרעק.

עס שאַלט אַ תרועה: טו־אָו, טו־אָו, טו־אָו, און פערטרייבט יעדען פרעהליכען געזאַנג, בלאָזט אוועק אַלע גשמיות'דיגע שטרע־בונגען און שרויפט אַן די רעיונות אויפ'ן „אבל מלך עליון“.

עס טראָגט זיך אַ געבראָכענער בלאָז „שברים“, און די ווייבער האָבען זיך גענומען אויסצולופּטערן די מענה־לשון'ס, אויסצוציהען זיך אויף די קברים און בעטען ביי די שוכני עפר, זיי זאָלען זיך מיהען פאַר די לעבעדיגע, ניט פערגעסען זייערע קרובים און חאַדאַ־טאַיען פאַר זיי ביי דער פמליה של מעלה.

תקיעה, שברים, תרועה!

די גרויסע בלעטער פון די קרבן־מנחה'ס פּלאַטערן, און די אַלטע בלעטער ווערען בעדעקט מיט גאַלע פלעקען פון טרעהרען. אַ קדושה, אַ ברכו זיינען געשטיגען אין פּרייז; אַ פרק משניות, אַ קאַפּיטעל תהלים זיינען געוואָרען די גאַנגבאַרסטע סחורה; אַ תענית, אַ תפלה איז דער בעסטער מסחור.

תקיעה, שברים, תרועה!

עס בלאָזט דער שופר אין דער פריה, רוישט אין די אויערן דעם גאַנצען טאָג און דער אָפּקלאַנג פערשווינדט ניט פון קאָפּ אפילו ביי נאַכט. דער שלאָף אַנטלויפט פון די אויגען נאָך איידער די העה־נער קרעהען, און די שומרים לבוקר'ניקעס לויפען אין דער פינס־טער אין שוהל, וואו די עטליכע קאַרגע חלב'ענע ליכטלאַך קענען ניט פערטרייבען די געדיכטע, שוואַרצע שאָטענס, וועלכע, דוכט

זיך. ווילע פערשלינגען אלעמען און אלץ און דערמאנען אן דער גוואלדיגער גבורה פון דער טומאה. און דער שרעק ווערט נאך גרע־סער, ווען עס דערהערט זיך א יאדישליווער שברים־הוסט פון א זקן. און די הויכע ווענד פון דער כמעט לעדיגער שוהל ענטפערן אויף איהם מיט א משונה׳דיגען אפקלאנג.

תקיעה, שברים, תרועה!

וואס איז דאס? האט דער קלעגליכער צובראכענער שאל אזא גבורה, אז ער האט געקענט אנווארפען א שרעק אפילו אויף דער שטומער נאטור? פאר וואס האט דער הימעל פערלארען זיין פראכט־פאלע גלאנץ און האט בעקומען אזא אפגעבלאקעוועטע, מרה־שחורה׳דיגען אויסזעהן? פאר וואס האט דאס וואסער אין טייך פערלארען זיין ווייכע, העלע קאליר און האט אנגענומען אזא פינסטערע מינע? פאר וואס האבען זיך די שפיעלענדע פרעהליכע אינדען פערוואנדעלט אין שארפע, שניידענדע כוואליעס?

וואס בעדייטען די העל־ווייסע פעדימלעך, וואס טראגען זיך ארום אין דער לופט? איז דאס ניט קיין שטאף פאר תכריכים?

יא, דער שאל פון דעם שופר איז צו דער זעלבער צייט א טרויער־מארש; מיט דעם שאל ריכט מען אוים דעם ליעבען זיסען זומער אין זיין רוה, פאר וועלכע די שפינען וועבען תכריכים, און דעריבער האט די גאנצע נאטור אנגענומען אזא מרה־שחורה׳דיגען אויסזעהן.

תקיעה, שברים, תרועה!

געשטארבען דער פריהלינג, בעגראבען דעם זומער און באלד הויבט זיך אן דער אסיען מיט די שטעכיגע רעגענס, מיט די ווינ־טען, וואס רייסען די לאדענס און פייפען אין קוימענס מיט אזא קלאגעדיגען נגון.

# אָפּגעפאלענע בלעטער.

מיט'ן ערשטען בלאָז פון שופר האָט זיך א נייער גייסט פער־
שפּרייט איבער'ן שטעדטעל. אויסערליך האָט זיך קיין גרויסע ענ־
דערונג ניט געזעהן, מענשען האָבען, דאכט זיך, געהאַנדעלט, גע־
הב'ועט, געארבייט ווי תמיד, די קראָמען זיינען געווען אָפען און
מען האָט קונים גערופען, דער מארק־פּלאץ איז גראד איצט געווען
לעבעדיגער ווי א גאנץ יאָהר, די סעמערס האָבען פּשוט געקרעכצט
אונטער דער שווערער משא פון אלערליי פּרוכטען, און די סעמער־
ניצעס האָבען שוין ניט געפונען גענוג פּלאץ אויף זייערע טישלאך,
האָבען זיי זייער סחורה אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אין גרויסע
קופּעס, און דער גאנצער מארק האָט געפינקעלט מיט די חן'עוודיגע
„פּאַניענקעס“, רויט בעקעלדיגע עפּעל, און מיט טהוי בעצויגענע
פלוימען. פון די אָרימע הייזלאך וואו עס האָבען געוואוינט שוס־
טער, שניידער, סטאָליארעס האָט זיך געהערט אפשר מעהר געזאנג
ווי א גאנץ יאָהר. אין בית המדרש, אין די קלויזען זיינען די איי־
ביגע שמועסען נאָך מעריב אָנגעגאנגען ווי שטענדיג. אבער א גע־
ניטע אויג האָט גלייך געקענט כאפּען די גרויסע ענדערונג, וואָס דער
ערשטער בלאָז פון שופר האָט געמאכט ביי אלעמען אין די הערצער.

מיט דער ערשטער תקיעה איז פערשוואונדען די גאנצע וואָ־
כעדיגקייט, און יעדען איינעמס מחשבות זיינען אָנגעשרויפט גע־
וואָרען אויף די העכערע ספערען. יעדער האָט גענומען זיך אליין
אויף א פערהער און געמאכט מיט זיך א חשבון הנפש. און דאָס האָט
מען געקענט גרינג בעמערקען, ניט קוקענדיג אויף די וואָכעדיגע
בעשעפטיגונגען. עס זיינען פערוויינט די אויגען ביי דער קרעמערקע
און איהר קול איז אזוי הייזעריג, אז זי קען נאָר רעדען אין א וויס־
פּער. די סעמערניצע קען זיך אין איהר בעסטען מוטה ניט בעגעהן

אהן א קללה און אפילו איהרע א ווינשעוואניע שמעקט מיט תוכחה, נאר איצט וועט קיין גאנצע קללה ניט ארויס פון איהר מויל. זי כאפט זיך גלייך און דערשרעקט זיך פאר זיך אליין. און שרעקט זיך מעהר פאר דעם שאדען וואס די קללה קען ברענגען דעם שלעכטען קונה, ווי פאר דער זינד. וואס א פלוך רייסט זיך ארויס פון איהר מויל. און די גאנצע צייט וואס זי יריד'עוועט האלט זי אין איין דערמאנען זיך, אז עס איז אלול.

עס זינגט דער שוסטער און דער שניידער ביים ווארשטאט, נאר דאס זיינען שוין ניט מעהר די פרעהליכע ליעדלאך. די נגונים זיינען איצט טרויעריגע און פול מיט תחנונים אדער מורא, און פון זיי פערשפרייט זיך א געדריקטע שטימונג איבער'ן גאנצען געסעל, און יעדער וואס געהט פערביי אדער צו וועמען עס דערגרייכט דאס זינגען נעהמט אויף דעם נגון און ברומט אונטער אין דער שטיל.

און דער שמועס אין בית המדרש אדער אין די קלויזען נאך מעריב האט גאר אן אנדער כאראקטער. איצט געהט קיינעם ניט אן דער תוגר, און פאליטיק איז א צו וואכעדיגע זאך. איצט איז וויכטיג צו הערען, ווי א שטייגער קען זיך פיהלען א איד, וואס טראגט ניט קיין טלית קטן און געהט ניט אין שוהל. מילא, א גאנץ יאהר קען מען נאך פערשטעהן, — אלע, ברוך השם, ווילען טהאן עפעס אזוינס וואס זיי ווילען ניט טהאן אין דעם חודש אלול, אין איינער טהוט ווייניגער און א צווייטער מעהר. אבער וואס טהוען יענע אין אזא צייט? און וואס א שטייגער טהוט טאקי א משומד?

— וואס איז שייך זיי פיהלען זיך שוין גוט! — זאגט בערעל דער קצב וועלכער וואוינט הינטער דער שטאדט און זיין נעהענטסטע שכנה איז א משומדת'טע.

אלע אויערען ווערען איצט אויסגעשפיצט צו הערען וואס ער האט וועגען דעם צו דערצעהלען. מען ווייסט, אז די צווייטע הויז פון איהם וואוינט דעם כאפערס טאכטער און ער קען ווארפען א ליכט אויף דער דאזיגער ברענענדיגער פראגע.

בערעל פערשטעהט זיין איצטיגע געהויבענקייט און ער איילט זיך ניט, ער רעדט ווי ער וואלט רענדלאך געצעהלט. ער וויל בשום

אופן ניט ארונטער אזוי גיך פון אזא הו־כען בענקעל, ווען ער רעדט און אלע שלינגען זיינע ווערטער.

— יא, יא, זיי פיהלען זיך שוין גוט! אזא יאהר אויף זיי!

ער האט געוואלט אויסשפייען, אויסצודריקען זיין פעראכטונג, נאר פון אלע זייטען איז מען ארום איהם געשטאנען און ער האט זיך בענוגענט מיט א טרוקענעם: „פו!“

— איהר ווייסט דאך, דעם כאפערס זאכלערע וואוינט לעבען מיר, אדידער צייט ווערט זי אוים מענש. אזוי, דעם גאנצען מער, ווען עס קומט אבענד, זיצט זי אויף דער פריזבע, און ער שפיעלט אויפן הארמאניק, סיידען עס רעגענט אדער ער שכור׳ט זיך אן. נאר גיט א בלאז די ערשטע תקיעה, איז אוים פריזבע. זי שטעקט ניט ארוים קיין איבעריגען מאל די נאז פון שטוב.

— נאר דערפאר שטעקט זי איהר נאז צום פענסטער. איהר ווייסט דאך, דער בית עולם איז ניט ווייט פון אונז, און פון אונזערע הינטערשטע פענסטער קען מען זעהן דעם פארקאן. און זי שטעהט פאר יענע פענסטער און קוקט ווי מען געהט אויף קבר אבות און קען זיך פון דארטען ניט אפרייסען.

— אהא, עס טיאכקעט אין הארצען! — בעמערקט עמיצער מיט א געפיהל פון נקמה.

— שייך טיאכקעט אין הארצען! וואס איז, אז זי האט זיך אפגעסטוויענטשעט, איז שוין אלץ הפקר געווארען? — האט בערעל פאטאקעוועט. — זי ווייסט, אז אויבען פיהרט מען א חשבון און באלד דארף מען דעם צעטעל אונטערשרייבען. און זי געהט טאקי ארום אלול צייט אהן א קאפ, זי איז פשוט אוים מענש. און ווער רעדט, אז עס קומען ימים נוראים, ווייסט זי ניט וואו אהינצוטהאן זיך. און ווי איהר זעהט מיך א אידען, איך בין גרייט צו שווערען, אז זי פאסט יום כפור.

— געהט! — רופט זיך אן א יונגער בחור׳ל — א משומדת׳טע וועט פאסטען?

— זעהט, זעהט, איהם גלויבט זיך ניט! — פאלען אויף איהם אן עטליכע מיט אמאל. — וואס פערשטעהסטו אין אזעלכע זאכען?

— איהר רעדט וועגען דעם כאפערס טאכטער, אויך מיר א

נפש! — מישט זיך אריין יאָשע איסר׳ס דער שענקער. וואָס ווייסט זי און וואָס פערשטעהט זי! א גראָבער פליגעל! אַט, זעהט איהר, דאָס איז יא ווערטה צו דערצעהלען. איהר ווייסט דאָך דעם דאָקטאָר פיינבערג. זיין גוי׳שע דיענסט קאָכט איהם ראָקעס און ביי איהם אין שטוב איז אזא טרפות, אשר לא טרפו אבותינו. מיט אידיש־קייט האָט ער אין גאַנצען אָפּגעשניטען, ער חבר׳ט זיך נאָר מיט׳ן גוי׳שען אַפּטייקער און עסט ביי איהם און טרינקט ביי איהם. און איהר ווייסט, אז אפילו יום כפור קומט ער ניט אין שוהל. איך וויים ניט, צי ער איז ווען געווען אין א מקום קדוש. א גוי שבגוים, א מומר להכעיס, ווייל ער טהוט אלץ בפרהסיא —

יאָשע איסר׳ס האקט זיך אין מיטען איבער און מאכט א לענ־גערע פויזע. ער זעהט, אז דער עולם איז אביסעל ענטטוישט צו הערען אזא מין זאך וועגען א אידען, הגם אלע ווייסען וועגען דעם. און ער מאכט דאריבער די פויזע לענגער כדי צו מאכען באלד א שטאַרקערען איינדרוק און רעדט ווייטער:

— נו, אדרבה, פרובירט עמיצער רופען פיינבערג׳ן צו א חולה אום יום כפור —

— איצט שפּיצען אלע אויס נאָז און אויערען און די אויגען ווערען ביי אלעמען ליכטיגער. יאָשע איסר׳ס זעהט די פּלעצליכע ענדערונג און ער ציהט בכיון די עצמות.

— אייער טרחה וועט זיין אומזיסט. יום כפור קענט איהר פיינבערג׳ן ניט קריגען. און ווייסט איהר פאר וואָס?

ער שטעלט זיך ווידער אָפּ און בעקוקט אלעמען מיט א מינע, ווי ער וואָלט געוואונען א וויכטיגען פונקט און זאָגט:

— איהר ווייסט, פאר וואָס? ווייל יום כפור איז ער פער־שפּאַרט ביי זיך אין א צימער און פאסט און דאַווענט.

— ער פאסט און דאַווענט! — רעדען אלע איבער פערוואונ־דערט און יעדער קוקט זיך איבער מיט׳ן צווייטען.

דער איינדרוק איז טאקי זעהר א שטאַרקער. אלע קוקען זיך אי־בער און א טריאומף שפּיגעלט זיך אָפּ אין זייערע בליקען, און ווען מען געהט אוועק פון קלויז איז די אומעדיגע שטימונג אפשר נאָך טיעפער ווי פריהער, נאָר מען פיהלט זיך רע.ביי געהויבענער.

# ה־מ־ל־ך.

אזוי גיך ווי איך האב געעפענט די אויגען ערב ראש־השנה אין דער פריה, האבען זיך גענומען טראגען אין דער לופטען גרויסע גאלדענע אותיות, וועלכע האבען צוזאמענגעשטעלט דאס ווארט ה־מ־ל־ך, און די אימה וואס איז געוואקסען מיט יעדען טאג דעם גאנצען חודש אלול, איז יעצט גרעסער געווארען.

אין שטוב איז די שטילקייט געווען א געשפאנטע. דעם טאַ־טענס שטילע טריט, דער מאמעס אנגעבראכענער קול פון וויינען ביים פעלד־מעסטען האט זיך איצט קוים געהערט איבער א וויספער און עס האט זיך געפיהלט, אז א שטורם איז נאהענט.

נאר דערפאר ווען איך בין ארויס אין מארק, איז דער אימה'־דיגער געפיהל מיט א מאל אפגעשוואכט געווארען. די שפע ארום האט גאר ניט הארמאנירט מיט'ן ערב ראש השה'דיגען גייסט. דער מארק האט איצט אויסגעזעהן ווי אויסגעשפרייט מיט העל קאלירטע טעפיכע פון די פרוכטען וואס זיינען געווען אויסגעלעגט דא און דארטען אויף שטרוי אין פיערעקיגע קופעס, אפגעטהיילט איינע פון די אנדערע מיט א קליינעם שטח. און צווישען די קופעס זיינען געשטאנען וועגען, פול מיט פרוכטען, און פון אומעדום האבען ארויס־געקוקט דארט ווייסע עפעל, וואס האבען געדופט מיט אן איידעלער זיסקייט, עס האבען זיך גע'חנ'דעלט רויט־בעקעלדיגע פאניענקעס, גרויסע סארע סאפעזשאנקעס און אנדערע געלבליך בלייכע, האניג אנגעגאסענע קיילעכדיגע בערנעס, פער'חלומ'ט זיינען געלעגען די בלויליכע פלוימען, פערצויגען מיט א פרישען טהוי און ארום און ארום זיינען געשטאנען ווייבער מיט זייערע פארטוכער גרייט צו טראגען אהיים אזוי פיעל זיסקייט ווי נאר די מיטלען האבען ער־לויבט.

די שפּע אַרום די קופּעס און וועגן האָט ניט האַרמאַנירט מיט דער אימה וואָס איז אויסגעוואַקסן מיט'ן ערשטן בלאָז פון שופר, און נאָך ווייניקער האָט דאָס האַרמאַנירט אַרום די וועגן, וועלכע האָבן בעלאַנגט צו שטאָדטישע גוים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט סעדער. פאַר איין וואָגן איז געשטאַנען יולקע, אַ הויכע שעהנע אָנגעגעסענע גוי'ע, וועלכע פלעגט אין די געוועהנליכע מאַרק־טעג זיצן פאַר אַ טישעל חזיר־פליייש, און הגם זי האָט איצט געטראָגן איהר בעסטע סיצענע קלייד מיט ראָזיגע קייקעלעך, גוט אָנגע־קראָכמאַליעט און אויסגעפּרעסט, און דאָס האָט זי געטהאָן נאָר לכבוד ערב ראש השנה און זי האָט גערעדט שטיל, אַריינפאַלענדיג אין דעם אלול'דיגען טאָן פון דער אידישער גאַס, האָט דאָך מיר עס אויסגעוויזען, אַז דער ראש השנה'דיגער גייסט איז דערפון גע־שטערט. און טאַקע די אידישע פּרוכט הענדלער, וואָס זיינען גע־שטאַנען אַרום זייערע אויסגעשפּרייטע קופּעס האָבן געקוקט גאָר ניט מיט ראש השנה'דיגע אויגען אויף זייערע קאָנקורענטען פון די וועגן.

מעהר ראש השנה'דיג האָבן שוין אויסגעזעהן די אָרימע סעמערס, וואוהין עס האָבן פערבלאָנדזשעט אויף דעם איינציגען טאָג אין יאָהר פּרוכטען פון גליקליכערע ווארעמע מקומות. צושראָ־קען האָבן פון דאנען געקוקט די יונגע וויינטרויבען אויף דער אונבעקאַנטער אומגעבונג און האָבן ניט געקענט בעגרייפען, פאַר וואָס זייערע שכנים, די קאַוועגעס, אויך קינדער פון אַ הייס זוניגער היים ליגען אַזוי פערשייט, צושניטען אין דינע חלקים און שמייכלען אַזוי חוצפה'דיג צו די קאַלטע שטראַהלען און רייצען מיט זייער נאַקעטער שעהנקייט.

נאָר אָט האָט זיך די זון גענומען נייגען צו מערב זייט און פּלוצים האָבן זיך אַלע דערמאָנט וואָס פאַר אַ טאָג עס איז היינט. עס זיינען אָוועקגעפאָהרען די וועגען פון מאַרק, עס זיינען פער־שוואונדען די הענדלער און די גרויסע קופּעס פּרוכטען און די קראָ־מען האָבן זיך פערמאַכט איינע נאָך דער אַנדערער און אין גאָר אַ קורצער צייט איז קיין וואָכעדיגע זאַך ניט געבליבען אויפ'ן מאַרק און אומעדום איז געוואָרען אַ דריקענדע שטילקייט.

ה—מ—ל—ך!

די שטילקייט ווערט נאך אימה׳דיגער אויפ׳ן שוהל־הויף. עס זיינען ניטא די געוועהנליכע רעדלאך פון זומער צייט צווישען מנחה און מעריב און עס הערען זיך מעהר ניט קיין וואכעדיגע שמועסען. און אפילו די יחידים, דאס רוב יונגע מענשען, וואס שטעהען פאר׳ן שוהל אדער בית המדרש האבען זעהר ערנסטע פנימ׳ער און מיידען אוים צו רעדען איינער מיט׳ן צווייטען. און נאך ערנסטער ווערען די דאזיגע פנימ׳ער ווען אויפ׳ן שוהל הויף בעווייזט זיך דער אידי־שער דאקטאר אין דער בעגלייטונג פון רפאל דעם פעלשער. דער דאקטאר איז א פנים חדשות אין שוהל און אלע בעגרייפען, אז דאס איז נאר די גרויסע אימה פון די ימים נוראים, וואס האט איהם גע־בראכט אהער. דאס איז א טאג אנדערש פון אלע אנדערע פון א גאנץ יאהר.

ה—מ—ל—ך!

און מיר ווייזט אוים, אז דער הימעל אין מערב זייט איז איצט רויטער ווי אלע מאל און איך קוק מיט מורא אויף דער זון, וועלכע דארף היינט פערגעהן אנדערש ווי אלע מאל, מיט א סוף פסוק, און לאזען מערקען, אז א יאהר ענדיגט זיך איצט און פון מארגען וועט זיך אנהויבען א נייער יאהר מיט א נייער זון. די לעצטע שטראהלען שטיפען ניט און זייער גינ־גאלדענער שיין איז ווי פערגליווערט פון אימה און פחד.

ה—מ—ל—ך!

די ווייבער וואס לויפען איצט דורך דעם שוהל־הויף אין זייערע ווייסע קליידער און מיט די ווייסע טיכלאך אויף די קעפ שוועבען איצט דורך ווי גייסטער און די געשפאנטע שטילקייט ווערט נאך אימה׳דיגער.

אט ברעכט אוים דער שטורם.

און אין די לעצטע שטראהלען פון דער זון זעה איך מיט גינ־גאלדענע גרויסע אותיות איבער דעם גאנצען האריזאנט —

ה—מ—ל—ך!

# מיין ערשטע ענטטוישונג.

(לכבוד ראש השנה)

די לעצטע טעג פאר ראש השנה ווען נאר איך בין פערבייגעגאנגען די סעמערס אין מארק, האב איך זיך ניט געקענט איינהאלטען ניט אפצושטעלען זיך פאר די גרויסע קאוועגעס, וואס זיינען דארטען געווען אויסגעלעגט און די וויינטרויבען וואס זיינען געווען אויסגעשטעלט.

די סעמערניצעס האבען איצט אנגענומען גאר א וואזשנעם אויסזעהן און זייערע אויסגעבויגענע רוקענס האבען זיך אזש אויסגעגלייכט פון גרויסער גדולה. א שפאס, זייערע סעמערס פערמאגען קאוועגעס און וויינטרויבען! דאס איז געווען א סחורה, וואס מען האט א גאנץ יאהר ניט געזעהן ביי אונז אין די אויגען און מען האט דערצעהלט, אז מען ברענגט זיי גאר פון מרחקים. און ווען ניט ראש השנה ווען מען דארף מאכען שהחיינו איבער פרוכטען, וואלט מען זיי דאס מאל אויך ניט געזעהן ביי אונז אין שטעדטעל.

זיי קומען פון מרחקים!

דאס אליין איז געווען גענוג צו געבען זיי א געהיימניספאלען קאליר און עס האט אויסגעזעהן, אזוי ווי זיי האבען צו דערצעהלען עפעס אזוינס וואס מיר ווייסען ניט. און זיי האבען געדרייצט די פאנטאזיע און ארויסגערופען פערשיעדענע פראגען אין קאפ.

און ווען מען האט צושניטען א קאוועגע פאר א קונה'טע און די ראזיגע פלייש איז אנטפלעקט געווארען אין איהר פולען גלאנץ און די זאפט האט זיך גענומען בלעזלען אין קליינינקע פערלאך, איז דאס מויל ממש פול געווארען מיט וואסער און עס איז פערשטענדליך געווארען פאר וואס מען האט אזא טרחה גענומען צו

פיהרען די דאָזיגע ערד־פרוכט אזוי ווייט און בעשטימט איהר פאר שהחיינו אויף ראש השנה.

עס האָט זיך ביי אונז קיינער ניט פערגונען צו קויפען א גאנצע קאוועגע און א בעל הבית׳טע איז געווען צופריעדען צו דערווייזען א קליינע שטיקעל אויף דעם הייליגען יום טוב. דאָס האָט מען אנגעגרייט ניט צו עסען, נאָר צו פערזוכען דעם טעם.

און די בעל הבית׳טע וואָס האָט איינגעהאנדעלט א שטיקעל קאוועגע און א קליינעם צווייגעלע וויינטרויבען, האָט זיי געטראָגען מיט גרוים שמירה אהיים, אזוי ווי א שטיק פון דעם הייליגען יום טוב איז געווען פערקערפערט אין זיי. קיין מאָל האָט מען נאָך קיין פרוכט ניט געטראָגען מיט אזא עהרענגעפיהל, ווי דאָס שטיקעל קאוועגע און די עטליכע טרויבען. האָבען דאָך אפּעלסינען פער־בלאָנדזשעט צו אונז אויף פּורים, און דאָס איז אויך געווען דער איינ־ציגער טאָג אין יאָהר וואָס אונזערער איינער האָט זיי געזעהן, נאָר זיי האָבען קיין טיעפען איינדרוק ניט געמאכט.

איך בין עטליכע מאָל צוגעגאנגען און געקוקט אויף דער צור־שניטענער קאוועגע, און מיט יעדען מאָל בין איך אלץ זיכערער גע־וואָרען אז קיין שעהנערע און געשמאַקערע פרוכט איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. און ווי איך האָב געגאַרט, אז עס זאָל שוין קומען דער ראש השנה אבענד און איך זאָל שוין קענען פערזוכען דעם אמת׳ען טעם פון גן עדן.

און ענדליך איז דער אבענד געקומען. דער טיש איז געווען אנגעשטעלט מיט אלערליי פרוכטען. דער טאַטע האָט זיך געוועהנ־ליך אפּגעהיט ניט צו פערזוכען קיין פרוכט ביז ראש השנה און ער האָט געקענט מאכען דעם שהחיינו איבער וועלכער עס איז פּרי, נאָר אויסגעקליבען האָט ער די וויינטרויבען. דער פרעהליכער קול פון זיין שהחיינו איז געווען א שאַרפער קאָנטראַסט מיט דער טיעפער מעלאַנכאָליע אין זיינע אויגען. ער האָט מסתמא בכיון אויסגע־קליבען די וויינטרויבען, ווייל זיי האָבען אזוי פיעל בילדער ארויס־גערופען פון דער אידישער פערגאַנגענהייט און געוויזען וואָס מיר האָבען צוליעב אונזערע זינד פערלאָרען. די מאמע האָט דעם שהחיינו געמאכט מיט אזא צניעות, אז מען האָט לייכט געקענט זעהן ווי

זי עסט די פּרוכט ניט צו קיצלען דעם גומען נאָר פאַר דעם סימבאָל, וואָס דערמיט ווערט אויסגעדריקט.

נאָר וואָס איז שייך צו מיר, בין איך זיך מודה, אַז מיין מויל איז ווידער וואַסערדיג געוואָרען ווען די מאַמע האָט די שטיקעל קאַוועגע צושניטען אין דינע פּענעצלאַך. אונזערע אייגענע פּרוכטען זיינען פאַר מיר געווען גאַנץ וואָכעדיגע זאַכען און איך בין שוין מיט זיי געווען זאַט. אַ חוץ דעם האָב איך טאַקע ניט ליעב געהאַט די ראש השנה׳דיגע עפּעל, ווייל די מאַמע האָט קיין אַנדערע אויף ראש השנה ניט געקויפט, ווי נאָר די סאַמע זיסע, זאָל טאַקע זיין אַ אמת׳ע שנה מתוקה. און אפילו די וויינטרויבען האָבען ביי מיר ניט געהאַט דעם חן, וואָס די קאַוועגע. וויינטרויבען זיינען ניט געווען קיין נייעס ביי אונז, דאָס הייסט אויף יעדען ראש השנה אין די פריערדיגע יאָהרען האָב איך זיי שוין געזעהן און פּערזוכט. נאָר די קאַוועגע האָט ערשט ניט לאַנג פּערבלאָנדזשעט אין אונזערע מקומות. און איך האָב זיך טאַקע גענומען צו מיין פּענעץ קאַוועגע, ווי אַן אמת׳ער „הלעיטני״.

די מאַמע האָט מסתמא בעמערקט מיינע זשעדנע בליקען, וואָס איך האָב געוואָרפען אויף דער קאַוועגע און זי האָט מיר איינגעטהיילט אַ גרעסערען פּענעץ ווי דעם טאַטען אָדער זיך און האָט מיר געוויזען, וואָס מען דאַרף עסען און וואָס ניט. דאָס האָט אוועקגענומען אַ גרויסען חלק פון מיין פּענעץ, ווייל ער איז געווען געשניטען אַזוי, אַז דער ווייסער טהייל איז געווען דיק און דער ראָזעדיגער זעהר דין, און דערפון איז מיין פּענעץ קאַוועגע נאָך ציטערדיגער געוואָרען. איך האָב געקענט פאַרטיג ווערען מיט מיין פּענעץ מיט איין רעכטען ביס, נאָר איך האָב געוואָלט אַז דער טעם פון גן־עדן זאָל אָנהאַלטען און געדויערן וואָס לענגער. איך האָב דאַריבער גענומען עסען מיט קליינינקע ביסעלאַך.

דער ערשטער ביס האָט ביי מיר אַרויסגערופען פערוואונדערונג. איך האָב זיך אַליין ניט געוואָלט גלויבען, אַז דאָס איז דער אמת׳ער טעם. דער צווייטער און דריטער ביס האָבען די מערכה פון דער קאַוועגע ניט פערבעסערט. עפּעס אַ געמיש פון זויערליכזיסליכעס, וואָס איז מיר לחלוטין ניט געפעלען געוואָרען, אָבער די

אויטאָריטעט פון א פרוכט, וואָס מען האָט געבראַכט פון מרחקים איז געווען צו גרויס, אז איך זאָל זיך פערלאָזען אויף מיין אייגע־נעם גומען און האָב געביסען ווייטער, נאָר וואָס מעהר איך האָב זיך דערנעהערט צום ווייסען טהייל איז דער זויערער טעם אַלץ מעהר געוואקסען און ווען איך האָב דערגרייכט די מחיצה פון ווייסען און ראזינען טהייל, בין איך אין גאנצען דורכגעדרונגען געוואָרען עפּעס מיט א זויערען געפיהל. עפּעס א פלעק האָט זיך ארויפגערוקט אויף יענע ווייטע מקומות, וואו מיט עטליכע מינוט פריהער האָט אזוי העל געשיינט די זון.

דאָס איז געווען מיין ערשטע גרויסע ענטטוישונג.

# מיין פערשטערטער ראש השנה.

(ערֿאינערונגען פון די קינדערשע יֿאהרען.)

איך בין דעמֿאלט ֿאלט געווען א יֿאהר ֿאכט צו ניין. קליין ווי איך בין ניט געווען, הֿאב איך גוט פערשטֿאנען און בעגריפען די וויכטיגקייט פון די מורא'דיגע טעג. פֿאר מיר איז קלֿאר געווען ֿאלץ וואס עס טהוט זיך אין די טעג אויפ'ן הימעל, אזוי ווי איך וואלט דֿארטען אליין געווען. איך הֿאב געוואוסט, אז לעבען כסא הכבוד ליגט דער גרויסער פנקס אויף א פייערדיגען טישעל און די עבירות און די מצוות לייענען זיך פון זיך אליין, און ווען אן עבירה אדער א מצוה ווערט דערמֿאנט קריכט זי ארויס פון דעם פנקס און ליגט זיך אליין אנידער אויפ'ן וואג־שאל. און ווי אזוי דער וואג־שאל זעהט אויס הֿאב איך אויך געוואוסט. איך הֿאב געוואוסט, אז דֿארטען וועגט מען ניט אויף קיין בעזמען, ווייל א בעזמען איז אין מיינע אויגען געשטֿאנען זעהר נידריג און נאר פויערים הֿאבען זיך מיט איהם געקענט בענוצען. אויך וועגט מען ניט אויף א פרייסישע וואג, ווייל איך הֿאב זיך בשום אופן ניט געקענט פארשטעלען, אז מצות ֿאדער עברות זֿאלען זיין שווער, איך הֿאב זיי אנדערש ניט געקענט פֿארשטעלען, ווי עפעס לופטיגעס, גרינגעס. די וואג איז ניט אנדערם אזא, וואס הֿאט צוויי שעלכלאך וואס הענגען ארֿאב פון א שטענגעל אויף שניר־לאך און מיט א צינגעל פון אויבען, מסתמא ווי די מאזנים פון די מזלות אין מחזור און ביי אונז אין קלייזעל אויף דער בימה, וואו עס זיינען אויסגעמֿאלט ֿאלע צוועלף מזלות, נֿאר פערשטעהט זיך די וואג אויפ'ן הימעל איז א סך גרעסער, די שעלכלאך שיינען און גלֿאנצען א סך בעסער ווי אין אפטהייק אפילו, און אויך די שניר־

לאך זיינען מסתמא געמאכט פון ויינעם גיין־גאלד. איך האב געוואוסט, אז אין די מורא׳דיגע טעג, ווען אלע ווערט אזוי פינקט־ליך געמאסטען און געוואויגען קען די קלענסטע מצוה׳לע אמאל אריבערשלעפען דאס צינגעל און מאכען פון א שלעכטען צעטעל א גוטען, און פערקעהרט א ליאדע עברה׳לע, א טל ומטר׳ל, קען חלילה פערוואנדלען א גוטען צעטעל אין א שלעכטען. סך הכל פאר א יאהרען ווינטער איז מיין חבר אברהם׳עלע געפאלען אויף א גליטש און האט זיך אויסגעבראכען א פוס. עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז איהם אנגע׳חתמ׳עט געווארען פאר א יאהרען אין די מורא׳דיגע טעג הגם צו זאגען דעם אמת בין איך אין דעם דאזיגען פונקט ניט געווען אזוי קלאר ווי אין די אלע אנדערע. איך געדענק, אז אין מיין קינדערשען קעפעל האבען זיך געדרעהט אזעלכע פראגען אויף וועלכע איך האב קיין ענטפער ניט געקענט קריגען. און טאקע צוליעב דעם זעלביגען חבר מיינעם אברהם׳עלע. ווען ער האט זיך אויסגעבראכען זיין פוס אויפ׳ן גליטש האט מיין טאטע מיר געזאגט, אז דאס איז איהם געקומען דערפאר וואס ער האט זיך געגליטשט אום שבת. און אזוי ווי געגליטשט האט ער זיך אום שבת, און טאקע אין יענעם שבת גופא האט ער אויסגע־בראכען דעם פוס איז מיר קשה געווארען — ווען איז דאס איהם אנגע׳חתמ׳עט געווארען: נאך איידער ער האט זיך געגליטשט אדער דאס איז איהם געקומען גאר אהן א חתימה. ביי אונז אין שטעדטעל פלעגט שטענדיג זיין א גרויסער וכוח, ווען אימיצער איז געשטארבען ראש השנה, צו דאס איז איהם אנגע׳חתמ׳עט געווארען פאר א יאהרען אדער צו מען האט איהם געגעבען א פריהערדיגע כתיבה שוין היינטיגעס יאהר. און שטענדיג איז אין דעם געווען חלוקי דעות. נאר אין מיין חבר׳ס צובראכענעם פוס האט קיין שום חלוקי דעות ניט געקענט זיין. אבער ווי עס איז דער שטייגער מיט קליינע קינדער בענוגענען זיי זיך מיט דער פראגע אליין און דאס האט מיר ניט געשטערט צו וויסען, אז אין די מורא׳דיגע טעג ווערט אלץ אנגעשריעבען און פער׳חתמ׳עט און אז אן איבריגע מצוה אדער איבריגע עברה האט זעהר פיעל צו זאגען אין אזא צייט.

און יונג ווי איך בין ניט געווען, האָב איך שוין געהאַט ניט קיין קליין פּעקעל עבירות. אין דעם פערלויף פון דעם יאָהר, אי־בערהויפּט זומער־צייט האָב איך א סך מאָל פערפעהלט א מנחה אָדער א מעריב און גאָר אָפט ביידע צוזאַמען און בין אפילו ניט אָפּגעשטאַנען דערפאַר קיין איבריגע שמונה עשרה, און אזוי ווי עברה גוררת עברה האָב איך צוליעב דעם אַנגעזאָגט דעם טאַ־טען א סך ליגענס, ווען ער האָט מיר גענומען צום פערהער און אויסגעפרעגט וואו איך האָב געדאַווענט און ווען האָב איך געדאַ־ווענט. אין מיטען וואָך האָב איך אָפּט פערפעהלט צו וואַשען זיך פאַר'ן עסען אָדער צו בענשען נאָך'ן עסען, איבערהויפּט ווען עס איז געווען עפּעס א שפּיעל אָדער מען האָט געדאַרפט געהן מיט חברים זיך באָדען. איך האָב אפילו געהאַט איבער זיך א גוטע שומר'טע: מיין שוועסטער איז איבער מיר געשטאַנען און ניט אָפּגעלאָזט פון פלעק. זי האָט מיר געהיט אז איך זאָל זיך וואַשען צום עסען און זאָגען אין דער הויך „שאו ידיכם" און נאָך'ן עסען איז זי פון מיר ניט אָפּגעטראָטען ביז איך האָב ניט אָבגע־בענשט. נאָר וואָס פאַר א בענשען איז דאָס געווען? די שוועסטער פלעגט שרייען, אז איך האָב אָפּגעמאַהלט ווי א מיהל, נאָר צו זאָגען דעם אמת קען א מיהל אויך ניט מאַכען אזוי גיך. עס איז געווען געכאַפּט א וואָרט פון דאַנען, א וואָרט פון דאָרטען און צוגעשטוקעוועט צו יברך את עמו בשלום, און פאַרטיג. אויך ניט איין מאָל האָט געטראָפען אז איך האָב זיך שבת ביי א שפּאַציער שוין נאָכ'ן ערוב געכאַפּט אז איך טראָג א מעסערל אין קעשענע, און דאָס הארץ האָט מיר ניט דערלאָזען אוועקוואַרפען עס, און איך האָב זיך געמאַכט ניט ווּיסענדיג און בין ווייטער געגאַנגען, אזוי ווי איך וואָלט גאָר קיין מאָל אין קעשענע קיין זאַך ניט גע־האַט. אמת, דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב א שבת דערטאַפּט ביי זיך א מעסערל נאָכ'ן ערוב האָב איך קיין שאלות ומעלות ניט געמאַכט, ארויסגעשלעפּט דאָס מעסערל פון קעשענע און בעהאַלטען עס הינטער א שטוב. נאָר ווען איך בין אויף מאָרגען געקומען עס זוכען האָב איך עס שוין מעהר דאָרטען ניט געפונען, און פון דאַמאָלס אָן האָב איך שוין מעהר אזוי קיין חפצים ניט

איינגעשטעלט. אזעלכע און דאָס גלייכען עברות האָב איך גע־האָט א גאַנצען פּעקעל, א פּעקעל וואָס האָט זיך געקענט וואַרפען אין די אויגען אפילו אין די געוועהנליכע טעג פון יאָהר און בפרט אין אזעלכע מורא׳דיגע טעג. וואָס, א שטייגער, קען איך ערוואַר־טען, ווען אזא פּעקעל וועט ארויפשפּרינגען אויף דער וואָג־שאָל?

עס פערשטעהט זיך, אז קלענער מאכען דאָס פּעקעל עבירות האָב איך שוין ניט געקענט. נאָר דערפאַר האָב איך איצט געקענט יאָגען זיך נאָך מצות און פערגרעסערען דאָס צווייטע פּעקעל. און איך האָב געזוכט און געאַקערט מצות ווי מיט ליכט. אלול צייט בין איך מיט א חברה חברים אוועק צום בית עולם און א שטיק וועג פאַר׳ן בית עולם געשטעלט זיך מיט א טעלער אויף וועלכע עס זיינען געלעגען צעטלאַך מיט גרויסע גע׳כתיבה׳טע אותיות: „פּרחי שושנים, ש״ס“, און דאָס האָט געדאַרפט הייסען אז מיר די איינגלאַך הייסען פּרחי שושנים און מיר קלייבען אויף א ש״ס. נאָהענט צום טויער פון בית עולם האָבען מיר ניט געטאָרט צוקומען, ווייל דאָר־טען זיינען געשטאַנען די אמת׳ע כלי קודש און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר האָבען געקליבען אויף אזא הייליגע זאַך, האָבען זיי אויף אונז געקוקט ווי אויף אזעלכע, וואָס קריכען אריין אין זייער פּרנסה און האָבען אונז גע׳רודפ׳ט ווי די ערגסטע קאָנקורענטען. נאָר טאַקע דערפאַר וואָס מיר האָבען פאַר גוטע מעשים געדאַרפט אויס־שטעהען רדיפות, האָבען מיר זיך נאָך אזא מצוה בעסער געיאָגט ווי נאָך אנדערע א סך גרינגערע. איבערהויפּט האָב איך געהאַט א השגה, אז די וואָג פון א מצוה ווענדעט זיך אָן דער אנשטרענגונג, וואָס מען מאכט צוליעב איהר; וואָס מעהר אנשטרענגונג, וואָס מעהר זעלבסט־אויפאָפּפערונג, וואָס מעהר צער מען נעהמט איין צו־ליעב איהר, אלץ גרעסער איז איהר וואָג און אלץ מעהר איז זי אָנ־געלעגט. הגם עס קען אויך זיין, אז די גוטע מעשים ביים בית עולם זיינען ביי אונז טהיילווייז ארויסגערופען געוואָרען דורך א קונדס־געפיהל. עס איז געווען א שטיקעל ספּאָרט צו ווייזען, ווי אזוי בעריל דער בית דין שמש מיט׳ן גראָבען שטעקען יאָגט זיך נאָך אונז: זיין גרויסע, גראָהליכע באָרד און די פּאָלעס פון זיין אָפענער קאַ־פּאָטע פלאַטערען אנטקעגען ווינד, און מיר מיט די טעלער אין די

הענט לויפען ווי די רוחות, און בעריל מוז זיך אפשטעלען, ווייל ער האט שוין מעהר קיין כח ניט צו לויפען, הויבט אן צו פאכען מיט'ן שטעקען אין דער לופטען אלס א צייכען, אז אזוי וואלט דער שטע־קען געצאפעלט זיך איבער אונזערע ארימע רוקענס און סאפעט קוים ארוים:

„איך וועל אייך געבען, שקצים!"

צו סליחות האב איך זיך אויפגעכאפט גלייך מיט'ן טאטען און ניט קוקענדיג וואס ער האט מיר געהייסען שלאפען בין איך געגאנ־גען גלייך מיט איהם אין קלייזעל און האב משונה הנאה געהאט, וואס די ביינק זיינען געווען האלב לעדיג. איך האב דערפון הנאה גע־האט, ווייל דאס האט מיר בעשיינפערליך געוויזען אז אפילו פאר סטאלנע מענשען איז דאס א גרויסע הכבדה אויפצושטעהן אין מי־טען נאכט, און איך האב דערפון געדרונגען, אז מיינע סליחות ווע־לען א פיינעם שלעפ טהאן די שאל פון די מצות. ערב יום כפור בין איך ווידער געלאפען מיט א טעלער און געריסען ביי די פאלעם פאר'ן ש"ס פון די פרחי שושנים און דאס האט ווידער געדארפט צוגעבען א שטיקעל וואג דעם פעקעל פון מיינע מצות. נאר דערמיט האבען זיך אנגעהויבען און דערמיט געענדיגט די איבריגע מצות.

איך בין דאריבער געווען אין גרוים צער ווען איך האב א שטיי־גער ראש השנה אדער יום כפור געזעהען ווי די סטאלנע אידען קענען זיך צוזאוויינען אין מיטען דאווענען און גיסען בעך טרערען. פונקט אנטקעגען איבער מיין „שטאדט" איז געשטאנען (ראש השנה און יום כפור האט ער זיך ניט געזעצט) הענאך דער בעל בכי און ער האט נאר געדארפט א קרים טהאן מיט'ן פנים און טרערען האבען אנגע־הויבען צו רינען איבער זיינע באקען. איך האב געוואוסט, אז טרע־רען זיינען א טהייערע מתנה פאר דעם אויבערסטען, שערי דמעות לא ננעלו, די טויערן פון טרערען זיינען קיין מאל ניט פערשלאסען. און איך האב אויך געוואלט גיסען טרערען, נאר פיעל איך האב מיין פנים ניט געקרימט האב איך קיין טרערען ניט געקענט ארויסמא־טערן. אלץ וואס איך האב געקענט איז אריינפאלען אין התלהבות אין א ווארימע שטיקעל אין שמונה עשרה און אנהויבען צו מאכען מיט די הענט ווי די גרויסע און הויבען אלץ העכער און העכער דעם

קול, נאר ווען איך פלעג זיך אזוי צואווארעמען פלעגט זיך פלוצים דערהערען דעם שמש'ס צוויי האסטיגע פעטש איינער נאכ'ן אנדערען איבער דער בימה און ניט נאר די ווארעמקייט האט געמוזט פערשווינדען, נאר דאס האט מיר אויך געוויזען, אז איך האב זיך פערנומען אויף א פאלשען וועג, און אזא התלהבות איז גאר ניט אנגענומען.

אין אזא ענגע צייט איז דער שהחיינו וואס מען מאכט איבער פרוכטען ראש השנה אין אבענד געווען א ברכה פון הימעל. טאטע־מאמע אז זיי פלעגען זיך אנידערזעצען ראש השנה אין אבענד מאכען שהחיינו איבער פרוכטען, האט מען געזעהען בעשיינפערלעך, ווי דאס פעקעל מצות וואקסט. א גאנץ זומער האבען זיי זיך אפגעהאלטען פון צו פערזוכען וועלכע עס איז פרוכט, כדי דער שהחיינו זאל בלייבען אויף ראש השנה און אז זיי האבען זיך אנידערגעזעצט ראש השנה אין אבענד צום טיש, האט מען בעשיינפערליך געזעהן, ווי זיי האבען זיך פון אלץ אפגעזאגט. האבען זיי גענומען אן עפעל איז דאס געווען דער ערשטער עפעל וואס זיי האבען פערזוכט דאס יאהר. איז דאס געווען א בערנע — איז דאס געווען די ערשטע. א פלוים — דער ערשטער. א חוץ דעם האט מען לכבוד דעם טאג פערשאפט זיך מיט אזעלכע זאכען, וואס אין אונזערע מקומות, דאס הייסט אין די קליינע שטעדטלאך פון דער ליטא, האט מען קיין מאל אויסער ראש השנה גאר ניט אנגעזעהען. לכבוד ראש השנה האט מען געקויפט טרויבען, קאווענע, ניט חם ושלום אנצושטאפען דעם מאגען אדער צו קיצלען די קישקע, נאר טאקע אלץ מחמת שהחיינו. מען האט געדארפט זעהן ווי דער טאטע האט געמאכט דעם שהחיינו. אז אבי ווער זאל אנכאפען א געוואלדיגע קנאה. ער האט יעדע פרי פריהער געהאלטען א היבשע וויילע פאר'ן שטעקעלע. און אויב די פרי האט קיין שטעקעלע ניט געהאט האט ער איהר געהאלטען מיט צוויי פינגער, זעהר פארזיכטיג געדרעהט אין אלע זייטען און בעוואונדערט איהר געוואלדיגען חן, ווי וועלענדיג דערמיט ווייזען דעם רבונו של עולם, אז ניט געגעסען די דאזיגע פרי האט ער ניט דערפאר וואס זי איז איהם ניט געפעלען, נאר דוקא פערקעהרט, געפעלען איז זי איהם שוין זעהר, דאס מויל ווערט איהם אזש וואַ־

סערדיג פון קוקען אויף איהר, נאר טאקע צוליעב דעם האט ער די קישקע ניט נאכגעגעבען און געווארט מיט'ן שהחיינו אויף ראש השנה. אוי אז ער האט געגעבען א ביס פון דער פרי און א זאג געטהאן: „אי, אי, אן אנטיק!" האט מען געזעהען ווי עס האט זיך ממש צוגאסען א תענוג פון גן עדן איבער אלע זיינע גליעדער. און אין דעם תענוג'דיגען עסען איז אויך געלעגען א וואונק צום רבונו של עולם. דער טאטע איז חס ושלום ניט געווען קיין זולל וסובא, וואס וועט גלאט נעהמען און ארויסווייזען א משונה'דיגע הנאה פון א פרי. און אויב ער האט ארויסגעוויעזען אזא הנאה האט מען געדארפט פערשטעהען, אז אין דעם שטעקט עפעס. און טאקע די התפעלות וואס ער האט אין יענעם אבענד געכאפט פון יעדער פרי איז געווען ניט מעהר ווי צו דערמאנען וואו מען דארף, אז פון אזעלכע אנטיקען, פון אזעלכע הנאות האט ער זיך אפגעזאגט אלץ צוליעב זיין נאמען. און יעדעס מאל ווען איך האב זיך צוגעקוקט צו דער דאזיגער סצענע, האב איך זיך געגעבען א ווארט, אז אם ירצה השם קומענדען יאהר וועל איך דעם גאנצען זומער ניט פערזוכען קיין פרוכט אוןווארטען מיט'ן שהחיינו אויף ראש השנה. נאר ליידער איז געווען זעהר גרינג צו מאכען אזעלכע בעשלוסען, אבער ווען עס איז געקומען צום אויספיהרען זיי האבען האב איך דעם נסיון ניט געקענטביישטעהן...

עס פערשטעהט זיך, אז אויף אונזערע אייגענע פרוכטען האב איך ראש השנה קיין שהחיינו ניט געקענט מאכען, נאר עפעס א טרייסט איז געבליבען, וואס איך האב לכל הפחות געקענט מאכען שהחיינו אויף די פרעמדע פרוכטען, וואס מען האט ביי אונז ביז ראש השנה קיין מאל ניט געזעהען, און הגם אזעלכע זיינען געווען ווייניג, איז דאך עפעס געבליבען אויף א זכר.

האט זיך אבער איין ראש השנה געמאכט א פערשטערטער און מיר איז אפילו קיין זכר פון א שהחיינו ניט געבליבען. דאס איז געווען דעמאלט ווען איך בין אלט געווען א יאהר אכט-ניין. סוף זומער, ארום חודש אלול איז צו אונז אראפגעקומען א גאסט. ער איז געווען אונזערער א קרוב און האט געוואוינט ערגעץ אין יענע מקומות, וואו מען עסט אפילו אין דער וואכען ווייסע בולקעס. ער

פלעגט קומען צו אונז איין מאָל אין א שמיטה און, ווי ווייט איך האָב געדענקט, איז ער אין מיין צייט געווען דאָס ערשטע מאָל. באַלד ווי ער איז געקומען האָבען זיך אין שטוב בעוויזען טרויבען און קאַווענעס. וואו ער האָט זיי געקריגען איז פאַר מיר עד היום א סוד, ווייל מיט זיך פון זיינע מקומות האָט ער עס ניט געקענט ברענגען און ביי אונז אין שטעדטעל האָב איך עס, ווי געזאָגט, פאַר ערב ראש השנה קיין מאָל ניט געזעהן. נאָר ווי דאָס איז, אין א שעה־נעם אַלולדיגען טאָג האָט דער גאַסט אונז מכבד געווען מיט טרויבען און קאַווענע. טאַטע־מאַמע האָבען גלייך ערקלערט, אז זיי וואַרטען מיט'ן שהחיינו אויף ראש השנה, און איך האָב זיך אַנפאַנגס אויך אָפּגעזאָגט פון זיי און האָב זיך געסטאַרעט אַפּצואווענדען מיינע אויגען פון זיי. דער גאַסט וואָס איז געקומען פון יענע מקומות, וואו מען עסט ווייסע בולקעס אפילו אין דער וואָכען, האָט אַנפאַנגס געקוועטשט מיט די פּלייצעס, נאָכדעם האָט ער זיך צולאַכט און געווענדעט צו מיר: „דו אויך, נאַרעלע?״ איך האָב ווי א פערזיני־דיגטער א קוק געטהאָן אויף איהם, נאָכדעם אויף די טרויבען און האָב מיט אַמאָל דערפיהלט, ווי דאָס מויל איז מיר געוואָרען וואַ־סערדיג. „נו, זיי ניט קיין שוטה״, האָט דער גאַסט צו מיר געזאָגט און דערלאַנגט מיר א צווייגעל טרויבען. איך האָב דעם נסיון לענ־גער ניט געקענט אויסהאַלטען און האָב געגעסען די טרויבען פאַר מיר, און פאַר'ן טאַטען, און פאַר די מאַמען, און אפילו פאַר'ן גאַסט. די מאַמע האָט דערביי אַרויסגעוויזען אַן אונרוהיגקייט, צו די טרוי־בען וועלען מיר חלילה ניט שאַדען, נאָר דער גאַסט האָט איהר בע־רוהיגט, אז שאַדען וועט מיר אפשר אויב איך וועל די טרויבען ניט עסען, און ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געהערט, אז טרויבען זאָלען שאַדען.

און עס איז נאָר געווען שווער צו מאַכען די התחלה, און נאָכ־דעם האָב איך שוין אַליין געבעטען קאַווען, הגם קאַווענעס זיינען מיר איבריג ניט געווען געפעלען און איך פלעג זיך וואונדערן וואָס פאַר א טעם געפינט מען אין זיי און פאַר וואָס קאָסטען זיי אַזוי טהייער.

נאָר דערפאַר ווען עס איז געקומען דער דאָזיגער ראש השנה

אין אבענד, ווען טאטע־מאמע האבען זיך געזעצט נעבען טיש און האבען געמאכט דעם שהחיינו, בין איך געזעסען ווי א בעגראבענער. די מאמע האט ניט פארגעסען צו געבען מיר א חלק, נאר יעדער פרי וואס איך האב געקריגען האט מיר דערמאנט, אז איך בין א זולל וסובא און דער טעם איז מיר פערשטערט געווארען.

# די געוועזענע שותפים.

## (אז ערב יום כפור'דינעם).

זלמן ציוויעס און איליאַטקע דער אַלשאַנער זיינען אַמאָל גע־וועזן שותפים, זלמן איז געוועזן דער געלט־געבער און איליאַטקע — דער בריה. דער ערשטער האָט זיך פערלאָזען אויף דעם צווייטענס בריה'שקייט און דער צווייטער האָט געדופּעט אויף דעם ערשטענס געלט. ווען די שותפות האָט זיך געענדיגט איז זלמן אַרוים נקי.

קיין סך געלט איז אין דער שותפות ניט געלעגען און עס איז געוועזן שווער צו זאָגען, צו עפּעס פון דעם געלט איז געבליבען ביי איליאַטקען. נאָר שלעכטע ציינגער האָבען גערעדט, און די שלעכ־טע רייד האָבען דערגרייכט סיי צו זלמנ'ען און סיי צו איליאַטקען, און עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט זייער פריינדשאַפט ניט פער־גרעסערט.ביידע האָבען אָנגעהויבען צו מורמלען. זלמן האָט געמור־מעלט, אַז זיין שותף האָט איהם בדלות געשטעלט, און איליאַטקע האָט געמורמעלט, אַז ער האָט זיך ניט אונטערגענומען מפרנס צו זיין אַ „דאַרמאַיעד", עס איז געוועזן געננוג, אַז ער האָט עטליכע יאָהר מיט זיין פּראַצע אויסגעהאַלטען אַ מענשען, וואָס קאָן אַ קאָץ דעם עק ניט פערבינדען און ער איז ניט מחויב צו רייסען זיך פון הויט פאַר אַ צווייטען.

די שנאה צווישען די דאָזיגע געוועזענע שותפים איז קיין מאָל ניט שטילער געוואָרען. זיי האָבען איינער מיט'ן צווייטען ניט גערעדט און ניט אויפגעהערט צו מורמלען איינער אויפ'ן אַנדערן. זיי האָבען זיך געסטאַרעט ווי ווייט מעגליך ניט צו שטעהן איינער אין דעם צווייטענס דלד אמות, נאָר דאָס האָבען זיי ניט אַלע מאָל געקאָנט דערוויייזען. זלמן ציוויעס איז געוועזן דער גבאי אין דעם קלויז וואו זיי האָבען ביידע געדאַוועגט און איז געוויסע שבתים

האט ער איליאטקען געמוזט געבען אז עליה, און זייער בעגעגענים אויף דער בימה איז געווען אן אפקומענים פאר זייביידען.

אזוי איז געווען א גאנץ יאהר.

נאר איין טאג אין יאהר האט זיך די שנאה צווישען זיי איבערגעריסען און ביידע האבען איבער זיך א כח אנגעטהאן צו ווייזען איינער דעם אנדערן א פרעהליכען פנים.

דאס איז געוועהנליך געווען ערב יום כפור ביינטאג.

זלמן ציוויעס איז געזעסען מיט דער פאמיליע ביים טיש פאר דעם יום טוב'דיגען מאלצייט. נאר די שטימונג איז געווען א יום־כפור'דיגע. אלע זיינען געזעסען שטיל, מיט ארונטערגעזונקענע קעפ. נאר דער מיזיניק, א אינגעל מיט ברענענדיגע אויגלאך האט ניט געקאנט בעגרייפען פאר וואס זאל די שטימונג זיין א געדריקטע, ווען דער דאזיגער מאלצייט איז פערדעכענט פאר א שווערען תענית און ער האט בשום אופן ניט געקאנט ווערען אומעדיג. ווען ציוויע האט זיך אויפגעהויבען ארונטערצונעהמען דאס געפעס פון טיש האט זיך די טהיר געעפענט און איליאטקע מיט א פערשעהמטען פנים, מיט עטוואס אראפגעלאזטע אויגען, מיט א שולדיגען שמייכעל אויף די ליפען איז אריינגעקומען.

— א גוט יאהר! — האט ער געזאגט מיט א הייזעריגליכען קול און האט זיך א פאר מאל אויסגעהוסט.

— א גוט יאהר, רב אליהו! — האט זלמן אויסגערופען און איז איהם געקומען אנטקעגען מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט. זעצט זיך.

איליאטקע דער אלשאנער האט זיך אנידערגעזעצט און א ווײלע איז געווען שטיל. קיינער האט ניט געוואוסט, ווי אנצוהויבען דעם שמועס.

די בעגעגענים איז א פיינליכע פאר זיי ביידען. עס האט איליאטקען געקאסט א שטיק געזונד צו קומען איצט בעטען מחילה און זלמנ'ען איז שווער אבצוזאגען זיך פון זיינע תביעות. נאר ביידע ווייסען, אז מארגען איז דער יום הדין. מען צעהלט און מען וועגט די מעשים ומי יזכה בדין, ווער קאן ארויסקומען גערעכט אין אזא טאג פון געריכט: אלע וועלען בעטען א מחילה וסליחה און ווי

קאן מען האבען א פתחון פה צו בעטען אזא זאך ווען מען וויל אליין ניט מוחל זיין קיין זאך?

— לאמיר מאכען לחיים! באט אן זלמן ציוויעס און גיסט אן צוויי קעלעשקעלאך בראנפען.

— לחיים! מען זאל לעבען!

— און מען זאל געזונד זיין!

— און מען זאל האבען פרנסה!

דאסווארט פרנסה גיט איליאטקען א שטאך אין הארצען און ער רעדט ארויס מיט א קרעכץ:

— אי, מען איז זינדיג.

— מען איז ניט מעהר ווי מענשען, טרייסט איהם זלמן —

— יא, זינדיגע בשר ודם'ס.

— נאר ער איז מלא רחמים.

— אודאי, אודאי, נאר אויף רחמנות קאן מען האפען. וואס דען, אויף אונזערע מעשים?

זלמן ציוויעס ווערט דורכגעדרונגען מיט א ווארעמען געפיהל. וואס טיעפער זיין מחילה צו איליאטקע'ן איז פון הארצען, אלץ גרעסער ווערט זיין האפנונג אויף א חתימה טובה. ער וואס זיצט אויבען זעהט דאך וואס עס טהוט זיך טיעף אין הארצען, ער ווייסט דאך יעדע מחשבה פון די נירען און ניט נאר ווערט פערשוואונדען זיין שנאה צו איליאטקען, נאר אין הארצען דערוועקט זיך א ליעבע צו דעם מענשען, וואס האט איהם געגעבען די מעגליכקייט אויפצוהויבען זיך אויף א העכערע מדרגה און שטעלען זיך צום יום־הדין מיט א ריינערען הארצען.

ער וויל איצט ניט טראכטען, צו איליאטקע איז געווען שולדיג געגען איהם צו ניט. ער וויל איצט ניט דערלאזען דעם געדאנק פון שולדיגקייט, ווייל דאס קאן נאך דערמאנען דעם קטיגור. און ער איז איהם ניט נאר מוחל פון גאנצען הארצען, נאר ער האט טיעף רחמנות מיט איהם, פאר וואס ער איז ניט געווען דער גערייצטער. און כדי צו מאכען זיין נעכטיגען שונא נאך רוהיגער אויפ'ן הארצען און ווייזען איהם, אז די מחילה איז אזא אמת'ע.

שטרעקט ער איהם אויס די האנד און זאגט:

— טאַמער, ווער ווייסט, מען איז ניט מעהר ווי מענשען. אפשר האב איך אייך אמאל אנגעטראָטען — מאלע וואס עס האט געקאָנט טרעפען — איהר וועט מיר מוחל זיין, און איך פון מיין זייט גיב אייך א מחילה גמורה.

רב זלמן! רופט זיך אן איליאַטקע געריהרט פון אזא גוטס־קייט, — איהר —

נאר ער קען מעהר ניט רעדען. עס פערשטיקט איהם אין הארצען.

— רבי אליהו! העלפט איהם ארויס זיין געוועזענער שותף, נאר ער ווייסט ניט וואס צו זאגען און ער ענדיגט מיט עפעס אנ־דערש: הכלל, רבי אליהו, עס וועט זיין גוט. ער איז א מוחל עוונות.

— א חתימה טובה פאר אונז און כל ישראל! רופט זיך אב אליהו, קומענדיג צו זיך.

— א חתימה טובה פאר אונז און כל ישראל, כאפט איהם אונטער זלמן ציוויעס.

פאר איליאַטקען בלייבט דא מעהר ניט צו טהאן און ער הויבט זיך אויף. מיט דאנקבארע אויגען און מיט א העלער פארב, וואס זעהט זיך קוים ארויס פון דער געדיכטער באָרד, וואס פארדעקט זיין גאנצען ברייטען פנים, דערלאנגט ער די האנד זלמנ׳ען און ווינשט נאך אמאל א חתימה טובה און א גוט יאהר און געהט ארויס מיט א גרינגערען הארצען.

זלמן ציוויעס פיהלט זיך איצט דער גליקליכסטער אין דער וועלט. עפעס א יום כפור׳דיגער ניגון׳דעל הויבט זיך איהם אן צו פלאַנטערען אין מח, און עס זינגט זיך ביי איהם אינעווייניג. ער פיהלט די גאנצע מתיקות פון א ריינער נשמה, וואס ווייסט ניט פון קיין האס, קיין שנאה, קיין קנאה. די גאנצע וועלט בעקומט א פנים ווי זי וואלט רייז אפגעוואשען געווארען און בעסערע מענ־שען האבען בעזעצט די ערד.

דאס איז געוועהנליך געווען ערב יום כפור. נאר באלד ווי דער יום הדין האט זיך געענדיגט, האט זיך ווידער די אלטע שנאה

אויפגעהויבען צווישען זלמן ציוויעס און איליאַטקע דעם אלשאַ־נער, און ווען דער עולם פון קלויז איז שמחת תורה געקומען גוט יום טוב בעטען צום גבאי זלמן ציוויעס, איז איליאַטקע צווישען זיי ניט געווען.

# דער שמש.

מאנציג דער שמש פון דער שוסטערשער קלויז האט געהאט דעם זויערסטען פנים אין גאנצען שטעדטעל. ער איז געווען א קליינגעוויקסיגער מיט א שיטערע פארבלאזע בערדעל און אזוי קורצזיכטיג, אז אפילו מיט זיינע דיקע ברילען האט ער געמוזט אריינרוקען דעם חוטם יענעם אין פנים, ווען עמיצער האט צו איהם גערעדט. די זויערקייט פון פנים האט איהם ניט אוועקגעלאזט אפילו ווען ער איז געזעסען אהן א קאפאטע, מיט א מעסער אין האנט זונטאג בייטאג, איינער אליין פאר'ן אויווען, מיט א גאנצע מחנה פערשמאלצענע לייכטער אויפ'ן גרויסען טיש און האט גע־סקראבעט פון זיי דעם חלב, וואס איהם האט געדארפט איינברייני־גען איבריגע עטליכע גראשען. מען האט איהם קיינמאל ניט געזעהן מיט א פרעהליכער מינע אויף זיין פנים, און חילקע דער שוסטער וועלכער פלעגט זיך פערגעהן פון געלעכטער ווען מען האט א קיצעל געטהאן זיין מאנטעל אונטער'ן ארבעל וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט, איז ארוים אזוי פון זיך אז ער האט איהם געפרעגט:

— מא־אנציג, וואס פאר א פאראלים איז אויף אייך? איהר קענט גאר ניט א לאך טהאן?

און אזוי ווי חילקע איז געווען פון די אויבענאנינגע אין שוסטערשער קלויז, האט מאנציג א שמייכעל געטהאן, צו ווייזען, אז דאס איז געווען א חכמה. נאר דער שמייכעל איז ארויסגעקומען אזוי זויער, אז חילקע האט זיך אנגערופען:

— אויב איהר קענט בעסער ניט לאכען, לאכט שוין גאר ניט.

די בעלי בתים פון שוסטערשער קלויז האבען פאר איהם קיין אנדער נאמען ניט געהאט. ווי די „זויערקייט" און עס איז ניט גע־ווען קיינער וואס זאל פאר איהם האבען א פריינדליכען ווארט, הגם

ער האט זיך פון הויט געריסען צו געווינען חן ביי זיינע שוסטערשע בעלי בתים.

די קינדער, ניט נאר די שוסטערשע, נאר אויך פון די נאהענטע געסלאך ארום דער קלויז, האבען איהם פיינט געהאט און זיי פלעגען אפט שטילערהייט פער׳גנב׳ענען זיך אין קלויז ווען מען האט דארטען ניט געדאווענט און אז זיי האבען דערהיט, ווי ער איז געווען ווייטלאך פון טהיר, האבען זיי זיך אנגעהויבען מיט איהם צו רייצען. עטליכע האבען געשריען: „מיין ציעג!“ און די אנדערע האבען געענטפערט: „מיין באק!“ און אזוי איז דער כאר געגאנגען, ביז ער האט זיך געלאזט לויפען צו זיי מיט טויטע-קללות.

די קינדער האבען זיך פאר די קללות ניט געשראקען און פאר זיין לויפען נאך ווייניגער, ווייל צוליעב זיין קורצזיכטיגקייט, האט ער מורא געהאט צו לויפען גיך, און דער אופן ווי ער איז געלאפען האט ביי זיי ארויסגערופען א חוכא וטלולא.

נאר מעהר פון אלעמען האט ער געהאט אויסצושטעהן פון די גבאים׳שע יונגע בחורים׳לאך, וועלכע האבען איהם אפגעטהאן אלערליי שפיצלאך, מעהרסטענטהיילס זעהר גראבע און אפט פערשאפט איהם פיזישע יסורים. לעגט ארויף אזא בחור׳ל זיין געזונטע האנט צו מאנציג׳ן אויפ׳ן אקסעל מיט א פריינדליכען „וואס מאכט א איד?“, און יענער דרעהט זיך אין דרייען, אדער א בחור׳ל כאפט זיין האנט און וויטעוועט זיך מיט איהם און גיט איהם אפ א שלום עליכם און דערביי קוועטשט ער איהר אזוי שטארק, אז מאנציג׳ן ווייזט אוים אז די פינגער וועלען זיך צוברעכען, אדער איינער מאכט א הארטען קנופ פון א קלייזעלשען האנדטוך און גיט עם א שלייְדער איהם אין קאפ אריין.

און מאנציג האט אלץ ארונטערגעשלונגען און געמוזט מקבל באהבה זיין. ער האט זיך געפיהלט ווי א ווארים, אויף וועלכען יעדער קען טרעטען און דער שטומער פראטעסט איז ארויסגעטראטען אין דער פארם פון דער שארפער זויערקייט אויף זיין פנים.

אזוי איז געווען טאג איין און טאג אוים, וואך איין און וואך אוים און דער געפיהל פון א צוטראטעטענעם ווארים האט איהם דאס

גאנצע יאָהר ניט אָפּגעלאָזט. דער מענשליכער געפיהל איז נאָך גע־
ווען מעהר בעליידיגט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך גערעכענט
חשוב׳ער פון יענע, פאַר וועמען ער איז אויף די לאַפּקעס געקראָכען
און וועלכע זיינען איבער איהם געטראָטען.

נאָר דערפאַר איז געווען איין טאָג אין יאָהר, ווען דער געפיהל
פון צוטראָטענקייט איז אין גאנצען פערשוואונדען פון זיין הארצען.
און זיין פּנים האָט פערלאָרען די אייביגע זויערקייט.

דאָס איז געווען ערב יום כפור צו מלקות. אין דער קורצער
צייט, וואָס ער איז געשטאַנען מיט׳ן קאַנטשיק אין האנט און ביי
זיין זייט האָבען געקניט אלע מיטגליעדער פון קלויז איינער נאָכ׳ן
אנדערען, איז ער אויסגעוואקסען אין זיינע אויגען, און איהם האָט
אויסגעוויזען, אז דער קאַנטשיק איז איהם געגעבען געוואָרען צום
אויסצייכנונג אלס א מין בעלוינונג פאַר די צרות, וואָס ער איז אויס־
געשטאַנען פון די זעלביגע מענשען דעם גאנצען יאָהר. זיינע בעווע־
גונגען זיינען געוואָרען בעפעהלענד, זיינע קורצזיכטיגע אויגען וואָס
האָבען שטענדיג אויסגעדריקט א הילפלאָזיגקייט האָבען איצט אָנגע־
נומען א שטרענגקייט און זיין הכנעה׳דיגער רוקען האָט זיך אויסגע־
גלייכט.

און די קינדער וועלכע ער האָט איצט אין הינטער שטיבעל
פערבאָטען אריינצוקומען האָבען אפילו ניט געוואגט צו־צוקומען צו
דער טהיר. זיי האָבען זיך אלע דורכגעדרונגען מיט א ציטערדי־
גען דרך ארץ פאַר איהם, און אפילו די גבאים׳שע יונגע בחורים׳לאך
האָבען זיך איצט געהאלטען מיט טיעפען רעספּעקט פאַר איהם. און
ווען מאַנציג איז פאַרטיג געוואָרען מיט די מלקות און איז פון
הינטער שטיבעל אריין אין קלויז, איז זיין טראָט געווען א זיכערער
און זעלבסטשטענדיגער.

**און דאָס איז געווען די איינציגע צייט אין יאָהר ווען מאַנציג
איז ניט געווען זויער.**

# יום כפור.

ווער קען איבערצעהלען די ביטערע טרעהרען, וואס חיה־גנעלע האט פערגאסען, אדער אויסרעכענען די ענוים, פלאגען, וואס זי האט איבערגעטראגען פון דער צייט, וואס איהר שמואל יאנקעל איז אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא, ביז ער האט איהר ארויסגעשיקט דעם לאנג ערווארטעטען „טיקעט“. אמת, ער איז ניט אוועקגעפאהרען אהן איהר ידיעה. אדרבה, זי אליין האט נאך איהם צוגערעדט צו דער רייזע; און טאקע פאר וואס ניט? קיין קינדער האבען זיי נאך ניט געהאט, און אויב מען זאל אין די יונגע יאהרען ניט פערזארגען עפעס א שטיקעל תכלית, וואס וועט שוין זיין שפעטער? און זי איז געווען גאנץ רוהיג, ווען זי האט איהם געוויזען מיט אלע ראיות, אז כל זמן דער נדן האט זיך נאך ניט איינגאנצען צושלאגען, האט ער נאך צייט צו מאכען די רייזע, הגם זי האט שטארק קיין חשק ניט געהאט אפצולאזען דעם מאן דאס ערשטע יאהר נאך דער חתונה. נאר זי האט איינגעזעהען, אז אין דער היים וועט קיין תכלית ניט זיין: שניידעריי איז אין דער ערד און אין אמעריקא מאכען די שניידער פארט גליקען.

די ערשטע צייט האט זי מוטהיג איבערגעטראטען די שיידונג מיט'ן מאן. זיינע אפטע בריוולאך האבען איהר געגעבען חיות. און ווען עס האט איהר אנגעכאפט אזוי א שטארקע בענקעניש נאך איהם, ווי עס קען זיך פערבענקען א יונג ווייבעל דאס ערשטע יאהר נאך דער חתונה, האט זי צו איהם אנגעשריבען א לאנגען בריעף, אויסגעגאסען פאר איהם א ביסעל איהר הארץ און האט ווידער געווארט מיט אונגעדולד ביז פון איהם וועט אנקומען פרעהליכע נייעס.

**נאר, אז עס איז אוועקגעגאנגען א היבשע צייט און זיינע**

בריעף צו איהר זיינען געוואָרען זעלטענער און קירצער, איז איהר אַ ביסעל איינגעפאַלען אין האַרצען. אמת, ער האָט זיך פערענט־פערט, אַז ער איז זעהר „ביזי“, נאָר ווער קען דאָס וויסען, וואָס דאָס בעדייט? זי אַליין וואָלט געזאָגט, אַז „ביזי“ מיינט ער איז זעהר פערנומען, אַזוי האָט מען געדאַרפט פערשטעהן פון דעם אינ־האַלט פון דעם בריעף. נאָר צו איהר אומגליק האָט זי געהאַט גוטע שכנות, און די גוטע שכנות האָבען געהאַט נאָך בעסערע צינגער און זיי האָבען דאָס וואָרט „ביזי“ איבערזעצט גאָר אַנדערש. נאָך זייער פּירוש איז אויסגעקומען, אַז שמואל יאַנקעל קען שוין זיין שטערטעל אַליין בעשטעהן און דאַרף זיין ווייב אין גאַנצען אויף כפּרות. און באַלד האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו שושקען, אַז ער האָט שוין אין אַמעריקא געקראָגען אַ „טייטשקע“ און חיה־געלע וועט פערבלייבען אַן אייביגע עגונה.

חיה־געלע וואָלט אַזאַ זאַך קיינמאָל אויף „איהרען“ ניט גע־גלויבט, כאָטש זי האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז אַ מאַן טאָר מען ניט טרויען. נאָר ווער קען וויסען, וואָס אַמעריקאַ האָט פון איהם גע־מאַכט? אַז ער איז שוין ניט דער זעלביגער, וואָס געווען, קען מען זעהן פון זיין „פּיקטשע“, וואָס ער האָט איהר געשיקט: דעם גאַנצען צלם אלקים האָט ער פערלאָרען, זיין באָרד איז אָפּגעגאָלט, און אָנגעטהאָן איז ער ווי אַ פּריץ. און צו וואָס טויג איהם אַזאַ ווייב ווי זי? אמת, איהר טאַטע איז געווען ראובן דער מלמד, ער האָט געלערנט מיט די גרעסטע בעל־הבתישע קינדער און דער רב האָט פון איהם געהאַלטען אַז עולם ומלואה און עס איז געווען אַז־אַך־און־וועה צו איהר, אַז זי האָט געדאַרפט חתונה האָבען מיט אַ פּראָסטען שניידער — נאָר דאָס איז אַלץ געוועזט דאָ, וואו אַלע קענען איהר און קענען איהם, אבער דאָרטען, אין אַ פרעמדען לאַנד, ווער ווייסט, אפשר איז אַ טייטשקע טייערער אפילו פאַר דעם רב'ס טאָכטער אַליין! און ווען די דאָזיגע געדאַנקען זיינען איהר אַריין אין קאָפּ, האָט איהר דאָס האַרץ גענומען רייסען, פאַר וואָס זי האָט איהם אָפּגעלאָזט פון זיך. זי האָט אָנגעהויבען גוט זיך צו־צוהערען, וואָס די שכנות רעדען, און נאָר די קישען אַליין קענען דערצעהלען, וויפיעל ביטערע טרעהרען זי האָט פערגאָסען

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט אָדער אין די קורצע זומערדיגע.

פּערשיעדענע, ביטערע געדאַנקען האָבען געפּרעסט איהר האַרץ און דער ביטערסטער פון אַלעמען איז געווען, וואָס זי וועט בלייבען אַן אייביגע עגונה. און וואָס מעהר זי האָט וועגען דעם געטראַכט, אַלץ מעהר האָט זי זיך צוגעבונדען צום מאַן און אַלץ שווערער איז געוואָרען איבערצוטראָגען די שיידונג.

אַמאָל האָט זיך פערצויגען אַ לאַנגע צייט, איידער עס איז פון שמואל יאַנקלען אָנגעקומען אַ בריעף. חיה־גיטע איז געוואָרען דאַר און בלייך פון וואַרטען און בענקען. זי האָט אָנגעהויבען צו פיה־לען עפּעס אַ וועהטאָג אין האַרצען. יעדעס מאָל, ווען דער בריעף־טרעגער איז פערבייגעגאַנגען איהר הויז, האָט דאָס האַרץ ביי איהר אָנגעהויבען צו שפּרינגען און צאַפּלען זיך אַזוי שטאַרק, אַז איהר האָט געדוכט, אַז עס וועט איהר אַרויסשפּרינגען פון ברוסט, און ווען דער בריעף־טרעגער איז פערבייגעגאַנגען, ניט אָפּשטעלענדיג זיך נעבען איהר שוועל, האָט איהר האַרץ אַלץ שוואַכער און שוואַ־כער געקלאַפּט און איז כמעט אין גאַנצען שטיל געוואָרען.

דאָס איז געווען אַ שווערע און ביטערע צייט פאַר חיה גיטען.

נאָר ענדליך איז דער לאַנג ערוואַרטעטער בריעף אָנגעקומען און שמואל יאַנקעל האָט געלאָזט וויסען, אַז ער האָט אָפּגעמאַכט זיין „מיינד“ צו שיקען איהר אַ טיקעט.

צי זי האָט געלייענט צו האַסטיג און האָט ניט געקענט ריכ־טיג אַזוי כאַפּען די ווערטער, אָדער די ווייבער, וואָס זיינען זיך גלייך אָנגעלאָפען, האָבען איהר אַביסעל געשטערט אין לייענען און געמאַכט איהר נערוועז, צי די גאַנצע עברי איז געווען אַזוי האַרט, אַז מען האָט איהר ניט געקענט צובייסען, ווייל שמואל יאַנקעל איז געווען אַ גרעסערער בריה מיט דער נאָדעל ווי מיט דער פען, — ווי די מעשה איז, ווען זי איז געקומען צום וואָרט „טיקעט“ און די שכנות האָבען איבערגעפּרעגט מיט אַ ביטערען שאָקלען פון קאָפּ: אַ „גט“? האָבען די הענט איהר אָנגעהויבען צו ציטערן, אין קאָפּ איז איהר געוואָרען צו וואַרם, די פיס האָבען זיך איהר אונטער־געבויגען און זי האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד אַ גע'חלש'טע.

צווישען די ווייבער האָט זיך אָנגעהויבען אַ געוואַלד, אַ גע־

שריי, אַ טומל : איינינע האָבן געשריען, אַז מען זאָל איהר קוועטשען די נאָז ; אַנדערע — צודריקען די שלייפֿען ; און ווידער אַנדערע האָבן געשריען — וואַסער. מען האָט איהר געקוועטשט די נאָז, געדריקט די שלייפֿען און בעגאָסען מיט וואַסער, ביז זי האָט געעפֿענט די אויגען :

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז געווען אין גאַנצען אַ טעות. אין בריעף איז ניט נאָר ניט געווען דערמאָנט וועגען אַ גט, נאָר פֿערקעהרט, ער איז געווען זעהר פֿריינדליך געשריבען. שמואל יאנקעל האָט אַפֿילו געשריבען, אַז ער בענקט נאָך זיין ווייב און בעט איהר, אַז זי זאָל קיין גרויסע הכנות ניט מאַכען און זי זאָל זעהן קומען צו איהם וואָס גיכער. צוזאַמען מיט'ן טיקעט האָט ער איהר אויך אַרויסגעשיקט אַן אַנווייזונג אויף געלט.

* * *

אַזוי גיך ווי דער טיקעט און דאָס געלט איז איהר אָנגעקומען, האָט זיך חיה־געלע גענומען צוגרייטען צו דער רייזע.

דאָס געזעגענען זיך מיט איהר טייערע, ליעבע ראַפּשאַנסק, וואו זי לאָזט איבער די קברים פֿון איהרע עלטערן און וואו זי האָט פֿערבראַכט אַ סך גליקליכע און אומגליקליכע טעג, האָט אַרויסגערופֿען טרעהרען פֿון איהרע אויגען. נאָר באַלד האָט דאָס טרויעריג געפֿיהל פֿון שיידען אָפּגעטראָטען דעם וועג פֿאַר'ן שטאַרקען געפֿיהל פֿון מורא. די לאַנגע נסיעה איבער אונבעקאַנטע מדינות און איבער אַ ים, וועגען וועלכען מען דערצעהלט זיך אַן אַזוי פֿיעל שרעקען, האָט אויף איהר אָנגעוואָרפֿען אַ פּחד.

און גראָד עפּעס ווי אויף צו להכעיס האָט זיך איהר נסיעה אָנגעהויבען ניט אין קיין גוטער שעה. פֿריהער האָט זי געהאַט אַ סך האַרצוועהטאָג מיט אַ פּאַספּאָרט, דערנאָך האָט זי געהאַט קלעמעניש פֿון דעם טיקעט : אין דעם הור־האַ, וואָס בעגלייט שטענדיג אַזעלכע נסיעות, האָט זי דעם טיקעט ערגעץ אַזוי פֿערלעגט, אַז זי האָט איהם עטליכע טעג בשום אופֿן ניט געקאָנט געפֿינען. מען האָט אויסגעזוכט יעדעס ווינקעלע, דורכגעטרייסעלט יעדע שמאַטע, ביז מען האָט איהם ענדליך געפֿונען — אונטער'ן בעט. דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען צרות גלייך ווי מען איז אַריבערגעגאַנגען

די גרעניץ. אין איידקונען האט איהר א זשאנדארם אפגעהאלטען אין וואקזאל און האט צו איהר עפעס גערעדט מיט א בייזען קול. זי האט זיין פייפיגען לשון ניט פערשטאנען, אבער איין זאך איז איהר געווען קלאר, אז מען סטראשעט איהר צוריקשיקען זי אהיים. ענדליך האט זיך געפונען א בעל רחמים, וועלכער האט מיט איהר גערעדט אין איהר אייגען לשון און ער האט איהר ערקלערט, אז זי דארף ניט דערצעהלען, אז זי פאהרט נאך אמעריקא. דער זשאנדארם האט נאך גערעדט און גערעדט, דער בעל רחמים האט עפעס אליץ געמאכט מיט די הענט — ביז מען האט איהר דאך געלאזט פאה־רען ווייטער.

נאר מיט איידקונען האבען זיך די צרות ניט געענדיגט. אין בערלין איז ווידער געווען די זעלבע מעשה: ווידער מעשענע קנעפ, בייזע פנימ׳ער, א פייפיגער לשון, א פלוצליכער אפהאלט אויפ׳ן וואקזאל אהן א פאר וואס און אהן א פאר ווען, און ווידער האט מען איהר סוף כל סוף געלאזט פאהרען ווייטער, כדי אין האמבורג זאל זיך איבער׳חזר׳ען די זעלבע געשיכטע, נאר מיט דעם אונטער־שיעד, אז דא האט מען איהר און די גאנצע פארטיע איינגעשפארט עפעס אין א שטוב און כמעט א וואך צייט געמארעט זיי מיט הונגער.

פאר וואס איז מען אזוי שלעכט צו איהר, האט זי ניט גע־קענט פערשטעהן, כאטש זי האט עפעס יא געהערט, אז דאס איז צוליעב א קראנקהייט, וואס הערשט איצט אין רוסלאנד. זי האט עס אבער אנדערש אויסגעטייטשט. אין דער פרעמד — האט זי ביי זיך געקלערט — קען מען מיט א מענשען טהאן וואס מען וויל, לית דין, ולית דיין. פערשטעהט זיך, אז א סך שולדיג אין דעם איז דער אידישער גלות.

נאר די גרעסטע פוקעניש פון הארצען איז געווען, ווען זי איז שוין אנגעקומען אין דער גאלדענער מדינה. זי האט ארויסגעשיקט א טעלעגראמע, ווי שמואל האט איהר אין א בריעף געהייסען טהאן, און אז ער איז צו איהר געקומען האט זי איהם נאר געקענט זעהן דורך א גראטע, אזוי ווי זי זאל זיין עפעס אן ארעסטאנטקע, רחמנא לצלן. מען האט איהר אפגעהאלטען הינטער די גראטעס א גאנצען

מעת לעת, געטריבען מיט א קאנוואי שלאפען און מען האט אפילו גערעדט, אז מען קען איהר נאך שיקען צוריק, כאטש שמואל יאנקעל האט איהר אין די פאר מינוט, וואס זי האט איהם געקענט זעהן, געטרייסט, אז קיין בייז וועט איהר ניט געשעהן, און מען וועט איהר מארגען ארויסלאזען.

ענדליך איז זי גאט צו דאנקען פטור געווארען פון די פריי־סישע זשאנדארמען, פון דעם קאראנטין, פון דעם ים, פון עליס־איילענד און איז שוין אין ניו־יארק.

דא ערשט האבען זיך פאר איהר אנגעהויבען נייע פלאגען און נייע וועהטאגען. שוין ביי דער ערשטער בעגעגעניש מיט'ן מאן האט זי דעם ערשטען ברוך הבא געהאט, אז זי וועט זיך מוזען שיי־דען מיט'ן שייטעל, ווייל, ווי ער האט איהר ערקלערט, איז זי אין א פארוק ניט זיכער ארויסצוגעהן אין גאס. א לויפער (ווייסער חברה'ניק) וועט איהר גלייך מכבד זיין מיט א שטיין אין קאפ. פאר וואס? פאר ווען? איז גאר קיין תירוץ ניט. זי האט נאר געוואוסט, אז זי דארף פאלגען, וואס מען הייסט איהר. איהר איי־גענע דעה איז שוין אין גאנצען אפגעטראטען אן א זייט און איהר אייגענער ווילען איז געבראכען געווארען. איצט האט זיך יעדער איינער געקענט מיט איהר שאפען און בעפעהלען איהר, זי האט געפאלגט ווי א קאטינקע.

נאר טיעף אין הארצען איז ביי איהר ווייט ניט געווען רוהיג. דארטען האט זיך אויפגעהויבען א שטומער פראטעסט געגען אלע אונרעכטען, וואס זיינען בעגאנגען געווארען געגען איהר: געגען די פריסישע זשאנדארמען, געגען אמעריקאנער לויפערס, געגען דער מאוס'ער אויפפיהרונג פון איהר מאן, און אט דער שטומער פרא־טעסט האט זיך אינוועניג ביי איהר געהויבען אלץ שטארקער און שטארקער. זי האט געזעהן, אז שמואל יאנקעל שטעהט אויף יעדען פריהמארגען און לויפט, ניט געוואשען, ניט גדאווענט, אין שאפ (פאבריק), זי האט געזעהן, ווי ער געהט שבת צו דער ארבייט און רויכערט אין דעם טאג גראד ווי אום דער וואכען, זי האט געזעהן און בעמערקט יעדע זאך, ניט קענענדיג זיך אליין אפגעבען א רעכ־נונג, וואס עס קומט פאר פאר איהרע אויגען. און זי האט ניט

נאר געזעהן ווי איהר מאן און זיינע בעקאנטע פיהרען זיך אויף, נאר זי אליין האט אנגעהויבען צו טהאן אזעלכע זאכען, וועלכע זי וואלט קיינמאל ניט געטהאן, ווען זי זאל זיין ביי איהר פולען פערשטאנד. דעם „סטייק" (ביפשטעק) האט זי ניט גע'כשר'ט, און שבת איז זי אליין געגאנגען איינקויפען אין גראסערי (קראם). און ווען איז דאס געווען? אין סאמע חודש אלול, ווען אפילו א פיש ציטערט אין וואסער.

ראש השנה איז געקומען, און אין שטוב איז קיין ענדערונג ניט געווען. ניט שמואל יאנקעל און ניט חיה געלע זיינען ניט געגאנגען אין שול. זי האט עפעס יא דערמאנט, אז זי וועט אויך קיין זאך ניט קוקען און זי וועט גהען, נאר ער האט איהר ערקלערט, אז סיידען זי זאל נעהמען מיט זיך געלט און צאהלען ווי אין א טהעאטער פאר'ן אריינגאנג, אז ניט וועט מען איהר ניט אריינלאזען. דאס האט שוין ביי איהר אפגעשלאגען דעם גאנצען אפעטיט. דערביי האט ער חוזק געמאכט פון די גנבים, וואס מאכען א געשעפט מיט אמונה און מעלקען די נארישע בהמות. וואס וואלט זי ניט געטהאן, אבי ער זאל נאר אזוי ניט רעדען?

ענדליך איז געקומען יום כפור.

דער טאג איז געווען א כמארנער און א טרויעריגער. אין דער פריה האבען זיך ביי שמואל יאנקלען אין שטוב פערזאמעלט געסט און זיי האבען געשפאסט, געזונגען און לוסטיג געמאכט זיך. דאן האבען זיי אונטערגעלעהנט זייערע הערצער און זיי זיינען צוגעשטאנען צו דער בעל הבית'טע, אז זי זאל אויך עפעס נעהמען אין מויל. זי האט גוט געוואוסט, אז היינט איז יום כפור און אז אלע שטראפען פון גיהנם זיינען קארג פאר אזא עברה, דאך האט זי עפעס ניט געקענט מעיז זיין דעם עולם. זי האט אויסגעשטרעקט א ציטערדיגע האנט, גענומען א וויינטרויב פון דעם טעלער און אריינגעלעגט צו זיך אין מויל.

— בראווא! בראווא! — האבען אויסגעשריען אלע געסט און שמואל יאנקעל איז געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל פאר שמחה.

* * *

די געסט זיינען זיך באלד צוגאנגען, און חיה-געלע איז גע־

בליבען אליין מיט די פיער ווענט. דער גאנצער טשאד, וואס האט זיך אנגעקליבען ביי איהר אין קאפ אין דעם פערלויף פון איהר נסיעה און איהר זיין אין אמעריקא, איז פלוצלים פערשוואונדען גע־ווארען. דער קאפ איז איהר געווארען קלאר, אויסגעלייטערט, דער גאנצער טומאן איז פון איהרע אויגען אראפ: זי האט ערוואכט פון איהר חלום און דערזעהן, וואס עס טהוט זיך מיט איהר...

היינט איז יום כפור!

מיט א ווײלע צוריק האט זי אויך גוט געוואוסט, וואס פאר א טאג היינט איז; זי האט גוט געפיהלט און געוואוסט, וואס פאר אן עברה זי איז בעגאנגען; זי האט זיך אבער ניט געקענט אפגע־בען א ריכטיגע רעכענונג אין איהרע מעשים; איצט מיט אמאל האבען זיך איהרע אויגען געעפענט און זי האט פלוצים דערזעהן, וואו זי האלט אין דער וועלט.

היינט איז יום כפור!!

יום כפור!... עס ליגט אפען פאר'ן רבונו של עולם דער ספר הזכרונות. די גאנצע פמליא של מעלה שטעהט ארום דעם כסא הכבוד און ציטערט און פלאטערט. די שרפים און אופנים מיט זעקס פייעריגע פליגלען געהען אוים פאר אימה און פחד... מי לחיים ומי למות... איצט, איצט איז דער גזר דין, איצט שרייבט מען איהר צעטעל... ווייס אדער שווארץ... לעבען אדער טויט...

היינט איז יום כפור!... עס שטעהען אלע אידען אין די קלויזען, בתי מדרשים, שולען, מיט געשוואלענע אויגען פון טרעהרען, מיט הייזעריגע קולות פון שרייען, בעטען, מיט צובראכענע הער־צער פון תשובה, עס שטעהען אלע אין ווייסע קיטלען ווי מחנות מתים, אין איינע זאקען ווי אבלים... זי האט זיך דערמאנט, ווי איהר טאטע, עליו השלום, פלעגט טראגען לכבוד דעם הייליגען און שרעק־ליכען טאג א ווייסליכע, מיט זילבערנע פעדים בעפוצטע יארמולקע — און עפעס א וועלט פון שדים, רוחות, מתים האט געגומען שווע־בען פאר איהרע אויגען. מיט שרעק האט זי א קוק געטהאן אויף דרויסען: דער הימעל איז געווען פערכמארעט און גרויסע שטי־קער וואלקען, ווי ווילדע חיות, האבען זיך געטראגען אין דער לופטען... איהר פחד איז געווארען וואס פון מינוט גרעסער און דער

אַטהעם איז איהר געוואָרען ענגער... וועֿר שטעהט דאָרטען אין ווינ־קעל אין ווייסען און מאַכט צו איהר מיט דער האַנט?

זי האָט מורא אָפּצוקעהרען דעם קאָפּ אין יענער זייט... מיט אַן אָפּגעשטאָרבענעם האַרצען וואַרט זי, ער זאָל שוין צו איהר צוגעהן און מאַכען מיט איהר אַ סוף... ווער נאָך קוקט אַרויס פון סטעליע און פערמעסט זיך אויף איהר מיט'ן קולאַק?... זי זיצט ווי אַ פערשטיינערטע. זי האָט מורא אַ קעהר צו טהאָן מיט אַ גליעד... זי וואָלט גענומען שרייען — אָבער זי קען ניט, פונקט ווי עמיצער זאָל איהר האַלטען פערמאַכט דאָס מויל... זי זיצט און סאָפּעט, קוים, קוים וואָס זי דערכאַפּט דעם אָטהעם... אַט קלאַפּט עמיצער אין טהיר... אַט גיט די טהיר אַ סקריפּ... אַט געהט עמי־צער גלייך צו איהר...

— וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי? — הערט זי קלאָרע דיבורים. אָבער דער קול איז איהר פרעמד און איהר דוכט, אַז אַ גרויסער ריעז, איינגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אין סטעליע, שטעהט איבער איהר. זי קעהרט ניט אָפּ דעם קאָפּ, זי זיצט אונבעוועגט און פיהלט, ווי דאָס בלוט אַנטלויפט פון אַלע איהרע אָדערן גלייך צום האַרצען און זי פאַלט אַרונטער מיט'ן פּנים צו דער ערד...

שמואל יאַנקעל האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך. אַ ווײַלע איז ער געבליבען שטעהן צוטומעלט. נאָר באַלד האָט ער געמאַכט אַ ליאַרם, אַ געשריי, עטליכע שכנות זיינען אַנגעלאָפען. עס איז געוואָרען אַ שטיקעל גערודער.

— די גרינע האָט גע'חלש'ט.

— רעכט, אַ שעהנע, ריינע כפּרה.

— וואָס איז זי נעבעך שולדיג?

— אַ ביטערער רחמנות אויף איהר.

די קולות האָבען זיך געהערט איבער אַלע טרעפּ פון דעם גרויסען זעקס־שטאָקיגען הויז און סיי די, וואָס האָבען אויף איהר מיטלייד געהאַט, און סיי די, וואָס האָבען אויף איהר מצדיק געווען דעם דין, מחמת דער פרעהליכער הוליאַנקע, וואָס איז ניט לאַנג געווען ביי איהר אין דירה, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און מען

האט איהר געבראכט צו זיך. ווי זי האט געעפענט די אויגען און דערזעהן א סך מענשען ארום זיך, האט זי ווידער גע׳חלש׳ט...

*   *   *

ווי נאר חיה־געלע איז אין אנהויב אבענד אריין אין בעט, איז זי גלייך איינגעשלאפען, און געשלאפען איז זי זעהר אונרוהיג. פלוצים הערט זי, ווי עמיצער קראצבסקעט זיך ביי דער טהיר. זי קעהרט אפ דעם קאפ און דאס בלוט איז איהר פערגליווערט גע־ווארען אין די אדערען: דורכ׳ן לעכעל פון דער טהיר, זעהט זי, שפארט זיך פריהער דורך א קאפ, א האנט, א צווייטע, א קערפער און פאר איהר שטעהט איהר געשטארבענער טאטע אין ווייסע תכריכים, נאר אין א פאר ערטער זיינען די תכריכים בעפלעקט. אויפ׳ן קאפ ביי איהם איז א הויפעלע ערד, די האר ווי טשוועקעס, אין די הענט גאפעלעך און די אויגען זיינען אויסגעגלאצט אויף איהר. א ווייל שטעהט ער אונבעוועגט, האלט נאר אויסגע־גלאצט די אויגען, באלד אבער הויבט ער אן לאנגזאם צו בעוועגען מיט דער רעכטער האנט, ווייזט מיט איהר אויף איין פלעק, אויף א צווייטען, אויף א דריטען אין די תכריכים, גיט ווידער א גלאץ מיט די אויגען אויף איהר, און זי זעהט אין זיינע אויגען אי כעס אי פערצווייפלונג, נאר זי הערט פון איהם קיין ווארט ניט.

דאס הארץ האט איהר שוין לאנג אויפגעהערט צו קלאפען. זי איז געלעגען פערשטיינערט און ניט געקענט אפרייסען די אויגען פון דעם פאטער. זי וואלט זיי גערן אפגעקעהרט אן א זייט, נאר ער ציהט זיי צו זיך ווי מיט א מאגנעט.

פלוצים ווערט דאס פנים ביים טאטען געענדערט. אט איז עס ווי דעמאלט אין חדר, ווען א שטייגער דאנערשטאג צו די וואך־שעורים פלעגט ער שמייסען די קינדער. ער שרייט צו איהר מיט זיין הייזעריג קול:

— זעה, קוק אויף דיין ארבייט, קוק, קוק אויף דעם דאזיגען פלעק (דא האט ער איהר אנגעוויזען אויף א גרויסען פלעק, כמעט א לאך אין די תכריכים) — דאס האסטו מיר היינט געמאכט... וואס האסטו, גזלנ׳טע, געהאט צו מיר? פאר וואס האסטו אויפגעריהרט מיינע אלטע ביינער פון קבר? פאר וואס האסטו געשטערט מיין

מנוחה? פאר וואס האסטו מיר אנגעמאכט אזא בזיון, אז איך וועל איצט ערגעץ ניט קענען ווייזען די אויגען? אומעטום וועט מען דאך מיר שטעכען די אויגען, טייטענדיג אויף מיינע פערפלעקטע תכריכים: „א פיינעם תכשיט האסטו איבערגעלאזט אויף יענער וועלט!“ גוט אזוי, מיין ט י י ע ר ע טאכטער?...

דעם טאטענס רייד האבען חיה־גנעלען ארויסגעפיהרט פון איהר פערשטיינערטען צושטאנד. זי האט אנגעהויבען צו פיהלען, וואס עס טהוט זיך ארום איהר. זי האט געוואלט אנהויבען צו וויינען, פאלען איהם צו די פיס און בעטען ביי איהם מחילה. צו איהר גרויס אומגליק אבער האט זי ניט געקענט מאכען די מינדסטע בעוועגונג, ניט עפענען דאס מויל און ניט ארויסלאזען א טרעהר. אבער ווען זי האט דערהערט זיינע לעצטע ווערטער, וועלכע ער האט ארויסגערעדט מיט א שפעטישען טאן, איז איהר וויהער דאס הארץ אפגעשטארבען. זי האט שוין גוט געקענט איהר טאטען און האט געוואוסט, וואס דער טאן בעדייט; מיט די קינדער אין חדר פלעגט אויך אזוי זיין. כל זמן ער האט געשריען אויף זיי, האט זיך געבייזערט, גע'מוסר'ט איז געווען נישקשה; ווי אבער ער פלעגט אנהויבען מיט זיינע שטעכווערטלאך — האבען אלע שוין גע־וואוסט, אז דאס שמעקט מיט א באד...

— אזוי, מיין טייערע טאכטער, אזוי טאקע האב איך דיך געלערנט, אויף דערויף טאקע האב איך דיך געהאדעוועט, מיין שיטערער נחת, אז נאכ'ן טויט זאלסטו מיר פערשווארצען די אוי־גען... אין איינע פאר וואכען האסטו אזוי פיעל אוספייעט, א פשיטא שוין וואס וועסטו אויפטהאן, אז דו וועסט בלייבען לעבען יאהרען־לאנג!...

מיט די ווערטער איז ער צוגעגאנגען נאהענט צום בעט, האט אויסגעשטרעקט זיינע דארע מיט גרויסע אדערען הענט, ארומ־גענומען איהר ביים האלז און גענומען שטיקען. חיה־גנעלע האט געוואלט אנהויבען צו שרייען, נאר דער קול האט איהר ניט גע־דיענט, און, ווי זי האט זיך ניט געמאטערט, האט זי קוים ענדליך ארויסגעבראכט א פערשטיקטען הייזעריגען קול און האט ערייאכט....

זי האָט בעפרייט איהר פינגער פון פוס, מיט וועלכען זי האָט זיך געהאַט אריינגעשפּאַרט אין אַן אייזערנעם פלעקעל פון בעט און האָט גענומען קוקען ארום זיך עפּעס צוטומעלט, צור־מישט... זי האָט קיין זאַך ניט געזעהן, ווייל אין בעד־רום (שלאָפ־צימער) איז געווען זעהר פינסטער און די פינסטערניש האָט איהר נאָך געהאַלטען אין דער פריהערדיגער שרעקעניש. זי האָט זיך נאָך עטליכע סעקונדען געפונען אונטער דעם איינדרוק פון דעם חלום. ענדליך האָט זי ערוואַכט, אויסגעשפּייט דריי מאָל און גענומען רופען:

— שמואל יאנקעל!

שטיל.

— שמואל יאנקעל! שמואל יאנקעל!

— האַ־אַ־אַ?

— שמואל יאנקעל!

— וואָס?

— שמואל יאנקעל, דו שלאָפסט?

— וואָס ווילסטו? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פערשלאָ־פענעם קול.

— שמואל יאנקעל, שטעה אויף!

— וואָס איז? — האָט ער געפרעגט, שוין ערוואַכענדיג.

— איך האָב מורא.

— פאַר וואָס?

זי האָט איהם דערצעהלט איהר חלום. שמואל יאנקעל האָט זיך אויך אביסעל דערשראָקען: פּאַרט ביינאַכט, פינסטער, שטיל ווי אויף אַ בית־הקברות... נאָר אַזוי ווי געשטיקט האָט מען ניט איהם, האָט ער זיך גיכער בערוהיגט. ער האָט איהר געזאָגט עטליכע ווערטער, האָט זיך איבערגעקעהרט אויף דער צווייטער זייט און איז באַלד איינגעשלאָפען: חיה־גנעלע איז געבליבען ווידער אליין אין דער פינסטער. פון דעם מינדסטען גערויש, פון דעם קלענסטען קלאַנג איז איהר אריבערגעגאַנגען אַ ציטער איבער'ן לייב און איהר

האט זיך אלץ געדוכט, אז עמיצער שטעהט איהר איבער׳ן קאפ... ענדליך איז זי ווידער איינגעשלאפען.

* * *

עפעס א גאנצע סווארע הינט, וועלף, לייבען, בערען מיט א ווילדען בילען, וואיען און ברומען האבען זיך געגומען נאך איהר יאגען. חיה־געלע לויפט מיט כל הכחות, זי לויפט — אבער די פיס טראגען איהר קוים. זי זעהט פון דערווייטענס א שטיבעל, דער טאטע לערנט דארטען מיט די קינדער, זי וויל נאר דערלויפען ביז׳ן שטיבעל, דארטען איז זי א געראטעוועטע. זי סאפעט שטארק, דאס הארץ קלאפט, די שלייפען האקען, נאך אט־אט דעריאגען איהר די חיות, אט־אט — און זיי צורייסען איהר אויף פיצלעך, אט האט איהר עמיצער שוין אנגעכאפט פאר׳ן פוס... זיי שפרינגען אלע אויף איהר... אן עק, א סוף !... עמיצער הויבט איהר אויף. זי זעהט: נעבען איהר שטעהען טאטע־מאמע.

— אט דאס איז דיין גדולה, — זאגט דער טאטע צו דער מאמען, און די מאמע פערברעכט די הענט, קוקט אויף איהר מיט פערצווייפעלטע אויגען און וויינט ביטער. די מאמעס טרעהרען זיינען נאך ערגער פון דעם טאטענס בייזקייט, די טרעהרען פאלען אויף איהר און ברענען איהר ווי קאכעדיג שוועבעל. זי וויל אויך וויינען — נאר זי געפינט ניט א היבשע צייט איהר קול. אין האלז שטיקט איהר; ענדליך רייסט זיך ביי איהר ארויס א זויער קול און זי ערוואכט.

א קאלטער שווייס בעדעקט איהר פנים. זי ליגט ווי א גע־חלש׳טע און האלט פערמאכט די אויגען. זי הערט, ווי עמיצער מיאטשעט און דראפעט די טהיר. דאס מיאטשען, דאס דראפען ווארפט אויף איהר ארויף נאך א גרעסערע שרעק. זי ליגט א ווײלע אונבעוועגט, גיט זיך פלוצים א הויב פון בעט און א ווארף צו שמואל יאנקלען...

— ראטעווע !...

* * *

א גאנצע וואך האבען איהר געמאטערט אזעלכע חלומות און איין מאל, ווען שמואל יאנקעל איז אויפגעשטאנען אין דער פריה

און האט א קוק געטהאן צו איהר, האט ער איהר געטראפען ליגען אהן אטהעם, מיט דער רעכטער האנט אויפ'ן הארצען... ער האט איהר גענומען וועקען, מינטערן, נאר זי איז שוין געווען קאלט...

# מיין ערשטער תענית.

שוין גלייך נאך ראש השנה האב איך ערקלערט, אז איך וועל פאסטען יום כפור.

— זאג ניט אזוי, מיין קינד, — האט דער טאטע תיכף זיך אנגערופען, ניט אזוי אונצופריעדען ווי דערשראקען. — דו טארסט ניט זאגען: דו וועסט, — דאס איז אזוי גוט, ווי א נדר. זאג: דו וועסט זיך סטארען.

— דו וועסט זעהן! — האב איך שוין געזאגט איינגע־עקשנ'ט.

— נאך צו פריה פאר דיר, קינדעלע, — האט די מאמע זיך אריינגעמישט, מיט א טיעפען רחמנות און אין דער זעלביגער צייט מיט אן אמת'ן נחת רוח, וואס אזוי יונג, ווי איך בין, אייל איך זיך שוין אונטערצושטעלען מיינע קליינע פלייטשקעס אונטער דעם שווערען יאך פון אידישקייט. — ווארט נאך א יאהר, נאך א יאהר.

— איהר'ט זעהן, איהר'ט זעהן! — האב איך געענטפערט מיט פערדראס, וואס מען וויל מיך ניט נעהמען ערנסט.

נאר פון דער רגע אן בין איך אין שטוב אויסגעוואקסען מיט א גאנצען קאפ. די מאמע האט אלעמען געלאזט פיהלען די גבורה ,וואס איך קלייב זיך ווייזען און הגם זי האט שטענדיג צו־געזעהען מיין טעלער ביים עסען, און פיעל איך האב ניט געגעסען איז פאר מיר געווען ניט גענוג, נאר איצט, דאכט זיך, אויב דאס איז נאר מעגליך געווען, האט זי מיר נאך מעהר אריינגעקוקט אין מויל.

— עס, מיין קינד, דו דארפסט אנקלייבען כחות צו אזא תענית, ווען דו ווילסט מיט אן אמת פאסטען.

ביז יענעם יאָהר האָב איך כפּרות געשלאָגען מיט געלט, און צו זאָגען דעם אמת איז מיר די דאָזיגע כפּרה געווען זעהר געפעלען, ווייל אויב א טהייל האָב איך אליין צוטהיילט אויף צדקה האָב איך אויך א טהייל געקענט אויסגעבען אויף נאַשעריי. נאָר איצט האָט די מאַמען בעשלאָסען, אַז איך דאַרף האָבען א העהנדעל אויף כפּרות, ווי עס פּאַסט פאַר א אינגעל, וואָס קלייבט זיך צו פאַסטען.

נאָר טאַקע ערב יום כפּור איז די מאַמע פלוצים שוואַך געוואָרען מיט דער דעה וועגען מיין תענית. זי האָט מיך אָפּגעמאַסטען מיט איהרע פּערווויינטע אויגען און געוויזען אויף א פאַלקע עוף און געזאָגט, אַז פאַר׳ן ערשטען מאָל וועט זיין גענוג צו פאַסטען ביז נאָך מוסף און איך זאָל קומען אהיים און אונטערשפּאַרען דערמיט דאָס האַרץ.

איך האָב דערויף גאָר ניט געענטפערט, נאָר מיין בעשלוס איז איצט געווען שטאַרקער ווי פריהער, אַז אפילו איך זאָל ממש אויסגעהן פון הונגער, וועל איך זיך צו קיין שפּייז ניט צוריהרען.

אַלע מיינע געדאַנקען זיינען פון כל נדרי אָן געווען פערנומען מיט׳ן תענית און אַלע מיינע גליעדער האָבען דאַכט זיך געשריען צו אַלעמען: „איך פאַסט!" און עס קען זיין, אַז טאַקע צוליעב דעם האָב איך שוין אין אָבענד אָנגעהויבען צו פיהלען א הונגער, הגם ביי דער פאַרנאַכטיגער סעודה האָב איך זיך אַזוי אָנגעגעסען, אַז איך האָב זיכער געדאַרפט זיין זאַט א גאַנצען מעת לעת.

אַזוי גיך ווי איך האָב אויפגעעפענט די אויגען אין דער פריה, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען: „איך פאַסט!" און דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיך פערהעליכער געמאַכט, ניט קוקענדיג אויף דער אימה און דעם פחד, וואָס זיינען געהאַנגען שוועער איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל. „איך פאַסט", האָב איך צו זיך געזאָגט און האָב אַרונטערגעקוקט מיט אמת׳ער גאוה אויף אַלע מיינע חברים, וואָס האָבען אַזאַ גבורה ניט געקענט דערווייזען.

אין א געהויבענער שטימונג האָב איך זיך געפיהלט דעם גאַנצען שחרית. און די שטימונג איז געווען אַזוי געהויבען אַז איך האָב גאָר ניט געטראַכטערהייד אויפ׳ן אָרט בעשלאָסען ניט נאָר צו

פאסטען. נאר אויך אפצושטעהן דעם גאנצען טאג אויף די פיס, ווי מיין פעטער האט זיך נוהג געוועזן יום כפור. נאר וועגען דעם דאזיגען בעשלום האב איך קיינעם ניט דערצעהלט, ווייל איך בין ניט געוועזן אין גאנצען זיכער, צי איך וועל עס קענען דערוויזען.

דער ערשטער וואס האט מיר די דאזיגע שטימונג פערדארבען איז געווען נאטע דעם שיינקער׳ס א אינגעלע. חיים׳קע האט ער גע־הייסען, מיט שיטערע בלאנדע הערלאך און אן אויסגעדארטער אויסגעקווארטער. און ווען עס איז געקומען צו „אליך תלויות עינינו" האט נאטע א קוק געטהאן אויף זיין האלב פערשמאכטע אינגעל און צו „חמול על מעשיך" האט ער א וואונק געטהאן צו איהם ער זאל ארונטערקריכען אונטער׳ן באנק און דערלאנגט איהם עפעס איינגעוויקעלט אין א פאפיר. חיים׳קע האט זיך ניט גע־לאזט בעטען. געעפענט דעם פאפיר און ארויסגעשלעפט א גרויסע היהנערשען פופעק און א שטיק חלה און מיט די קליינע צייהנדלאך האט ער זיך ארייגעביסען אין דעם ארויסגעסטארטשעטען בלוי־ליכען פלייש און מיט צוויי דריי בים איז ער דערמיט געווארען פארטיג, דערנאך האט ער זיך גענומען צום הארטען טהייל און געביסען מיט די שארפע ציינדלאך און געטרייסעלט מיט׳ן קעפעל אהין און אהער, כדי אריינצוגעבען מעהר קראפט אין דעם בים.

איך האב נאכגעקוקט יעדע בעוועגונג זיינע און דערפיהלט עפעס א חלשות אין הארצען. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב ארויסגענומען מיינע יום כפור טראפען און א שמעק געטהאן טאקע מיט אן אמת צו דערהאלטען די כחות.

צו מוסף האב איך שוין געהאט א שווערען קאמף מיט זיך. די פאלקע הוהן אין דערהיים האט צו מיר געוואונקען דורך די סאמע שטארקסטע תפלות און אפילו ווען איך האב געהאלטען די אויגען פערמאכט. די מעהרסטע צייט האב איך פערבראכט אין דרויסען. איך בין געזעסען אויף א שטיין פאר׳ן קלויז און האב געמיינט, אז די נשמה געהט מיר אויס. די כחות האבען מיר אזוי אפגעלאזט, אז איך האב זיך אפילו קיין דיהר ניט געטהאן, ווען עס איז געווא־רען א געלאף איבער די טרעפ פון עזרת נשים און סטאפעטען זיי־נען באלד געפלויגען, אז חיהביילע, שמואל דוד דעם דיינ׳ס ווייב

האט געחלש׳ט. מיט שוועריקייט האב איך זיך אויפגעהויבען. ווען דער טאטע האט אנגעקלאפט אין פענסטער און דערמיט געלאזט מיר וויסען, אז א תפילה קומט. די התלהבות וואס יעדע תפילה האט געוועהנליך ארויסגערופען, האט מיר איצט אין גאנצען גע־פעהלט, און די ריהרענדסטע תפלות זיינען איצט עפעס בלייך גע־ווארען. איך האב ממש מורא געקראגען צו קוקען אויפ׳ן זייגער, איך זאל ניט וויסען ווי לאנג די דאזיגע אגאניע וועט זיך ציהען.

צו מנחה זיינען די שארפע יסורים אין גאנצען איבערגעגאנ־גען. איך האב נאר געפיהלט א שוואכקייט, נאר איצט האב איך שוין שטאלצירט מיט מיין שוואכקייט, און ווען עמיצער פון די חלושים איז ארוים פון קלויז און געזעצט זיך לעבען מיר אויף א שטיין, איז צו מיין גדולה ניט געווען קיין שיעור. און אז מען זאל חס ושלום קיין טעות ניט האבען און אלע זאלען וויסען אז איך פאסט, האב איך קאפירט אברהם איטשע דעם בעל אכסניא, וועל־כער איז געווען איינער פון די שעהנסטע בעלי בתים און האב אזוי געלאזט מיין קאפ ארונטערהענגען אז א זייט ווי ער, און נאכגע־מאכט פינקטליך זיינע שוואכע טריט און האב זיך אפילו אויס־געגלייכט ווי ער, ווען איך בין אריין צוריק אין קלויז און צוגע־גאנגען צו מיין שטאדט.

און ווען עס איז געקומען צו נעילה בין איך אויף די פיס געשטאנען אזוי ווי מיין שוואכקייט וואלט אין גאנצען פערשוואונ־דען און געזאגט דעם פיוט מיט׳ן גאנצען פייער, וואס ער האט גע־פאדערט.

דורכ׳ן לאנגען מוסף האב איך עטליכע מאל תרעומות געהאט אויפ׳ן טאטען, פאר וואס ער האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט ווע־גען מיין תענית און ניט געווענדעט זיך צו מיר מיט׳ן הארבען ווארט, אז איך זאל זיך אריבערכאפען אהיים און א בים טהאן. און איך האב מיט זיך גערעדט, אז די מאמע וואלט ניט אזוי געווען. זי וואלט מיר ניט געלאזט ליגען א פער׳חלש׳טער. נאר ווען איך האב תיכף נאך מעריב ארויסגענומען פון קעסטעל זאמד דאס פער־בליבענע שטיקעל יום כפור ליכט און דער טאטע האט מיט פרייד אין די אויגען און א שמחה אין קול א זאג געטהאן: „נו, איצט לויף

אהיים און כאפּ עפּעס אין מויל", האָב איך געענטפערט בריה'שדיג:

— ניין, איך וועל מיט דיר מחדש זיין די לבנה.

און קיין העלד האָט זיך פון זיינע גרעסטע זיגען ניט צוריק־געקעהרט אהיים מיט אזא טריאומף, ווי איך, ווען איך בין מוצאי יום כפור געקומען פון שוהל אהיים. פון דער הבדלה האָב איך גע־קריגען מעהר וויין פון די אנדערע. די מאמע האָט מיר דערלאַנגט א קענדעל וואסער צום וואשען זיך צום עסען, און ווען מיר האָבען זיך געזעצט צום טיש האָב איך נאָך בדעה געהאט צו עסען מיט יענער רוהיגקייט און איינגעהאלטענקייט, ווי דער טאַטע. נאָר אז איך האָב ארייננענומען דעם ערשטען ביסען האָבען מיר אזש אָנ־געהויבען צו טרייסלען די צייהנער פון הונגער און איך האָב זיך צוגעכאפּט מ ט אזא זשעדנעקייט צום קאלטען מיטאָג, אז די מאַמע האָט שוין געפּונען פאר נויטיג צו ווארענען מיך:

— עס ניט צופיעל, איך האָב מורא עס זאָל דיר ניט שאדען.

נאָר דערפאַר ווען איך בין זאַט געוואָרען, האָב איך צוריק אנגענומען א סטאָלנע מינע און גערעדט ווי א סטאָלנער מענש וועגען די חלושים, פאר וועמען דער תענית איז געווען זעהר א שווע־רער און ארויסגעזאָגט מיין מיינונג אזוי ווי איך וואָלט שוין געווען א בעיאַהרענטער איד.

# נאָך יום כפור.

מיט'ן ערשטען פלעקעל וואס מיר האבען אריינגעשלאָגען מוצאי יום כפור תיכף נאָכ'ן עסען, איז די גאנצע אימה און דער גאנצער פחד פערשוואונדען פון דעם גאנצען שטעדטעל. מען איז געוואָרען פרעהליכער, לעבעדיגער, אויפגעראמטער. עפעס אן אפּ־געריסענער נגונ'דעל פון א יום כפור'דיגער תפילה האט נאָך ארומ־געבלאָנקעט אין מארך, נאָר די יום כפור'דיגע שארפקייט איז פון איהם אויסגעוועפּט געוואָרען און אין איהם איז נאָר געבליבען א זיסע מעלאנכאָליע. ביים אונטערברומען אזא נגונ'דעל פיהלט זיך עפעס א מין פיעסטשען און ווייזט ניט קיין צובראכענקייט.

די יונגע לבנה שפּאצירט מיט א רחבת און פערשפּרייט א קאלטליכען שיין און איהר קלאָרער אנבליק, איהר רוהיגער פנים רופט ארויס א ווארעמע האפנונג ביים אידען אין הארצען. זי איז אונזערע און איז נעהענטער צו די העברעע ספערען, און איהר רוהיגער שיין איז א פערזיכערונג פון א גוטער חתימה אויף כל ישראל.

די נאכט פון מוצאי יום כפור איז נאָך שטיל און יעדער זוכט וואס לענגער אנצוהאלטען די זיסע מעלאנכאָליע. אויב דער טויער מוז געעפענט ווערען פאר דער וואכעדיגקייט פון דעם לע־בען, ווערט עס געטהאן ניט גערן, על־פּי־מוז, און ווען צוויי טרע־פען זיך איצט איז אלץ וואס איינער האט צו זאגען דעם צווייטען: „א גוט יאָהר!“ „א גוט יאָהר!“

און ערשט אויף מאָרגען געפינט יעדער צוריק זיין געוועהנ־ליכע שטים און הערט אויף צו רעדען אין האלבע טענער. דער טור־מעל פון דעם וואכעדיגען לעבען קלייבט זיך צוריק אריין אין דער

אידישער גאס. מען רעדט, מען האנדעלט, מען דינגט זיך און מען הויבט אויף הויך דעם קול.

נאר אז עטליכע שכנות קלייבען זיך איצט צוזאמען, האבען זיי איצט ניט יענע עררעגטע פנים'ער, וואס מען זעהט געוועהנליך, ווען ווייבער רעדען רכילות. אין זייערע אויגען זעהט זיך א בליק פון בעוואונדערונג און זיי ציהען מיט די ליפען און שאקלען מיט די קעפ, און זייער געשפרעך דרעהט זיך ארום יום כפור.

נחמה דעם אגולניק'ס ווייב איז שוין א צייט קראנק און צוויי מאל האט מען שוין אראפגעבראכט צו איהר א גרויסען דאקטאר פון א גרויסער שטאדט. און דער היגער דאקטאר האט אנגעזאגט איהר און די שטוביגע אז זיי זאלען למה"ש ניט וואגען צו לאזען איהר פאסטען, ווייל דאס קען איהר קאסטען דאס לעבען. און איהר מאן איז געווען ביים רב, און דער רב האט אויך געשיקט איהר זאגען, אז זי זאל נעהמען עטליכע כזית און ניט שטעלען דאס לעבען אין סכנה, נאר נחמה האט ערקלערט איין מאל פאר אלע מאל אז זי וועט זיך ניט צוריהרען צו עסען, ווען אפילו זי זאל וויסען, אז זי וועט שטארבען דערפון.

— און א דאנק און א לויב זיין ליעבען נאמען, דער תענית האט איהר ניט געשאדט, אדרבא, זי פיהלט זיך אהן עין הרע נאך בעסער, נאר אביסעל אפגעשוואכט.

— אודאי איז דער זכות פון תענית גרויס און פון איהם קען צוקומען מעהר געזונט ווי פון א פאר כזית.

— אבער דאס איז א גרויסע גבורה צו קענען אפזאגען דעם דאקטאר און, להבדיל, דעם רב.

— א גבורה איז דאס, — מישט זיך אריין א יונגע פרוי, וואס האט זיך ניט לאנג אויפגעהויבען פון קימפעט, — אבער נחמה האט עופ'על'אך —

און די יונגע פרוי איז ניט זיכער צי זאל זי בעוואונדערען די גבורה פון א געפעהרליך קראנקער פרוי, וואס האט ניט קוקענ־דיג אויפ'ן דאקטארס ווארנונג און דעם רב'ס היתר אפגעזאגט זיך פון עסען אין דעם גרויסען תענית, אדער צי זי זאל קוקען קרום אויף

א מאמע, וואָס שטעלט איין דאָס לעבען ווען זי האָט קליינע עופ׳עלאַך.

די לעצטע בעמערקונג פון דער יונגער פרוי וואָס האָט זיך ניט לאַנג אויפגעהויבען פון קימפעט האָט עטוואָס אָפגעטעמפט די בע־וואונדערונג וואָס איז פריהער געווען ביי די אַנדערע ווייבער אין די אויגען, נאָר באַלד איז דער שמועס אריבער אויף די ווייבער. וואָס האָבען נעכטען גע׳חלש׳ט און ווידער זיינען די אויגען פול געוואָרען מיט בעוואונדערונג און יעדע איז טיעף אין הארצען מקנא, פאַר וואָס איהר איז דער תענית ניט אָנגעקומען אזוי שווער. און די קנאה האָט זיך גענומען ניט דערפון, וואָס די גע׳חלש׳טע האָבען אויף זיך געצויגען אויפמערקזאַמקייט, וואָס וואו מען שטעהט, וואו מען געהט רעדט מען וועגען זיי און מען קוקט אויף זיי, ווי זיי וואָלטען גרויסע מעשים אויפגעטהאָן. נאָר דערפון וואָס אַזא תענית דאַרף אודאי זיין מעהר אָנגענומען אויבען וואו מען לעגט די חתימה פאַר׳ן גאַנצען יאָהר.

און אין בית המדרש נאָך שחרית און נאָך מעריב זיינען פער־זאַמעלט קליינע רעדלאַך און מען דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען פון מיכקע דעם כאַלערניק׳ס טויט. און הגם יעדער האָט עפּעס אַנדערש צו זאָגען, און מען קען ניט אויסגעפינען ריכטיג, צי ער איז געשטאָרבען ארום מיטען שחרית, צי אָנהויב מוסף צי נאָך פאַר מנחה, ווייל געשטאָרבען איז ער ביי זיך אין דער היים, וואו ער איז שוין געלעגען אַ פּאָר וואָכען און נאָר זיינע אַן אייניקעל, אַ יונגע מיידעל איז געווען ביי זיין גסיסא און זי איז געווען אזוי צושראָ־קען, אַז מען קען פון איהר ניט דערגעהן, ווען די יציאת נשמה איז געווען. איז אָבער קלאָר אַז געשטאָרבען איז ער יום כפור פאַר מנחה, ווייל ווען זיין זוהן האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון בית המדרש נאָך מוסף און איז געלאָפען געוואָהר ווערען צום טאַטען, האָט ער איהם שוין געטראָפען טויט. און עס איז אַ גרויסע שקלא וטריא ווען זיין גזר איז אָנגע׳חתמ׳עט געוואָרען: צו דער גזר איז געווען פון דעם לעצטען יאָהר, ווייל ער איז נאָך קראַנק געוואָרען פאַר ראש השנה, אָדער צי דאָס איז געווען דער נייער גזר פון היינטיגען יום כפור.

און אַלע רעדען מיט זייערע ערנסטע פּנימ׳ער, מיט נעדרומפּטע

שטימען ווי איז דער אנוועזענהייט פון א מת, און עפעס אז אימה איז פאר דעם גזר וואס איז אנגע'חתמ'עט געווארען אפשר נאך צו שחרית. און צוזאמען מיט דער אימה זעהט זיך אין די אויגען א צומישונג, צוטומלונג, פערווירונג. די גאנצע השגה פון „בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון", ווערט פערוואלקענט און ווען דער עולם האט ארויסגעזאגט אלע השגות און אלע סבֿרות און לאזט זיך געהן אהיים, זיינען די טריט שוואך, ווי יעדער וואלט געטראטען אויף אן אונזיכערען באדען, און קיינער רעדט מעהר ניט קייןווארט, אזוי ווי דער טויטער קערפער וואלט געוועזן פאר יעדענס אויגען און די געדאנקען זיינען פערנומען מיט א שווערער הארבער פראגע.

# ברוך דיין האמת.

עס איז שוין געווען לאנג נאָך מעריב, נאָר אין קלויז זיינען געבליבען מעהר מענשען ווי געוועהנליך. אויבען אַן אין ווינקעל האַבען זיך געשאָקעלט א פּאָר אָרימע בחורים איבער זייערע שטענדערם פאר חלב'ענע ליכטלאך, וואָס האָבען פערשפּרייט אַן אומעדיגען שוואכען שיין ארום זיך. דאָ און דאָרטען פאר די לאַנגע טישען זיינען געזעסען עטליכע בעלי בתים און האָבען אריינגעקוקט אין א ספר. דער שמש איז געזעסען ביים טיש לעבען אויווען און האָט ארומגעסקראָבעט די פערשמאָלצענע חלב פון די לייכטער.

נאָר דער עולם וואָס איז פערבליבען נאָך מעריב האָט זיך פערקליבען הינטער דער בימה. פיעלע זיינען געזעסען און פיעלע געשטאַנען. נאָר א לענגערע צייט האָבען אלע געשוויגען אין אומגעביטען זיך נאָר מיט קורצע בעמערקונגען. עס איז געווען גרינג צו זעהן, אז יעדען פון זיי האָט עפּעס גערופּעט, נאָר קיינער האָט זיך ניט געאיילט ארויסצוזאָגען, וואָס ער האָט געהאט אויפ'ן לונג.

— עס ווערט קאלט, — האָט זיך אָנגערופען בעריל דער ציגעלניק, א הויכער, מאָגערער און בלייכער איד, ניט אזוי וואָס ער האָט געפיהלט א קעלט, נאָר כדי עפּעס צו זאָגען.

נאָר די שטימונג איז געווען א צו ערנסטע ביי אלעמען, אז מען זאָל זיך אומקוקען אויף אזא נאַרישע בעמערקונג. עטליכע האָבען דערביי א ציטער געטהאָן, אבער דאָס איז ניט געווען פון דער קעלט, וואָס דער ציגעלניק האָט דערמאָנט, נאָר פון א גייסטיגער קעלט וואָס האָט איצט געבלאָזען ביי אלעמען אין די קעפּ.

דאָ אין קלויז איז היינט געווען נאחאמקע און איז צוגעפאלען צום ארון קודש. איהר איינציגע טאָכטער שרה'לע האלט ביים

שטארבען פון קינפעט, דער שטאדטישער דאקטאר האט איהר שוין אפגעזאגט דעם לעבען. און עס דוכט אויס, אז נאחאמקעס פער־צווייפעלטע קולות פילען נאך אז דעם מקום קדוש און דער פרוכת איז דורכגעווייקט מיט איהרע טרערען.

און אלע קענען נאחאמקע און שרה׳לע. נאחאמקע האט קיינעם ניט אפגעזאגט אין קיין נדבה און פאר יעדער דבר מצוה האט זי געגעבען מיט דער פולער האנט. אין דעם גאנצען שטעדטעל איז ניטא נאך איינע, וואס האט אזוי פיעל ברכות געקראגען ווי שרה־לע. זי איז געוועזן אן איינציגע ציטערדיגע קינד און דעם גרעסטען נחת רוח האט מען דער מאמען פערשאפט, אז מען האט איהר טאכ־טער געגעבען א ברכה. און שרה׳לע איז אוועק אין דער מאמען, די זעלביגע פרומע, כשרה נשמה, די זעלביגע אפענע האנט און די זעלביגע יוארימע אידישע הארץ.

נאר די ערנסטקייט וואס איז איצט געווען אויסגעגאסען אויף אלעמענס פנימ׳ער האט בעדייט פיעל מעהר, ווי דער צער פאר דער נוטה למות׳דיגער שרה׳לע. אין דעם קליינעם שטעדטעל האט יעדער אונגליק, וואס האט וועמען געטראפען, אנגעריהרט אלעמען, בפרט ווען דער אונגליק האט געטראפען אזא פערזאן, ווי שרה׳לע נאחאמ־קעס, וואס איז געווען בעליעבט פון אלעמען. נאר די איצטיגע ערנסטקייט האט פערטראגען צו א מין מורא, וואס יעדער האט גע־האלטען ביי זיך אין הארצען און דאס איז ניט געווען קיין גע־וועהנליכע זאך. ביי אלעמען אין די אויגען איז געווען א ווייטער בליק און די איינגלאך, וואס האבען זיך פערמישט אין דעם רעדעל מענשען, האבען ארויסגעוויזען מעהר שרעק ווי נייגיערדע.

פון א ווייטערען געסעל האט זיך דערהערט א קלאג פון א הונט, און א ציטער איז דורכגעלאפען איבער אלעמענס לייבער. די עטליכע בעלי בתים וואס זיינען געזעסען איבער א בלאט גמרא אדער משניות, האבען אפגעקעהרט די אויגען פון זייערע ספרים און א קוק געטהאן אין דער ריכטונג, פון וואנען דעם הונט׳ס קלאג איז געקומען. עטליכע סעקונדען האבען זיי געקוקט אזוי און דער־נאך מיט א זיפץ געגומען זיך צוריק צו זייערע ספרים.

אלע האבען איצט געוואוסט, אז שרה׳לע איז געשטארבען. א

הונט קלאַנגט, איז אַ סימן אַז דער מלאך המות איז געקומען, און אַלע האָבן פֿערשטאַנען, וואוהין דער מלאך המות איז געגאַנגען.

די אינגלאַך אין רעדעל האָבן זיך גענומען שטייפער טוליען צו די ערוואַקסענע מענשען.

— גאָר אַהן אַ חתימה, — האָט זיך ענדליך אַנגערופען זלמן פּערקעס, אַן עלטערער איד מיט אַ געדיכטער גרויער באָרד און גע־דיכטע ברעמען.

ער האָט קיין נאָמען ניט דערמאָנט און אויך ניט בעמערקט, וועגען וואָס ער זאָגט עס. אין פֿלוג האָט אויסגעזעהען, אַז דאָס איז אַ בעמערקונג סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר אַלע האָבן געוואוסט די ריכטיגע בעדייטונג דערפֿון. ער האָט אין ווערטער אויסגעדריקט וואָס ביי אַלעמען איז געלעגען אויפ'ן האַרצען.

די ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַ פּראָטעסט און פּאַר עשרת ימי תשובה איז געווים ניט קיין צייט צו פּראָטעסטירען. אַזוי ווי אַ שווידער איז דורכגעלאָפען דורך אַלעמען און די פּערזאַמעלטע האָבן זייער נערוועזיטעט אַרויסגעוויזען ווער דורך אַ הוסט, ווער מיט אַ גלעט זיך איבער'ן באָרד, און די וואָס זיינען געשטאַנען, מיט איבערבייטען די געוויכט פֿון קערפּער פֿון איין פֿוס צום צווייטען. עס האָט זיך בעמערקט, ווי אַלע האָבן זיך נעהענטער צוגערוקט איי־נער צום צווייטען און די אינגלאַך אין דעם קליינעם רעדעל זיינען אין גאַנצען פּערשטעלט געוואָרען. אָבער די בעמערקונג האָט אויס־געדריקט אַ נעפּיהל, וואָס איז ביי אַלעמען געלעגען אין האַרצען.

— יאָ, גאָר אַהן אַ חתימה, — האָט אונטערגעכאַפּט דער ציגעלניק.

— איהר געדענקט, רבי אייזיקעל, זכותו יגן עלינו, איז גע־שטאָרבען, אין עשרת ימי תשובה, — האָט זיך אַריינגעמישט בעריל דער מוליער.

— און רבי אַלינקע, זכרון צדיק לברכה, איז געשטאָרבען דעם ערשטען טאָג ראש השנה.

— דאָס ווייזט אונז דער רבונו של עולם אַז לית רחמים בדין. אַזעלכע צעדערבוימער — און זיי האָט מען אויך קיין איבעריגע רגע ניט געשענקט. מען דאַרף זיך ניט פֿערלאָזען אויף דער לעצטער

מינוט. דאַרטען וואַרט מען ניט און מען מאַכט ניט קיין שהיות.

עס האָט זיך פּלוצים דערהערט א יאָמער אין גאַס, א יאָמער מיט׳ן סקאַרבאָווען נגון פון די מקוננות. דער יאָמער איז גע־קומען פון דער ריכטונג, וואו שרה׳לע האָט געוואוינט.

— ברוך דיין האמת! — האָבען עטליכע געזאָגט אויפ׳ן קול.

די האַלבע פינסטערנים אין קלויז איז געדיכטער געוואָרען. די פערזאַמעלטע הינטער דער בימה זיינען נאָך א ווײַלע געבליבען אין דער זעלביגער פּאָזע, ווי פריהער, קיינער האָט שוין מעהר קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר קיינער האָט אויך קיין חשק ניט געהאַט איצט אָפּצוטרעטען איינער פון דעם צווייטען. ענדליך האָבען זיך א פּאָר עלטערע מענשען אויפגעהויבען, זייערע פּנים׳ער זיינען גע־וואָרען נאָך ערנסטער און דאָס וואָס אַלע זיינען געשטאַנען און האָבען געשוויגען האָט דעם שווערען און פּיינליכען איינדרוק גע־מאַכט נאָך שווערער. עס האָט אויסגעזעהן, ווי יעדער האָט גע־פיהלט דעם שטילען געררויש פון מלאך המות׳עס פליגלען, וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט איבער דער שטאָדט.

און ווען דער עולם איז ארוים פון קלויז האָט אויסגעוויזען אז מען האָט זיך פּנים אל פּנים געטראָפען מיט׳ן טויט און עס איז געווען אזוי אימה׳דיג, און געגאַנגען איז מען אין מיטען גאַס, ווי מורא האָבענדיג פאַר די שאָטענס פון די הייזער.

# מכות

# דער סכות'דיגער קידוש.

ווען נחום דער שערער האט מוצאי יום כפור לויזער געמאכט די דזשאסקע אין מיטען זאטען עסען, און די אויגען, וואס האבען פריהער געהאט דעם אויסדרוק, אז זיי וואלטען א וועלט איינגעשלונגען, האבען אנגעהויבען צו ווייזען א חיה'דיגע צופרידענהייט, האט זיך אין שטוב וואס איז געווען אבגעצאמט מיט א דינעם וועגטעל פון זיין קאמער, דערהערט א רוקענים פון ביינקלאך און דאס האט בעדייט, אז דארטען איז מען שוין פארטיג געווארען מיט'ן עסען.

— זיי זיינען שוין פארטיג, האט נחום געזאגט צו זיין ווייב, וועלכע האט איצט אריינגעלעגט אין טעלער דעם איבערגעבליבענעם צימעס פון נעכטען.

— וואס איז היינט פאר אן איילענים? היינט וועט מען ניט ארבייטען.

— וויים איך, וואס פאר א ספיעשקע דארטען איז! גיב א סקראבע דעם טעפעל.

ער האט זיין ווייב געהייסען א סקראבע טהאן דעם טעפעל, ניט דערפאר ווייל איהם איז דאס עסען געווען ווייניג. ער האט שוין אליין ניט געוואוסט, ווי אזוי דער צימעס וועט אריינקריכען אין איהם. נאר יענער טהייל צימעס ארום די וועגטלאך פון טעפעל איז ביי איהם געווען דער בעסטער חלק, א גאנצע עולם ומלואה. הגם דער שפיזעל פון דער דזשאסקע איז שוין געווען אפגערוקט צום ערשטען לעבעל, האט דער גערויש פון דעם לעפעל איבער די וועגטלאך פון דעם צימעס-טעפעל ארויסגערופען וואסער ביי איהם אין מויל. פון גרוים צופריעדענער ערווארטונג האט ער זיך א

פאר מאל א רוק געטהאן אין זיין ביינקעל און א הויב געטהאן מיט די אקסלען.

אין שטוב האט זיך געהערט א ימים נוראים'דיגער ניגון'דעל, וואס מאיר איטשע דער שניידער האט אויסגעברומט אונטער דער נאז. נאר דער ניגון'דעל האט איצט שוין מעהר ניט געהאט די שארפקייט און די מורא, וואס ער האט פערשפרייט אין שול. פער־קעהרט, די קלאנגען האבען אנגענומען עפעס א ווייכקייט און פרעהליכקייט. פלוצים האט זיך דער ניגונ'דעל איבערגעריסען און עס האט זיך דערהערט מאיר איטשעס קול:

— נו, בערעלע, קום, מיר וועלען ארייגשלאגען דעם ערשטען פלעקעל.

די גאנצע פרעהליכקייט און צופריעדענקייט וואס נחום האט ארויסגעוויזען, איז פלוצים פערשוואונדען געווארען. דער ערשטער בלאז פון שופר מאכט ניט אזא אומעדיגע דריקונג אויף דער אידי־שער נשמה, ווי די דאזיגע עטליכע ווערטער, וואס מאיר איטשע האט געזאגט צו זיין אינגעל, האבען געמאכט אויף איהם.

ארייגשלאגען דעם ערשטען פלעקעל פאר דער סוכה איז די פרעהליכסטע ארבייט אויף דער אידישער גאס. די דאזיגע פרעה־ליכקייט האט זיך גלייך דערהערט אין דעם אינגעלס קול'כעל, ווען ער האט געענטפערט מיט אונגעדולד: „קום, טאטע!" נאר נחום דער שערער איז אפשר געווען דער איינציגער מענש אויף דער אידישער גאס צו פערלירען דעם מוטה ביים דערמאנען די סוכה.

נחום דער שערער האט מורא געהאט פאר דער סוכה, און מורא געהאט פאר דער סוכה האט ער צוליעב דעם סכות'דיגען קידוש.

דער פרעהליכער, לעבעדיגער יום טוב'דיגער קידוש, וועלכער בעט זיך פשוט צום זינגען און פערטרייבט אלע וואכעדיגע זארגען פון אידישע פנים'ער און פילט אן אלע אידישע הערצער מיט א שאלענדער פרייד, האט געהאט דעם גרעסטען שרעק פאר נחום דעם שערער סכות צייט. דער סכות'דיגער קידוש איז געווען נחום דעם שערערס אבקומענים אויף דער וועלט, א סטראשידלע וואס

האט איהם פון מוצאי יום כפור ביז שמחת תורה ניט געלאזט רוהען. דער סכות׳דיגער קידוש איז געווען זיין נאכטמאר.

און דאס איז געווען ניט אומזיסט. נחום דער שערער האט פערנומען גאר א בעזונדערען פלאץ אין שטעדטעל. ער איז געווען א סאלדאט פון פאר דעם נייעם „אוסטאוו“. אפגעגעבען האט מען איהם, ווען קינדער אין זיינע יאהרען זיינען נאך אין חדר געגאנגען, נאך דער נייער אוסטאוו איז צוגעקומען, ווען ער האט זיך נאך רעכט ניט איינגעדיענט, און ער האט זיך צוריקגעקעהרט א בעפ־רייטער צו אונז אין שטעדטעל מיט די אלע אייגענשאפטען פון א ניקאלאיעווסקי׳ן סאלדאט און אהן דעם פתחון פה פון אזעלכען.

ער איז נאך געווען גאר א יונגערמאן, ווען ער האט זיך צוריק־געקעהרט און איז געווען כמעט א קיילעכדיגער עם הארץ. אין שטעדטעל זיינען געווען עטליכע אויסגעדיענטע ניקאלאיעווסקע סאלדאטען און זיי זיינען געווען אפשר אזוי טעמפיג אויף עברי ווי ער. נאר יענע האבען זיך דערמיט אזוי ניט געשעהמט, ווי ער. יענע האבען שטענדיג דערצעהלט די נסים, ווי אזוי מען האט זיי אויף ארבעס אויף די קניע געשטעלט און געצוואונגען זיי צו „מא־ליען“ זיך און פאטשערעס צו זאגען און דאך האבען זיי ארויסגע־ראטעוועט דאס ביסעלע טעמפיגע עברי און דורך אלע לאנגע יאהרען האבען זיי עס אפגעהיט ווי דאס אויג אין קאפ. ער האט די דאזיגע נסים ניט געקאנט דערצעהלען, און ער האט עס ניט געקאנט דערצעהלען שוין דערפאר אליין, וואס ער האט זיך צוריק געקעהרט אזוי יונג. די ניקאלאיעווסקע סאלדאטען אין שטעדטעל האבען ארונטערגעקוקט אויף איהם פון אויבען ארונטער און האבען איהם ניט געוואלט אנערקענען אלס איינעם פון זייער חברה.

די אנדערע ניקאלאיעווסקע סאלדאטען האבען געפיהלט עפעס א געוויסע גייסטיגע פרייד, ווען זיי האבען געבראכען זייערע צייה־נער אויף עברי. דאס איז געווען דער לעבעדיגער עדות פון דעם קידוש השם אויף וועלכען זיי האבען זיך געשטעלט. וואס הארטער די עברי אלץ מעהר האט דאס דערמאנט די יסורים וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען. דאס האט אויך געדיענט אלס שטומער פראטעסט

געגעז אלע יענע, וואס האבעז ביי זיי געריבט די מעגליכקייט צו קאנעז מעהר אידישקייט.

נחום דער שערער האט אזא גייסטיגע פרייד ניט געהאט פון זיין עם הארצות. ניט נאר האט ער ניט געהאט אויסצושטעהען אזעלכע געבראטענע יסורים ווי זיי, נאר ער איז נאך געוועז יונג גענוג, אז ער זאל נאך אלץ קאנעז גוט מאכען. און ער האט זיך מיט זיין עם הארצות געשטיקט און געשעמט. מילא, א גאנץ יאהר איז קיין בייז ניט געוועז. איהם האט אויסגעוויזען, אז איהם געלינגט צו בעהאלטען זיין טעמפיגע עברי פון עולם. ער האט אפילו קיין מורא ניט געהאט פאר די ימים נוראים׳דיגע תפלות, ביי וועלכע פראסטערע מענשען ווערען אפט מבולבל פון די אפשיקער־ניסען פון איין דף צום צווייטען אין די ארימע עקאנאמישע מחזורים. ער האט זיך געקליגט נאכצוזאגען אלץ וואס דער חזן האט געזאגט און האט אין גאנצען אויסגעלאזט, וואס דער צבור האט געזופט. דער קידוש האט פאר איהם א גאנץ יאהר אויך קיין שרעק ניט געהאט. מיט דעם שבת׳דיגען קידוש איז ער שוין געוועז געוועהנט און ביי זיך אין קאמער האט ער געקאנט ארונטערשלינגען עטליכע ווערטער, אויב דער נגון האט זיך אויסגעלאזט פאר דער צייט, אדער, פערקעהרט. אויסזינגען דעם איבריגען שטיקעל נגון אונטער דער נאז, אויב די ווערטער האבען זיך אויסגענומען פריהער.

אבער סכות האבען קיינע פון די מיטלען ניט געקאנט העלפען. סכות האט ער געמוזט ארוים מיט׳ן לשון און מיט׳ן נגון אזוי, אז עס זאלען ניט בלייבען קיין איבריגע ווערטער און ניט קיין עק פון דעם נגון. סכות דארף ער מאכען דעם קידוש אין סוכה, דאס הייסט פאר דעם גאנצען געסעל אין די אויגען אדער ריכטיגער פאר דעם גאנצען געסעל אין די אויערן, ווייל אלץ וואס מען רעדט אויף׳ן קול אין איין סוכה, הערט מען אין אלע ארומיגע סכות. און ערגער פון אלץ איז וואס ביי אזא קידוש שטעהט זיין איטקע אין דער טהיר און זי קאן זעהן און הערען אלע מינעם און בעמערקונגען, וואס מען וועט מאכען. ער האט זיך צוגעקוקט, ווי די מאיר איט־שיכע שטעהט אין סוכה, ווען איהר מאן מאכט קידוש און ער האט געזעהען דעם נחת וואס שפיגעלט זיך אפ אויף איהר געזיכט.

ווען ער הויבט אן מיט א ברייטקייט „ר־ת־תן לנו" און ער האט זיך גרינג פארגעשטעלט דעם צער און די בושה, וואס איטקע וועט האבען פון זיין קידוש.

ערב יום טוב איז די איינציגע צייט ווען מען פערדיענט עט־ליכע גראשען פון שערעריי און דאריבער האט ער קיין צייט ניט געהאט צוזעצען זיך צו א סדור און אריינקנעלען מיט'ן קידוש. נאר אפילו ווען ער זאל צייט האבען וואלט ער אויך ניט געקאנט, דיר ניט, מיר ניט, סתם אין מיטען וואך שטעלען זיך זינגען א יום־טוב'דיגען קידוש. דורך דעם דינעם ווענטעל, דורך די אפענע פענסטער וואלט מען עס געקאנט הערען און מען וואלט זיך צו־נויפגעלאפען אויף בייז וואונדער.

נאר אין זיך האט ער געזונגען דעם קידוש פון מוצאי יום כפור ביז ערב סכות. ער האט די ווערטער אויף אויסוועניג ניט געוואוסט און ער האט לכל הפחות געזוכט איינצואיבען זיך אין דעם ניגון. דעם „ותתן לנו" האט ער נאכגעמאכט מיט אלע פיסטשעווקעס מאיר איטשען דעם שניידער און איהם האט אויסגעדוכט אז דאס יאהר וועט שוין געהן גלאטער.

נאר ווען די ערשטע נאכט סכות איז געקומען און ער איז אריין אין סוכה און איטקע האט זיך געשטעלט אין טהיר און עס איז געקומען צו קידוש, האט ער דערפיהלט, אז דער וועטער האט זיך מיט אמאל אין גאנצען געענדערט און איהם האט אויסגעוויזען, אז א ביטערע קעלט בלאזט פון אלע זייטען. ער האט אנגעהויבען צו ציטערען מיט אלע גליעדער, און וואס מעהר ער האט געציטערט אלץ מעהר האט ער זיך פערפלאנטערט אין די ווערטער און דער ניגון איז דערווייל אליין געשפרונגען ווייטער.

מאיר איטשע איז איהם גלייך געקומען צו הילף און ניט נאר האט ער אונטערגעזאגט די ריכטיגע ווערטער, נאר ער האט זיי ממש אריינגעלעגט איהם מיט'ן ניגון צוזאמען אין מויל. דאס האט איהם נאך מעהר מבלבל געמאכט. ער האט דערפיהלט, אזוי ווי זיינע פיס האבען זיך אפגעריסען פון דער ערד און מאיר איטשע האלט איהם צו מיט א דינינקען פעדימעל... די ווערטער אין מחזור האבען זיך אנגעהויבען צונויפגיסען און קאטשען און ווען עס איז געקומען

צו „חגים וזמנים לששון את יום" איז שוין ניט געבליבן קיין נגון און קיין ווערטער. פון דער צונויפגעגאסענער קאלטענדיגער מאסע האט צו איהם ארויסגעקוקט א בלייך קליין ווערטעל. וואס האט אויסגעזעהען עפעס ווי „בשבת" און מאיר איטשע האט שוין אהן א נגון געשריען העכער ווי די גאנצע צייט „חג הסוכות" און נחום דער שערער איז געבליעבן שטעהן און אין קאפ האט זיך איהם איצט געדרעהט איין ווארט: „שאבאש!" דער דינינקער פעדימעל וואס האט איהם נאך געהאלטען צו דער ערד האט זיך איבערגע־ריסען.

מאיר איטשע האט איהם אבער ניט אפגעלאזט און נאך א היבשען שלעפען האט ער איהם צוריק ארויפגעפיהרט אויף א דרך. נאר איצט האט מאיר איטשע פארגעזאגט יעדען ווארט מיט'ן נגון און נחום האט אויטאמאטיש נאכגעזאגט, ניט אפנעהמענדיג די אויגען פון דעם קליינעם בלייכען ווערטעלע „בשבת", ווי איי־נער וואס ווערט געשטרויכעלט און פאלט, קוקט אויפ'ן געגענ־שטאנד וואס האט גורם געווען דערצו.

— לזמן הזה! – האט מאיר איטשע געענדיגט זיין פארזא־גען מיט א פרעהליכען קול.

— לזמן הזה, — האט נחום געענטפערט נאך אלץ אויטאמא־טיש, ניט אפנעהמענדיג די אויגען פון דעם קליינעם בלייכען ווער־טעלע „בשבת" און ניט בעגרייפענדיג, אז זיין אפקומענים האט זיך געענדיגט.

ער איז געבליבען שטעהן ווי א צומישטער מיט'ן מחזור אין איין האנט און מיט'ן כוס אין דער צווייטער.

עטליכע סעקונדען האט מאיר איטשע ניט געקאנט פער־שטעהען, וואס ער שטעהט נאך, נאר באלד האט ער זיך אנגעשטוי־סען און מיט'ן זעלביגען פרעהליכען יום טוב'דיגען קול האט ער איהם אונטערגעזאגט:

— און איצט טרינקט און גיט אייער ווייב א זופ.

דערלאנגען דעם בעכער דער ווייב איז איצט געווען ערגער ווי דער גאנצער קידוש. ער האט בשום אופן ניט געקאנט מאכען זיך הארץ און א קוק טהאן אויף איהר. ער האט איהר דערלאנגט דעם

כוס מיט אראפגעלאזטע אויגען. דעם גאנצען אבענד ביים עסען האט ער די אויגען ניט אויפגעהויבען און איז געזעסען ווי א בעגראבענער. נאר ווי ערנידריגט, פערשעמט ער האט זיך דא ניט געפיהלט צווישען די מאנסביל (די ווייבער האבען אין סוכה ניט געגעסען) האט ער זיך געוואונשען, אז דער מאהלצייט זאל זיך דא קיינמאל ניט ענדיגען. דער געדאנק אז נאך דער סעודה דארף ער אריין אין שטוב און זעהן זיך אויג אויף אויג מיט׳ן ווייב האט איהם געמאכט קאלט אוןווארעם.

פון סוכה איז נחום דער שערער ארויס ווי פון א קאסטראי. און נאך פיעל ערגער האט ער זיך געפיהלט, ווען ער איז אריין אין שטוב.

א היבשע צייט האט ער אויסגעמיידט צו קוקען אין זיין ווייבס זייט, נאר ווען ענדליך זייערע אויגען האבען זיך בעגעגענט, האט ער דערזעהן אין זיי אזא טיעפען רחמנות, אזוי פיעל סימפאטהיע, אז טרעהרען האבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען.

# ניט אָפּגעביסען.

(סקיצע)

לעמקע און זיין ווייב די לעמקיכע זיינען געווען אַ פּאָר דער־שלאָגענע מענשען. ער האָט ניט געהאַט קיין מלאכה און איז געווען גרייט צו טהאָן אַלץ אין דער וועלט. ער האָט פאר די מוליארעס ליים געקנאָטען, פון צייט צו צייט געהאט א טאָג ארבייט אין דער ציגעלנע, זומערצייט איז ער א שומר געווען אין א סאָד און וואו נאָר עס איז געווען א שווארצע ארבייט האָט מען איהם גערופען. נאָר פון אַלע אזעלכע פערדיענסטען האָט ער מיט זיין ווייב און קינדער געלעבט אין גרויס דחקות און דער דלות האָט געפּייפט אין אַלע ווינקעלאַך.

זיי האָבען געהאַט דריי קינדער און אַלע מיידלאַך. לעמקע האָט גרויס צער געהאט, וואָס זיי האָבען ניט קיין אינגעל. ווי דער דלות זאָל ניט זיין, איז מיט א אינגעל פרעהליכער אין שטוב און לאחר מאה שנים איז א אינגעל גוט פאר קדיש, און די לעמקיכע האָט געזעהן זיין צער און האָט זיך געפיהלט שולדיג.

א שטראַהל פון האָפנונג פלעגט זיך איהר ווייזען די ערשטע טעג סכות. זי האָט געהערט אז דער פּטום איז א סגולה פאר א זכר און אַלץ וואָס מען דאַרף איז אָפּבייסען איהם. זי האָט אויך געוואוסט, אז דער שמש האָט שוין געוועהנליך פון פאר יום טוב בעשטימט, וועמען צו געבען אָפּצובייסען דעם פּטום, נאָר אמאָל געפינט זיך א בוואַטסקע ווייבעל, וואָס קוקט ניט דערויף, ווי דער שמש האָט פריהער בעשטימט און איז זיך אליין מכבד מיט'ן פּטום. און זי האָט אין הארצען בעוואונדערט די דאָזיגע ווייבעל און נעגעבען איהר גערעכט.

— אַט טאַקע אַזוי דאַרף מען טהאָן. פאַר וואָס קומט עס אַלץ זיי, די רייכערע? און אַז מען איז אַן אָרימע, דאַרף מען שוין זיין אין גאַנצען הפקר?

נאָר דעם דאָזיגען פּראָטעסט האָט זי הויך ניט אַרויסגערעדט און דאָס האָט זי גע׳טענה׳עט מיט זיך אַליין, און דאָס איז אין גרונט גענומען, ניט געווען אַזוי אַ פּראָטעסט, ווי אַ מיטעל זיך אַליין צו צוגעבען מוטה.

ווי נאָר עס פלעגט קומען סכות האָט איהר דער אתרוג דער־מאָנט אָן דעם צער פון איהר מאַן, פאַר וואָס זי האָט ניט קיין אייגעל, און זי האָט זיך נאָך שולדיגער דערפיהלט דערפאַר, וואָס זי האָט ניט דעם מוטה ווי אַנדערע ווייבער, וואָס קליגען זיך אָפּצור־בייסען דעם פּטום, צו מיט גוטען, צו מיט בייזען. בוניע די שוס־טערקע איז אויך אַ קבצן׳טע און פון דעסטוועגען האָט זי דערווי־זען אָפּצובייסען דעם פּטום און פאַר וואָס האָט זי עס קיין מאָל ניט געטהאָן?

איינמאָל, די צווייטע נאַכט סוכות, ווען לעמקע איז נאָך דער סעודה אריינגעקומען אין שטוב, דאָס הייסט אין קאַמער, ווייל אין שטוב זיינען געווען עטליכע שכנים, האָט זי איהם פלוצים אַ פרעג געטהאָן:

— פיעל קאָסט אַן אתרוג?

— אָה־אָה־אָ־ה־ה־ה! האָט ער געענטפערט, גוט אויפגע־לעגט נאָך דער סעודה, און האָט זיך אַ קראַץ געטהאָן אין דער פּאָ־טיליניצע. — דאָס איז ניט פאַר נאַש בראָט. דאָס דאַרף קאָסטען אַ שלל געלד.

און וויפיעל דאָס דאַרף קאָסטען האָבען זיי ביידע קיין בעגריף ניט געהאַט. לעמקע האָט געוואוסט, אַז די גאַנצע קלויז פערמאָגט איין אתרוג און הושענא רבה אין דער פריה, ווען יעדער דאַרף צוקומען צום גבאי און בענשען אתרוג, דאַרף ער פריהער אריינ־וואַרפען אין טעלער עטליכע האַרטע מטבעות און דער גבאי גיט גוט אַכטונג, אַז די מטבעות זאָלען ניט זיין גראַשענס און קאָפּיקעס. ער האַלט צוליעב דעם איין טעלער איבער דעם צווייטען און אַזוי גיך ווי איינער וואַרפט אַריין די עטליכע מטבעות אין דעם אוי־

בערסטען טעלער, שיט עו׳ זיי איבער אין דעם אונטערסטען, כדי מען זאָל זעהן, פיעל איינער ווארפט אריין, און אזוי ווי לעמקע איז אין חשבון׳ען ניט געווען קיין גרויסער מזיק, האָט ער געשאַצט, אז אין דעם אונטערסטען טעלער איז מי יודע פיעל געלד און ביי איהם איז אויסגעקומען אז דאָס געהט אלץ פאַר דעם אתרוג. ער האָט אויך געזעהן, אז די פני פון קלויז האָבען בשותפות געהאַט זייער אייגענעם אתרוג און מען פלעגט איהם אין קלויז ברענגען אין א זילבערנע פושקע און דערפון האָט ער זיך אויך אָנגעשטויסען, אז אן אתרוג דאַרף קאָסטען א שלל געלד, בפרט וועו ער האָט נאָך געהערט, אז זייער אתרוג איז ניט אזא מהודר׳דיגער ווי דער קלייזעלשער.

די פראַגע וויפיעל אן אתרוג דאַרף קאָסטען איז ניט געווען סתם אין דער וועלט אריין. אז מען איז, חס ושלום קראַנק, גיט מען זיך דאָך אן עצה און מען רופט א רופא און דאָס קאָסט צעהן גראָשען און אין אַפּטייק קאָסט נאָך מעהר ווי צעהן גראָשען — א שטיקעל אייגענס, נאָר אז מען מוז, איז דאָך קיין תירוץ ניט. האָט זי געטראַכט, אפשר, ווער ווייסט, קען מען א כח איבער זיך אָנטהאָן.

זי האָט געוואוסט, אז ווען עס זיינען ניטאָ קיין חיובים קריעגט דער שמש עטליכע גראָשען פאַר לאָזען אָפּבייסען דעם פּטום. נאָר ער האָט שטענדיג בילכערע און אזא ווי לעמקיכע וועט מען קיינמאָל דערצו ניט צולאָזען.

און זי האָט בעשלאָסען, אז ווען מען קען ניט מיט גוטען זאָל זיין מיט בייזען.

זי האָט זיך איצט בעסער צוגעקוקט צום אתרוג, ווען מען האָט איהם געבראַכט צום בענשען. זי האָט בעמערקט, אז ווען זי נעהמט איהם איבער פון דער שכנה, גיט דער שמש א דרעה דעם אתרוג און זי האָט זיך אָנגעשטויסען אז דער פּטום איז נאָר איינער אָדער אויבען אָדער אונטען, און זי האָט ניט געוואוסט וועלכער.

הושענא רבה אין אבענד, האָט זי א פרעג געטהאָן דעם מאַן:

— אן אתרוג האָט נאָר איין פּטום?

— איינעם.

— און וועלכער איז דער פּטום?

— אַה, דער שמש ווייזט דיר, האָט ער געענטפערט אַרויס־מאַכענדיג זיך.

און דער אמת איז געווען, אַז ער האָט אַליין אויך ניט גע־וואוסט וואו דער פּטום שטעקט, און זיין שכן אין קלויז האָט איהם שטענדיג געדאַרפט ווייזען, איבער וועלכער זייט צו מאַכען די ברכה.

— איז גאָר ניטאָ קיין סימן? האָט זי ווידער געפרעגט.

— דער שמש ווייזט שוין דעם סימן.

— זאָג מיר אויך.

— דאָס קען מען אַזוי ניט זאָגען. דו וועסט ניט פערשטעהן.

נאָך אַלעמען, איז ער געווען אַ מאַנסביל און עס האָט ניט געפּאַסט פאַר איהם, אַז ער זאָל אַזאַ זאַך ניט וויסען.

אַ לאַנגע צייט איז זי אין דער נאַכט פון הושענא רבה ניט איינגעשלאָפען און האָט געטראַכט און געטראַכט און צום סוף איז זי געפאַלען אויף אַ פּלאַן. ווען זי וועט פאַרטיג ווערען מיט'ן אתרוג בענשען וועט זי ליתר בטחון אָפּבייסען ביידע עקען. דער דאָזיגער בעשלוס האָט איהר בערוהיגט און זי איז מיט אַ גרינ־גערען האַרצען איינגעשלאָפען.

נאָר ווען זי איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט איהר האַרץ געקלאַפּט שטאַרקער ווי געוואוינליך און עפּעס אַ מין ציט־טערנים איז איבערגעגאַנגען איבער איהר גאַנצען לייב. זי האָט געפיהלט, ווי זי קלייבט זיך צו בעגעהן עפּעס אַ מין גזלה, און ווער ווייסט, ווי מען וועט אויף איהר דערנאָך קוקען. נאָך אַלעמען, איז דאָך דער שמש אויך אַ מאַנסביל און עס וועט אויסקומען, אַז זי האָט זיך געבאָרעט מיט איהם.

וואָס לענגער זיי האָט געוואַרט אויפ'ן שמש, אַלץ מעהר אונ־רוהיג איז געוואָרען איהר האַרץ. און עטליכע מאָל איז דעם דאָזי־גען פריהמאָרגען האָט זי זיך בעטראַכט, אַז זי וועט קיין מחזקות ניט מאַכען, איז זי האָט זיך דעה־פ־הלט ערלייכטערט.

ענדליך איז דער שמש געקומען.

בולטער ווי אַלע מאָל איז איצט פאַר איהר אַרויסגעטראָטען

דער צער פון איהר מאן און זי האט בעשלאסען, אז עס זאל זיין וואס עס וויל, און זי וועט דעם פטום אפבייסען. זי האט אפגע־ווארט, ביז אלע שכנות זיינען פארטיג געווארען מיט'ן אתרוג בענשען און ווען עס איז געקומען איהר רייהע, האבען איהר די הענט אנגעהויבען צו ציטערען.

פאר'ן ערפאהרענעם אויג פון דעם שמש איז געוועזן גענוג צו געבען אויף איהר איין בליק און אנשטויסען זיך וואס זי קלייבט זיך צו טהאן. ער האט דעם אתרוג פון זיין האנט ניט ארויסגע־לאזט און געלאזט נאר איהר האנט אנשפארען פון אויבען און אויף דעם זעלביגען אופן האט ער דעם אתרוג איבערגעקעהרט און ווידער נאר געלאזט אנשפארען איהר האנט פון אויבען.

— א גוט יאהר! האט ער געזאגט.

און איידער זי האט זיך ארומגעקוקט איז שוין פערשוואונדען פון איהרע אויגען אפילו דער שפיץ פון דעם לולב

# ווען די קינדערשע יאָהרען האָבען זיך געענדיגט.

(סקיצע)

(זכרונות פון דער אַלטער היים)

אין יענע יאָהרען איז אַ נייער בגד, נייע שטיוועלאַך, אַ נייע היטעלע געווען אַ גאַנצע געשעהענים אויב ניט אַן עפּאָכע אין מיין לעבען. נאָך מיט וואָכען און וואָכען פאר ימים נוראים האָט די מאַמע אָפּען געוויזען ווי עס דאַרט איהר דער קאָפּ פאר איהר קליינעם טאַרעס. זי האָט מיך אין דער פריה און בייטאָג בעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, בעקוקט דאָס היטעלע, די קאָפּאָטקע, די שטי־וועלאַך און האָט זיך שטיל אָבגעזיפצט. זייער צושטאַנד איז ניט געווען קיין געהויבענער. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט זי די רעוויזיע גע׳פּטר׳ט נאָר מיט זיפצען און פּלוצים אין אַ שעהנעם טאָג האָט זי מיר ערקלערט, אַז מיר געהען נעהמען אויף אַ גאַרניטורל.

פּאַרטיג געוואָרען מיט׳ן גאַרניטורל איז שוין די טעגליכע רעוויזיע פערקלענערט געוואָרען, איצט האָט די מאַמע נאָר געהאַט אויגען פאר די שטיוועלאַך און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ סדרה פון זיפצען ביז עס איז ווידער געקומען אַ שעהנער טאָג און די מאַמע האָט מיר געהייסען רופען דעם שוסטער.

דאָס היטעלע איז געקומען גאָר צום לעצט, סאַמע ערב ראש השנה, און דאָס איז שוין געווען דעם טאַטענס אַרבייט. ער האָט מיך גענומען צום קירזשנער און איך בין שוין געווען בעזאָרגט מיט אַלע נויטיגע זאַכען, און ערשט איצט האָט די מאַמע זיך אָבגעזיפצט מיט ערלייכטערונג. אַ שווערער שטיין האָט זיך איהר אַראָפּגע־קייקעלט פון האַרצען.

זי האט אין דעם געזעהן גאטס נסים אדער חסדים. די פרנסה איז געווען שטיל און עס איז געווען שווער אויסצוקומען מיט די סאמע נויטיגע הצטרכות. זי האט גערעכענט און האט בשום אופן ניט געזעהן, ווי אזוי זי וועט קענען אפרייסען אזוי פיעל געלד פאר מיר, און זי האט שטארק מורא געהאט איך זאל ניט האבען קיין פערשטערטען יום טוב, און אז סוף כל סוף האט זיך ארויסגעוויזען, אז איך האב מיין נייען גארניטורל און די נייע שטיוועלאך און דאס נייע היטעלע, איז דאס ניט געווען קיין נס?

ביז סכות האב איך מיינע נייע בגדים שוין געטראגען פיער טעג, דאס איז געווען די צוויי טעג ראש השנה, שבת שובה און יום כפור, און איך האב שוין געקראגען אלע ווינשעוואניעס, ווי „טראג געזונט", „פערניץ געזונט", „התחדש" פון אלע קרובים און פריינד נאך פאר סכות. און הגם דער גארניטורעל איז געווען ווי ערשט פון נאדעל ארויס, און די מאלין פארב צווישען די פאדעשוועס און אבסאצען פון מיינע שטיוועלאך האט נאך געבלאנקט, אזוי ווי איך וואלט זיי ערשט צום ערשטען מאל אנגעטהאן, האט זיך שוין מסתמא דער געפיהל פון נייקייט ביי מיר אביסעל אבגעריבען. ווייל איך האב זיך געלאזט בעהערשען און בייקומען פון אן אנדער געפיהל.

איך האב אויף יום טוב אנגעגרייט זיך מיט קליינע ניס און האב אויך ניט פערגעסען צו בעזארגען זיך מיט עטליכע צווילינגס, וועלכע זיינען מזל'דיג ביים שפיעלען. דעם ערשטען טאג סכות האב איך געשפיעלט רוהיג און האב ניט פערגעסען, אז איך בין בעניים פון קאפ ביז די פיס און בין פאר מנחה געקומען אהיים זעהר אויפגערא‏מט און מיינע נייע זאכען האבען געשפיגעלט.

נאר דעם צווייטען טאג סכות האב איך זיך שוין מעהר ארייגעצויגען אין דעם שפיעל. אין דער סכה ביים ווארעמעס האב איך זיך קוים דערוואַרט צום „ד' יברך את עמו בשלום" און בין ווי אן אונטערגעשאסענער אוועקגעלאפען זוכען חברים צום שפיעלען.

מיר איז אנהויב געווען ניט מזל'דיג און האב פערלארען די גאנצע ניס און איך האב געמוזט צוריקקעהרען זיך אהיים אנפילען

א נייע קעשענע. איך האב שוין די פריהערדיגע קאמפאניע ניט געטראפען און בין אוועק אויפ׳ן שולהויף זוכען שפיעלער. דא האב איך געפונען עטליכע אינגלאך, נאר צום שלים־מזל האבען אלע געהאט נייע היטעלאך און אזוי ווי צום שפיעלען האט זיך געפאדערט א היטעל און עס האט שוין געהאלטען, אז פון דעם שפיעלען זאל גאר ניט ווערען, האב איך זיך ארויסגערופען צו געבען מיין היטעל.

אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, וואלט איך אזא זאך בשום אופן ניט געטהאן. דא איז ניט געווען אזוי די פראגע פון דעם נייעם היטעלע, ווי פון זיין בגלוי הראש. נאר דערצו האט מיך איצט געטריבען א שטארקע קראפט, און דאס איז געווען די קראפט וואס טרייבט א געמבלער צוריקגעווינען, וואס ער האט פריהער פערלארען.

מיר האבען זיך געשטעלט שפילען און דאס רעדעל האט זיך געדרעהט. דא האב איך געוואונען און דא צוריק פערלארען, מיר זיינען אלע געווען פערקאכט אין דעם שפיעל און געזעהן פאר זיך נאר דאס היטעל מיט די ניס.

איין מאל האט זיך אנגעקליבען א גאנצע היטעל ניס, און די פערקאכטקייט פון די שפיעלער איז געוואקסען. אלע א חוץ איינעם, וואס האט געדארפט שיסען, זיינען געשטאנען אין א קרייז איבערן היטעל אנגעבויגען כמעט ווי צו כורעים, און די אויגלאך האבען ביי אלעמען געברענט מיט גייציגקייט און קנאה און דער גליקליכער וואס האט געדארפט שיסען האט זיך אזש אויף די קניע געשטעלט, כדי בעסער צו שיסען.

עס איז געקומען מיין רייהע און הגם איך בין געווען געניט אין דעם שפיעל און האב געוואוסט, ווי צו שארען די ניס צוריק, כדי ביים סאמע ראנד פון וואנען די ניס דארפען ארויסגעשאסען ווערען זאלען זיי ניט ליגען אייינער אויפן אנדערן, איז דאס איצט אונמעגליך געווען צו דערווייזען. דאס היטעל איז געווען אזוי פול, אז עס איז ניט געווען קיין פלאץ, וואו אבצושארען זיי צוריק, און שיסען אין א פולע היטעל הייסט אדער אז דער נוס מיט וועלכען מען שיסט זאל פערזונקען ווערען ווי א שטיק בליי, אדער אז עס

זאָלען אַרויסשפּרינגען מעהר ווי מען ווינשט. איך האָב דאָ געהאַט אַ שווערע לייענים, און שטעהענדיג האַרט אויף די קניע, האָב איך געזוכט פערשיעדענע מיטלען ווי אַזוי איינצואָרדענען די נים אין היטעל, אַז אַנדערע קינדער אַרום מיר האָבען געשריען און געליאַרעמט, אַזוי ווי איך וואָלט דערמיט עובר געווען אויף געווּיסע געזעצען און געטריבען, איך זאָל דאָס מאַכען גיכער, האַפּענדיג, אַז וואָס גיכער איך וועל עס טהאָן, אַלץ ניט געלונגענער וועט זיין מיין שאָס.

און פּלוצים אַז איך בין אַזוי געווען אַהן אַ היטעל אונטערן הימעל און געשטאַנען אין מיינע נייע הויזען מיט די קניע אויף דער הוילער ערד און געשאַרט מיט דער לינקער זייט פון דער רעכטער האַנד די נים פון איין ברעג צום צווייטען, האָב איך דער־פּיהלט, ווי מען האָט מיך אַנגענומען פאַר'ן אויער. איך האָב האַסטיג אַ דרעה געטהאָן דעם קאָפּ און דערזעהן דעם טאַטען.

איך בין אויפגעשפּרונגען ניט טויט און ניט לעבעדיג. די חברים האָבען זיך גלייך אָפּגערוקט פון היטעל.

— שעהן אַזוי, האַ? וואו איז דיין היטעל.

איך האָב ניט געוואוסט, וואו צו בעגראָבען זיך און איך האָב קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

— ד־דאָ.

דער טאַטע האָט אויסגעשאָטען די נים אויף דער ערד, אַ טרייסעל געטהאָן דאָס היטעל אין דער לופטען און עס אַרויפגעזעצט מיר ווייט ניט צערטליך אויפ'ן קאָפּ.

— קום אַהיים!

איך האָב זיך געלאָזט געהן נאָך איהם, און האָב זיך אַפילו ניט אַרומגעקוקט, ווי די איינגלאַך וואָס האָבען מיט מיר געשפּיעלט האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אַלע פיער נאָך די אויסגעשאָטענע נים, הגם איך האָב גוט געהערט זייערע ווילדע געשרייען און זייערע רייסערייען.

ווען מיר זיינען אַריין אין שטוב, האָט זיך דער טאַטע אַנגערופען צו דער מאַמע:

— קוק אַן דיין תכשיט!

און עס איז געווען וואָס צו קוקען אויף מיר. מיין נייע קאַפּאָטקע צוקנייטשט, די נייע הויזקעס אַרום די קניע געדיכט בעדעקט מיט שטויב, דאָס נייע היטעלע צודרעהט און מיין גאַנצער פּנים אויסגעשמירט אין שוויס און שטויב.

די מאַמע האָט זיך דערשראָקען און פערבראָכען די הענד. זי האָט געמיינט, גאָט ווייסט וואָס מיר איז געשעהן.

דער טאַטע האָט זיך געאײַלט אויסצולעגען דעם גאַנצען צע־טעל. און הגם דער צעטעל איז געווען אַ שרעקליכער: גילוי ראש, אויף די קניע געשטאַנען, אַ תל געמאַכט פון דעם נייעם גאַרניטורל און נייע היטעלע, האָט די מאַמע לייכטער אָבגעאָטהעמט און דער שרעק פון איהר פּנים איז פערשוואונדען. און דאָס איז ניט געשעהן דערפאַר, וואָס דער חטא מיינער איז געווען אַ קליינער, נאָר דער־פאַר וואָס זי האָט אין דעם ערשטען מאָמענט פאָרגעשטעלט זיך, אַז מיט מיר איז עפּעס אַן אומגליק געשעהן.

זי און דער טאַטע האָבען איצט גערעדט איבער מיר, געמוסר׳ט און נאָכדעם האָט דער טאַטע אַריינגעלעגט זיין האַנד צו מיר אין די קעשענעס, אַרויסגעשלעפּט אַלע ניס צוזאַמען מיט די צווילינגס און שטרענג ערקלערט:

— מעהר קיין ניס זאָלען ניט געדאַכט ווערען. דעם זמן הויבסטו שוין אָן צו לערנען גמרא, און איצט קום צו מנחה.

די מאַמע האָט מיט דער האַנד אַרומגעפּולעט מיך אַביסעל, און מיט אַ טרוקענעם האַנטוך אַרומגעווישט מיר דעם פּנים, און איך האָב שטיל, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען געלאָזט זיך געהן נאָכ׳ן טאַטען צו מנחה און געפּיהלט, ווי מיינע קינדערשע יאָהרען האָבען זיך מיט אַמאָל געענדיגט.

# גשם.

## (זכרונות פון די קינדערשע יאָהרען)

איך בין דעמאָלט געווען אין יענע יאָהרען, ווען איך בין געוועזען פּטור פון פּיוט און יוצרות, וואָס די גרויסע, געוועהנליך, זופען, און איך האָב געמענט אין דער צייט פון דער זופענים שפּיעלען זיך אויפ'ן שוהל־הויף מיט דער איינציגער בעדינגונג, אז איך זאָל ניט זיין ווייט פון אונזער קלויז, כדי דער טאַטע זאָל מיר קענען לאָזען וויסען דורך א קלאַפּ אין פענסטער, אז עס קומט א תפלה צי א קדושה. געוועהנליך האָב איך זיך בענוצט מיט מיינע זכיות, ווייל צו די שווערע ווערטער פון פּיוט האָב איך קיין חשק ניט געהאַט. הגם איך האָב שוין דעמאָלט פערשטאַנען אביסעל די שווארצע פינטלעך. אויפ'ן שוהל־הויף איז געווען פיעל פרעהליכער. ראש־השנה און יום כפור האָב איך זיך אין דער צייט פון דעם זופענדיגען פּיוט געקענט רייצען מיט די ישוב'ניק'שע קינדער, וואָס זיינען גע־קומען אויף „יאָם־טע־דעראָאים" אין שטאָדט; איך האָב געקענט ברענגען די פאַסטען ווערכע ווייבער האָט גע'חלש'ט אין עזרת נשים; איך האָב געקענט לויפען געוואָהר ווערען, צי דער שטאָדטישער חזן פון שוהל האָלט שוין ביי „זכרונות", „שופרות" אָדער „מלכיות" און אָנזאָגען ידי עלטערע וואָס האָבען ליעב געהאַט א שטיקעלע נגינה; אין די אנדערע ימים טובים האָבען מיר, קינדער, געקענט שפּיעלען אין נים אָדער ווייזען עפּעס קונדסעריי.

דערפאַר אָבער האָב איך מיט'ן גרעסטען אונגעדולד געוואַרט אויפ'ן מוסף'דיגען פּיוט פון שמיני עצרת, הגם די עברי דאָרטען איז געווען גאָר א האַרטע און איך האָב איהר מיט מיינע יונגע ציינדלאַך בשום אופן ניט געקענט צובייסען. איך האָב געוואַרט

מיט אונגעדולד אויף די תפלה פון גשם, ווייל יענע תפלה איז אין מחזור בעגלייט מיט אילוסטראציעס פון די צוועלף מזלות, און דער ליב און דער עקדעש, און די בתולה און די שאלען האבען פיעל גערעדט צו מיין קינדערשער פאנטאזיע. זיי האבען מיר געוויזען א וועלט פון געהיימניסע, זיי האבען מיר ענטפלעקט זאכען, וואס דאס פשוט'ע אויג האט ניט געקענט זעהען, און וואכען לאנג נאכדעם ווען איך פלעג זיין ביינאכט אין דרויסען האב איך מיט די אייגען געזוכט צווישען די שטערען ערוואַרטענדיג צו געפינען דאַר־טען א ציעג מיט א באַרד, א קליין אינגעל, וואס שיסט פון פייל און בויגען, א ברונען מיט א באביצע, א קוה מיט פולע אייטער און דאס גלייכען, און אויב אפילו מיר האט קיין מאל ניט געגעליקט צו כאפען א בליק פון די דאזיגע הימלישע בעשעפעניסען, האב איך אבער געוואוסט, אז זיי זיינען דארטען פאראן. די דאזיגע אי־לוסטראציעס האבען אין איין גאנג אויך געעפענט פאר מיר א שפעל־טעלע פון דער וועלט פון קונסט. אין יענע יאהרען האב איך פון מאלעריי געזעהן נאר א „מזרח" און, להבדיל אלף הבדלות, א גרויסען אויג אויפ'ן פוילישען קאסטיאל. און עס איז געווען טשי־קאווע צו זעהן אין א היילינען ספר אזוי פיעל געמעלעכץ מיט אמאל. די תפלה פון גשם האט דאריבער געקריגען אין מיינע אויגען גאר אן אנדער חן.

ווי געזאגט, האב איך שוין דאן פערשטאנען אביסעל פרוש המלות, נאר די עברי פון דער דאזיגער תפלה איז א צו הארטע און דער איינדרוק פון די געמאלטע מזלות איז געווען אזא, אז מיין קעפעל האט זיך ניט געקאנט אפשטעלען אפילו אויפ'ן צעהנטען וואָרט און איך האב דאריבער ניט בעמערקט די ריכטיגע בעדייטונג פון דער תפלה. נאר ווען איך בין געגאנגען צוריק פון קלויז מיט'ן טאטען און געזונגען אונטער דער נאז: „לברכה ולא לקללה", „לשובע ולא לרזון" מיט'ן שטאלצען דריידעל פון אונזער חזן, איז מיר פלוצים אויך אריין אין מויל דער זאץ „משיב הרוח ומוריד הגשם", וואס דער חזן האט ניט לאנג אויסגעזונגען אויף א הויכען קול.

און גלייך האט מיר א בלאז געטהאן אן אסיענדיגער ווינט,

און איך האָב געקענט פיהלען דעם שטעכענדיגען רעגען, וואָס קומט צוזאַמען מיט'ן ווינט, אַ רעגען וואָס גנב'עט זיך דורכ'ן קאַלנער אין רופט אַרויס בלעזלאַך אויפ'ן לייב. אַ רעגען וואָס וואַרפט אַז אַ מרה־שחרה אויף אַלעמען און מאַכט ניט ניחא דאָס לעבען. און ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרען, אַז די תפלה פון גשם איז געווען אויף אַ ווינט און אויף רעגען.

משיב הרוח ומוריד הגשם, ער מאַכט בלאָזען דעם ווינט און גיסען דעם רעגען.

— טאַטע! — האָב איך זיך געווענדעט צום פאָטער, — בעט מען ניט אין גשם אויף רעגען?

— יאָ, מיין זוהן, — האָט דער טאַטע געענטפערט זעהר צופריעדען, — וואָס מיין יונג מוח'ל איז אַריינגעטהאָן אין תפילות און ער האָט מיר דערפאַר געהענדיג אַ גלעט געטהאָן איבער'ן קעפעל.

— צו וואָס דאַרף מען איצט רעגען? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— נאַרעלע, דאָס בעטען מיר ניט פאַר חוץ לארץ, דאָס בעטען מיר פאַר ארץ ישראל.

— און דאָרטען דאַרף מען איצט רעגען?

— געוויס דאַרף מען דאָרטען רעגען, אַז ניט וואָלט אַזאַ תפלה ניט געווען.

דער דאָזיגער ענטפער האָט מיר אַ ווײַלע ניט נאָר בערוהיגט, נאָר געגעבען נאָך מעהר שפּייז מיין פאַנטאַזיע. דער דאָזיגער ענטפער האָט פאַר מיר ווידער געעפענט אַ ברעג פון דעם שלייער, וואָס פערדעקט יענע צויבער־וועלט, וואָס רופט זיך ארץ ישראל. דער זעלבער רעגען, וואָס וואַרפט דאָ אַן אַזאַ אימה און חושך איז אַ גאָטס ברכה אין דער לאַנד פון מילך און האָניג און „גיסט דאָרט אַז די זאַנגען און מאַכט זיס די פירות“, ווי איך האָב פערשטאַנען פון די עטליכע ווערטער וואָס איך האָב געכאַפּט אין דער תפלה. פערזונקען אין מיינע געדאַנקען בין איך מיט'ן טאַטען געגאַנגען שטיל, ביז מיר זיינען געקומען אין שטוב, אָפּגעגעבען דעם ברייטען „גוט יום טוב“ און דאַן אַריבער אין דער סוכה.

— היינט זאָגט מען ניט „לישב בסכה“, — האָט מיר דער טאַטע בעמערקט.

אין סכה איז איצט געווען אַ שטימונג ווי ביי צונויפגעפאָהרע־נע געסט אויף אַ חתונה נאָך דרשה־געשאַנק. די לופט איז גע־וואָרען קעלטער, ערגעץ האָט אַ ציעג אַראָפגעכאַפּט אַ שטיקעל סכך, און עס האָט זיך בעמערקט עפּעס אַ מין איילעניש.

— לאָזט ניט קיהלען די זופּ, — זאָגט אָן די מאַמע דורכ׳ן פענסטער.

און דער טאַטע כאַפּט איהר איבער און זאָגט צו מיר:

— לאָז ניט קיהלען, לאָז ניט קיהלען די זופּ.

— טאַטע! — האָב איך פּלוצים געפרעגט: — מיר זיינען דאָך איצט אין גלות?

— יאָ, מיין קינד, — האָט דער טאַטע געענטפערט מיט אַ זיפץ, ניט דערטראָגענדיג דעם לעפעל צום מויל. נאָר זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ צופריעדענהייט, וואָס מיינע געדאַנקען זיינען פערנומען מיט דער תורה, מיט׳ן פאָלק ישראל, מיט׳ן גלות און דאָסגלייכען.

— און ווער איז איצט אין ארץ ישראל?

— דער תוגר.

— זיינען דאָרטען גאָר קיין אידען ניטאָ?

— אַ ביסעל אידען. דו געדענקסט, דער ירושלמי וואָס דאָ איז געווען און האָט גערעדט לשון קודש? ער איז געווען אַ ארץ־ישראל איד.

— זיינען דאָרטען מעהר אידען ווי דאָ?

— אָה, ניין. דאָרטען זיינען דאָ זעהר ווייניג.

— און זיי לעבען יעדער אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים?

דער טאַטע האָט זיך ווידער אָפּגעזיפצט, ווי אַ געפאַלענער בעל הבית, ווען מען דערמאָנט איהם זיין אַמאָליגע גרויסקייט און תקיפות, וואָרים צו יענער צייט האָט מען נאָך פון אידישע קאָלאָ־ניסטען ניט געהערט, און ער האָט געענטפערט:

— ניין, מיין קינד, צייט מיר זיינען פערטריעבען געוואָרען

פון אונזער לאנד, האבען מיר שוין מעהר ניט קיין וויינשטאקס און קיין פייגענבוימער. אה, די זופ איז שוין גאר קאלט געווארען.

א ווייל'ע זיינען מיר אנשוויגען געווארען, און עס האט זיך נאר געהערט ווי מיר האבען געשווינד געשלונגען אונזער זופ.

נאכ'ן זופ האב איך זיך פלוצים דערמאנט:

— אה, זיי האבען דארטען איצט באקסאר בוימער!

דער טאטע האט מיר א ווייל'ע אנגעקוקט ווי ער וואלט ניט פערשטאנען, וואס איך מיין דערמיט. דאן האט ער זיך געכאפט און געענטפערט:

— אודאי, אודאי זיינען דארטען פארהאן באקסאר בוימער.

דערביי האט ער ווידער א זיפץ געטהאן, ווי ער וואלט מיר דערמיט וועלען זאגען, אז מיר האבען געהאט א סך, א סך טייערע זאכען, נאר צוליעב אונזערע שווערע זינד האבען מיר זיי פערלארען.

— און יעדער ארץ ישראל איד זיצט אונטער זיין באקסאר בוים?

— ניין, מיין קינד, איצט האבען אידען גאר ניט.

— די באקסאר בוימער אויך ניט?

— ניין.

דאס האט מיר אויסגעוויזען זעהר טשיקאווע. געוועהנליך, חמשה עשר בשבט פלעג איך קויפען באקסארען און מיר האט עפעס אויסגעוויזען, אז דאס שיקען צו די אידען פון ארץ ישראל כדי מיר זאלען ניט פערגעסען אונזער לאנד. און איך האב דער־ווייל פערלארען דעם פאדים פון מיינע געדאנקען.

— וואס טהוען די ארץ ישראל אידען? — האב איך גע־פרעגט.

— זיי געהען צום כותל מערבי און בעטען גאט פאר'ן כלל ישראל אן פאר זיך.

— און זיי פאסטען? — האב איך געפרעגט פערוואונדערט, ווייל מיר האט אויסגעוויזען, אז אויב די ארץ ישראל אידען האבען ניט קיין וויינשטאקס און קיין פייגענבוימער און קיין באקסאר בוימער און די איינציגע זאך וואס זיי טהוען איז צו שטעהן ביים

כותל מערבי און מתפלל זיין, זיינען זיי עפעס רוחניות־מענשען און קענען זיך בעגעהן גאר אהן עסען.

— אודאי פאסטען זיי, — האט דער טאטע געענטפערט.

— טאקע אלע מאל?

— וואס הייסט אלע מאל?

איצט האט דער טאטע מיך אנגעקוקט פערוואונדערט, און זיין בליק האט דייטליך געזאגט: א קינד בלייבט א קינד.

— שטענדיג? — האב איך געפרעגט אין פערלעגענהייט.

— נארעלע, ווי קענען מענשען פאסטען שטענדיג. זיי האבען דארטען די זעלבע תעניתים ווי מיר, און ווי גאר פרומע אידען פאסטען זיי אודאי יעדען מאנטאג און דאנערשטאג.

— אה, אזוי ווי די מוהמע ביילע?

מיין מוהמע ביילע איז געווען זעהר א פרומע אידענע און א חוץ אלע תעניתים האט זי געפאסט יעדען מאנטאג און דאנערשטאג.

— יא, כדומה למשל ווי די מוהמע ביילע.

— און זיי זיינען אויך קרעמער ווי די מוהמע ביילע?

— קרעמער? — האט דער טאטע איבערגעפרעגט. און עס איז געווען גרינג צו זעהן, אז ער איז ניט גאנץ זיכער, וואס אידען טהוען איצט אין ארץ ישראל.

א קורצע ווייַלע האט ער געטראכט און דאן געענטפערט:

— מסתמא ניט.

— פון וואנען לעבען זיי?

— מען קלייבט פאר זיי געלט אין די רבי מאיר בעל הנס פושקעס.

דערווייל האט מען דערלאנגט פלייש צום טיש מיט דער זעל־ביגער הזהרה, מען זאל עס ניט לאזען קיהלען און תיכף נאכ׳ן פלייש איז געקומען דער צימעס. אין מיטען צימעס האב איך ערשט גע־כאפט דעם פאדים פון מיינע אפגעריסענע געדאנקען.

— טאטע, — האב איך געפרעגט, — א זמיר האבען ניט אין ארץ ישראל ניט קיין וויינגערטנער, ניט קיין פייגענבוימער און אויך ניט קיין באקסאר־בוימער — פאר וועמען בעטען מיר גשם?

— געהערט א משל! — האט דער טאטע א קוועטש געטהאן

מיט די פּלייצעס. און בכן, אז מיר האָבען ניט קיין וויינגערטנער און קיין פייגענבוימער און קיין באָקסאר־בוימער, איז וואָס? וואָס איז דערפון נתפעל צו ווערען? עס דעם צימעס, ער וועט קאַלט ווערען. דער צימעס איז אַ מחיה, ער צוגעהט איבער די גליעדער.

און אזוי גיך ווי מיר זיינען פארטיג געוואָרען מיט׳ן צימעס האָט מען שוין געדאַרפט בענשען און אין מיטען בענשען איז אָנ־געקומען מיין חבר בערעלע, מיט וועלכען איך האָב געדאַרפט געהן קלייבען ליכט פאר דער שמחת־תורה׳דיגער אילומינאציע אין אונזער קלויז, און די פראַגע וועגען גשם, וואָס איז אין אָנפאַנג געווען אזוי קלאָר אין מיין קינדערשען קעפּעל איז געוואָרען פערפּלאָנטערט און איז אריין אין יענעם גבול, וואו די בתולה און די ציעג און דער צווילינג און די שאָלען זעהן זיך אזוי קלאָר, אז מען האָט זיי גע־קענט אָפּמאָלען און דאָך קענען אנדערע ניט כאַפּען דעם מינדס־טען בליק פון זיי. דער גשם איז פאר מיר געבליבען נאָך אַ גע־היימניס, ווי פיעל אנדערע געהיימניסע.

# ביים בראקען טאלער.

די שמחת תורה'דיגע סעודה האט זיך געענדיגט שפעט אין אבענד און דאס איז געווען די ערשטע סעודה אין דעם גרויסען יום טוב סכות, וואס די גאנצע הויזגעזינד איז געזעסען ביי איין טיש און די שמחה איז דערפון געווען פיעל גרעסער. אלע האבען גע־פיהלט די צוזאמענקונפט פון דער גאנצער הויזגעזינד, נאכדעם ווי זיי זיינען געווען געשיידט א לאנגע צייט און מעהר פון אלעמען האט עס געפיהלט חנה דבורה, ביי וועלכער דער גרויסער יום־טוב איז געווען פערשטערט, וואס ביים עסען איז די פאמיליע צושפאל־טען געווארען אין צווייען.

חנה דבורה'ס מאן, שמואל דער נאמן, הגם ער האט אליין געבויט די סוכה, איז ער אבער דארטען ניט געזעסען אליין. דארטען האבען געגעסען די שכנים פון זיין הויז און פאר א אידענע האט ניט געפאסט צו זיצען צווישען פרעמדע מאנסביל. א חוץ דעם איז סכות א גרויסע הכבדה צו דערלאנגען די יום טוב'דיגע געריכ־טען פון שטוב אין סוכה, און אז זי וואלט געזעסען אין סוכה וואלט ניט געווען ווער עס זאל דערלאנגען דאס עסען, און נעהמען אלע געריכטען מיט אמאל קען מען ניט, אזוי אויך, ברוך השם, ווערט יי זופ און דאס פלייש און דער צימעס קאלט, איידער מען קוקט זיך ארום.

אויף אזא אופן איז חנה דבורה דעם גאנצען סכות ביי די סעודות געזעסען אליין מיט דער קלייגער טאכטער ביים טיש און עס האט זיך געפיהלט א מין אבלות ביים עסען. עס איז ניט נאר געווען אומעדיג, נאר איהר הארץ איז איהר ארויסגעפאלען, אז דער מיזיניק משה'לע, וואס איז געזעסען מיט'ן טאטען און עלטערען ברודער אין סוכה, וועט זיך געווים ארויסמאכען פון עסען. מען

דארף שטעהען איהם איבער'ן קארק און ממש שטופען איהם דעם לעפעל אין מויל, און דער טאטע און דער עלטערער ברודער וועלען עס ניט נאר ניט טהאן, נאר זיי וועלען עס אפילו ניט בעמערקען.

דער אמת'ער יום טוב האט זיך פאר איהר אנגעהויבען ערשט שמחת תורה צו דער סעודה. זי האט ווידער געהאט איהרע עופ'עלעך ארום זיך און דער מאן איז געזעסען אויבען אן און זי האט אלעמען געקענט צוזעהן, הגם קיינער האט שמחת תורה ביי־נאכט ניט ארויסגעוויזען קיין גרויסען אפעטיט. נאר אלע זיינען געווען פרעהלאך און דער מאמעס הארץ האט אנגעקוואלען פון זייער אלעמענס פרעהליכקייט.

די סעודה האט זיך פערצויגען שפעט. מען האט געזונגען און מיטען עסען און מען האט דערצעהלט פרעהליכע זאכען און געמאכט וויצען איבער די קרעפלאך און מען האט זיך גאר ניט געקענט אפרייסען פון טיש. נאר אפילו שוין נאכדעם ווי אלע האבען זיך אויפגעהויבען, האט קיינער ניט געדענקט וועגען געהן שלאפען. שמואל האט אונטערגעברומט אן „אגיל ואשמח" און דער מוזיניק האט איהם אקאמפאנירט. חנה דבורה האט זיך געשטעלט צוגריי־טען דעם צימעס אויף מארגען.

די קליינע פויגעל איז געווען זעהר שלעפעריג, נאר זי האט בשום אופן ניט געוואלט געהן אין בעט. זי האט זיך אנידערגע־זעצט ביים טיש, פערלעגט איין הענטעל איבערן צווייטען און אנ־געשפארט אויף זיי דאס קעפעל און געקוקט ווי די מאמע האט געשאבען די מערען. נאר די אויגען האבען זיך ביי איהר אנגע־הויבען צו קלעפען און זיי האבען זיך נאר ווייט אויפגעריסען, ווען חנה דבורה האט איהר געהייסען געהן שלאפען.

— ניין, איך וויל ניט שלאפען, האט זי פראטעסטירט.

און נאך איידער חנה דבורה האט זיך געשטעלט מערען מאכען, איז זי שוין געשמאק געשלאפען.

— אגיל ואשמח בזאת התורה! האט שמואל אונטערגעברומט, פיפקענדיג זיין ליולקע.

די מאמע האט אוועקגעטראגען פויגלען אין בעט און צוריק־געקעהרט זיך צו דער ארבייט.

זי האָט איצט די מערען פאַרן בראָקען ניט צושניטען אין דער לענג, ווי מען טהוט אַ גאַנץ יאָהר, נאָר זי האָט גענומען בראָ־קען זיי, ווי זיי שטעהען און געהען, און פון אונטערן מעסער זיינען געפאַלען קיילעכדיגע „טאַלער".

עס איז איהר געפעלען געוואָרען, ווי גיך זי מאַכט טאַלער. מי יודע, ווי רייך זי האָט געקענט ווערען. ווען מען זאָל אַזוי גיך קענען מאַכען טאַלער!

דער צופריעדענער שמייכעל האָט אַ לענגערע צייט געשוועבט אויף איהרע ליפען און דערנאָך איז ער ווי פערגליווערט געוואָרען. אין די אויגען האָט זיך בעוויזען אַ אומעדיגקייט.

עס האָט איהר מיט אַמאָל אויסגעדוכט, אַז דאָס זיינען די טאַלער, וואָס די ימים נוראים און דער גרויסער יום טוב האָבען אויפגעגעסען. אַזוי זיינען די טאַלער געפאַלען און מאָרגען ביי־נאַכט איז שוין אוים יום טוב, אוים פרעהליכקייט, און לעדיגע קע־שענעס.

זי קוקט אויף די קיילעכדיגע געלע טאַלער און די וואַכעדיגע געדאַנקען שטויסען זיך איהר אין קאָפּ.

— אַזוי איז אַ סוף פון אַלץ, אָט איז געווען יום טוב, פרעה־ליך געווען, געהוליעט, געזונגען. און מאָרגען דאַרף דער קאָפּ ברע־כען אויף דער וויסטער חיונה. און אַזוי איז דאָס גאַנצע לעבען. ווי לאַנג איז דאָס, ווי זי איז געווען, ווי איהר פויגעלע, אַ יונגע קינד און, ווי פויגעלע, האָט זי שלאָפען ניט געוואָלט געהן און געזעצט זיך ביים טיש קוקען ווי די מאַמע בראָקט די טאַלער, און איצט איז זי שוין מעהר ווי אַ האַלבען וועג אריבער און ווי לאַנג וועט געדויערען איבערצוגעהן דעם קורצען וועג.

עס דאַכט איהר, אַז זי הערט ווי דער אַסיענדיגער ווינד האָט אָנגעהויבען צו פייפען אין קוימען, און אַ טיעפער אומעט האָט ארומגעכאַפּט איהר נשמה.

— אגיל ואשמח בזאת התורה.

זי האָט געענדיגט דעם לעצטען טאַלער, אַ קליינציקער טאַ־לערעל, צוזאַמענגענומען אַלע אָנגעבראָקטע און דערזעהן ווי פרעה־לאַך איהר שמואל איז און זי האָט ווי פערזיינדיגט זיך אָנגערופען:

— וואָס זאָגסטו דערצו, איך האָב כמעט פערגעסען, אז היינט איז שמחת תורה.

— אָגיל ואשמח בזאת התורה — ה—! האָט שמואל געענט־פערט.

# אוים יום טוב.

## שמחת תורה בייטאָג.

אַרום טיש זיינען געזעסען און געשטאַנען אַ פּאָר צעהנדליג מענשען, און די שמחה האָט מעהר געהאט דעם כאַראַקטער פון אַן שנגען קרייז. די פערזאַמעלטע, מיט איין אויסנאַהמע, זיינען געווען געבעטענע.

נעכטען אין אַבענד איז ביי אונז אין שטוב אויך געווען אַ שמחה. דער טאַטע איז געווען איינער פון די גבאים אין קלייזעל, און אויף זיין כבוד איז אויסגעפאַלען, אַז די שמחה זאָל זיין ביי אונז אין שטוב. נעכטען זיינען דאָ געווען פערזאַמעלט אַלע פון די אויבען־אַניגע ביז די הינטער־אויוועגדיגע און כל הנערים אַריינגערעכענט. די שטוב איז געווען פול מיט מענשען און עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ יריד. דער טאַטע און אַלע שטוביגע האָבען זיך אפילו ניט צוגעזעצט. מען האָט געדאַרפט זעהן, אַז קיינעם זאָל גאָר ניט פעהלען. אפילו איך האָב געהאַלטען אין איין אַרומלויפען,— דאָ האָט אויסגעזעהן, אַז עס וועלען פעהלען פּירושקעס און איך בין געלאָפען צוביילע די אַלמנה, אַז זי זאָל גלייך צושיקען נאָך אַ שאַק, אָדער צו פייגע די סעמערניצע, זי זאָל גלייך ברענגען עפּעל, אָדער צו אברהם איטשע דעם שענקער נאָך בראַנפען. אין אַזאַ יריד קען מען קיין מאָל ניט וויסען, פיעל אָנצוגרייטען, און די עובדה אכטונג צו געבען אויף דעם האָבען געהאט בעריל דער הויכער און אברהם'ל דער לוסטיגער. זיי האָבען זיך אליין געמאַכט פאַר סאַרווערס, און אַזוי איז דאָס שוין געווען ביי יעדער שמחה פון אונזער קלייזעל, עס מאַכט ניט אוים ביי וועלכען גבאי די שמחה איז געפּראַוועט געוואָרען.

איצט, שמחת תורה ביטאג, איז די שמחה געווען גאר אן אנדערע. דאס איז געווען א שמחה פאר אייגענע מענשען. די צוויי סארוועדם האבען נעכטען ניט נאר געהאט אן אויג, אז עס זאל ניט פעהלען ביים טיש, נאר האבען אויך אויסגערעכענט, אז עס זאל בלייבען געננוג יתור אויף היינט און זיי זיינען געווען די גאנצע טהוערם דעריין. זיי האבען היינט אין דער פריה ביים דאווי־נען געלאזט וויסען בלחש וועמען מען האט געדארפט, אז נאך וואַ־רעמעס זאל מען קומען צו אונז. די געבעטענע זיינען געווען די פני פון קלייזעל. דא איז געווען אברהם איטשע דער שענקער, א בעיאהרענטער איד מיט א בלאנדע בארד וואס האט שוין אנגעהויבען צו ווערען גרוי, מיט א אינגעלשען קול'כעל. ער האט בין מנחה למעריב און שבת ביי טאג געזאגט עין יעקב פאר'ן עולם. דער פרוש וואס האט ביי אונז שבת געגעסען, א יונגערמאן מיט א געלע בערדיל, וואס האט זיך געבויגען אונטער דער מארדע פון דעם שטענדיגען גלעטען אין יענער ריכטונג. ער האט געהאט זעהר אן אויסגעבלייכטען פנים מיט בלייכע דארע הענט. די בלייכקייט האט זיך מעהר געווארפען אין די אויגען דערפון, וואס דער פנים און די הענט זיינען געווען בעדעקט מיט שטארק געלע פלעקען אין עס האט אויסגעזעהן, ווי זיין הויט האט געהאט צוויי קאלירען. שארף אפגעטהיילט איינער פון אנדערן. איסר דער גבאי, א בריי־טער איד מיט א שווארצע בארד, מיט קודלעוואטע האר, מיט א בראדאווקע אויף דער אונטערשטער ליפ. משה קאמענעצקי, א מי־טעלער איד מיט א פיינעם בייכעל, מיט א רויטען קארק, מיט א קליין שווארץ בערדיל, מיט ווענינ האר ארום די באקען, וויי'ל ער האט שטענדיג געהאלטען אין איין צופען די האר. נאך עטליכע אויבענאניגע, בעריל חער הויכער און אברהם'ל דער לוסטיגער, עט־ליכע קרובים און דער אונפערמיידליכער וועלוועל דער הויקער.

וועלוועל דער הויקער איז געווען דער איינציגער וואס איז גע־קומען ניט געבעטענערהייד. ער איז געווען אן ארימער פראסטער אידעל און האט געהאט אן אייביגען כעס אויף די פיינע מענשען אין קלייזעל. ער האט געהאט א מאוס'ען מויל און האט אויסגע־זעהן, ווי ער האט שטענדיג געזוכט עפעס א מחלוקה. זיין גרעסטער

פערגניגען איז געווען צו צוגיסען בוימאויל צו א פייער. האט זיך אנגעהויבען א שטיקעל צאנקעריי צווישען צוויי צדדים, איז אין איהם ווי א נייע נשמה אריין — מיט חשק האט ער גענומען העצען איין צד אויפ׳ן צווייטען. ער האט געהאט אן איינגעבארענע שנאה צו די אויבענאניגע און ער האט אנגעקוואלען, ווען ער האט זיי געקענט אנטרעטען אדער אפטהאן עפעס א שפיצעל. קיין הויקער האט נאך מיט אזא ווירדע ניט געטראגען זיין הארב ווי ער. עס האט אויסגעזעהן אזוי ווי ער וואלט פון זיין מום געמאכט פאר זיך עפעס א ציערונג. מיט זיין לינקען אקסעל שטענדיג אויפגעהויבען האט ער געמאכט דעם איינדרוק ווי איינער, וואס האלט זיך אין די באקעם, גאר מעשה בריה. ניט אנגענומען ביי די פיינע מענשען אין קלייזעל און ניט האבענדיג קיין שטאדט אויבענאן, האט ער ניט נאכגעגעבען און ניט צופריעדענגעשטעלט זיך מיט׳ן הינטער׳ן אויווען. ער האט זיין מקום מנוחה געמאכט אין דעם פאדער שטיבעל, פון וואנען א טהיר האט זיך געעפענט צום קלייזעל, און כדי ארויסצואווייזען זיין פראטעסט שארפער, האט ער אויסגעפיהרט, אז צום אויסנעהמען זאל זיין א קריאת התורה אין פאדער־שטיבעל בעזונדער, וואו ער איז געשטאנען מיט׳ן טייטעל און איינגעטהיילט עליות. ארויסנעהמען די תורה און אריינשטעלען אין ארון איז געווען זיין עובדה, און ער האט ממש אנגעקוואלען, ווען די גאנצע קלייזעל האט זיך געדארפט אויפהויבען צוליעב איהם. און הגם אויפגעהויבען האט מען זיך צוליעב דער ריינינקייט, האט ער אבער געוואוסט, אז דאס איז זיין אויפטהו.

עס קען זיין, אז פון דער „בלחש׳ער איינלאדונג“ האבען געוואוסט נאך עטליכע, אבער קיינער פון זיי האט ניט געדענקט צו שפארען זיך, וואו מען בעט ניט. פאר וועלוועלען אבער איז דאס שפארען זיך געווען א נחת. וואס הייסט זיי וועלען זיך מאכען א שמחה׳לע אויף זיין רעכנונג? ער דארף זיי ווייזען, אז ער קוקט זיי אויף די פינגער. ער ווייס, אז קיינער צאהלט דא ניט פון זיין איינענער קעשענע, דאס געלט געהט פון קהל׳שער פושקע אין קלייזעל. ער האט הושענא רבה אין דער פריה אריינגעווארפען דריי הארטע צעהנער אין דער קערה פאר׳ן אתרוג בענשען. און מען

האט נאך איהם געקוקט אין די צייהנער. דער גבאי ביי דער קערה האט איהם געזאגט, או דאס איז ניט געגוג. ער איז א חכם א גבאי און האלט איבער דער קערה א לעדיגען טעלער, צו זעהן פיעל יעדער ווארפט אריין. ער האט איהם אפילו געסטראשעט, אז אויב ער צאהלט ניט מעהר פאר'ן אתרוג בענשען, וועט ער איהם ניט לאזען נעהמען קיין רייניגקייט. אדרבה, דאס טאקע וואלט ער וועלען זעהן.

די פערזאמעלטע זיינען געקומען פארטיג אין א יום־טוב'דיגען מוטה. דער פרוש האט ביים ערשטען לחיים א וויש געטהאן מיטביידע הענט אן אלע שויבען פון דעם פענסטער, נעבען וועלכען ער איז געזעסען, און האט אויסגעזונגען:

לחיים, לחיים,
עד בלי שמים,
לשנה הבאה בירושלים.

דער עולם האט דעם פזמון אונטערגעכאפט, זשעדנע עפעס צו זינגען. נאר ער איז געווען צו קורץ, אז ער זאל לאנג קענען אנהאלטען. אברהם'ל דער לוסטיגער האט געזאגט א פאר המצאות, נאר די פרעהליכקייט איז ניט געוואקסען. און עס האט זיך ממש געבעטען עפעס צו זינגען. די פרעהליכע הערצער זיינען געווען אנגעסטראיעט אויף געזאנג, די סטרונעס זיינען געווען אנגעצויגען, נאר עס האבען געפעהלט די פינגער, וואס זאלען קענען ארויסרופען די הארמאנישע קלאנגען. ניט געוואוינט א גאנץ יאהר צו שמחות, סיידען ווען עס האט זיך געמאכט א חתונה, און דער בדחן האט משמח געווען דעם עולם, אדער א ברית, און דער חזן האט עפעס געזונגען, האבען זיך די פערזאמעלטע דערפיהלט האלב פערלארען, ווען זיי האבען אליין געדארפט ארויסווייזען זייער פרייד. די גלעזלאך זיינען געגאנגען פון מויל צום מויל, די פלעשלאך האבען זיך וואס ווייטער אלץ טיעפער געבויגען, די פירושקעס זיינען אלץ פערמינערט געווארען אין די טעלער, די פנים'ער זיינען געווארען רויטער, די אויגען גלאנציגער, נאר דער געפיהל פון שמחה האט בשום אופן ניט געפונען קיין וועג ווי ארויסצורייסען זיך. אונטער דער נאז האט זיך יעדער עפעס אונטערגעברומט א נגונ'דעל, וואס

האט ארומגעבלאנדזשעט אין מארך פון די פערשיעדענע תפילות און פיוטים, אומעטיגע ימים נוראים׳דיגע אדער פרעהליכע יום־טוב׳דיגע. פון צייט צו צייט האט אויסגעזעהן, אז א געוויסער נגונ׳דעל ועט באלד אויפגעכאפט ווערען פון אלעמען, ער האט זיך געהערט העכער פון אלע אנדערע, און מעהר מענשען האבען איהם אויסגעברומט, נאר ער האט זיך באלד איבערגעריסען און מען האט ווידער געמאכט לחיים.

די טהיר האט זיך געעפענט און אין שטוב איז אריין גרונם דער בעל תפילה, אן אויסגעמאגערטער, אויסגעדארטער אידעל פון עטליכע און דרייסיג יאהר, מיט א שווארצליכע בערדיל, מיט שי־טערע וואנסען. ער איז שטענדיג געווען אזוי אפגעשוואכט, אז פאר ימים נוראים האט מען מורא געהאט, אז ער וועט ניט אויסהאלטען די גרויסע אנשטרענגונג וואס א שליח צבור דארף מאכען און דעם שווערען יום כפור׳דיגען תענית, נאר אויף מארגען נאך יום כפור האט ער אויסגעזעהן פיעל געזינטער ווי א גאנץ יאהר.

ער איז אריין אין שטוב מיט א ברייטען „גוט יום טוב, גוט יום טוב!" און גלייך נאך איידער מען האט איהם געענטפערט און נאך שטעהענדיג מיט איין פוס אויפ׳ן שוועל, האט ער אנגעהויבען צו זינגען און פאטשען מיט די הענט:

— שישו ושמחו בשמחת תורה ותנו כבוד לתור־ר־רה!

דאס לעצטע ווארט האט ער אויסגעצויגען אויף א קונדס׳דיגען אופן און איז צוגעקומען צום טיש.

געוועהנליך איז דער בעל תפלה, הגם א איד א למדן וואס איז שטענדיג געזעסען איבער א ספר, ניט געווען שטארק אנגענומען ביים עולם. נאר איצט האט מען זיך מיט איהם דערפרעהט, ווי ער וואלט געווען דער בעסטער גאסט.

ער איז שוין א פארטינער, — האט וועלוועלע דער הויקער גע־מאכט א בעמערקונג סתם אין דער וועלט אריין.

גרונם האט געהערט די בעמערקונג און ער האט זיך גוט־מוטהיג א קעהר געטהאן צו וועלוועלען און געזאגט מיט א שכור׳ען קול:

— דו, שקאַץ, גיס אַן און איך וועל דיר ווייזען אַז איך בין נאָך ניט פאַרטיג.

עטליכע הענט האָבען זיך אויסגעשטרעקט אַנצוגיסען איהם.

ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזעל און האָט אָנגעהויבען צו טרייסלען מיט'ן קאָפּ, ווי אַ אינגעל וואָס האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון אונטער'ן וואַסער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אונטער־געטונקט. און נאָך איידער ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער פּירושקע, האָט זיך וועלוועל צו איהם געווענדעט:

— רבי גרונם, זייט מכבד מיט אייער טערקישען!

אַ נאַרעשער, שכור'ער שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף גרונם'ס געזיכט. ער האָט אַ פּזמון, וואָס די פּראָסטע מענשען אין קלייזעל האָבען גערופען טערקיש. צו דאָס איז געווען דערפאַר וואָס די ווערטער האָבען געקלונגען פאַר זיי טערקיש, צו דערפאַר וואָס דער נגון איז געווען אָריענטאַליש, נאָר אַזוי איז שוין דער פּזמון געווען בעוואוסט.

גרונם האָט זיך איצט שוין ניט געלאָזט בעטען. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אויסגעהוסט, מעשה בעל תפילה, און אָנגעהויבען צו זינגען:

וי לן דחטאנו,
וי לן דפשענו...
ברם אנן
מחכי אנן
ברם אנן
מצפי אנן
קודשא בריך הוא
יפרוק לנו
מן גלותנא.

דער עולם האָט מיט האַלב שכור'ע קולות אונטערגעכאַפּט דעם רעפריין און דער געזאַנג איז אַלץ לעבעדיגער און לעבעדיגער גע־וואָרען. איבערהויפּט איז דעם עולם שטאַרק געפעלען געוואָרען דער נגון ביים לעצטען וואָרט גלותנא, וואָס מען האָט אויסגעצויגען

טיעף דורך דער נאז. דעם זמר׳ל האט מען געקענט זינגען אהן א שיעור. אלץ וואס גרונם האט גערארפט איז געווען צוצוגעבען אויף „טערקיש“ א פאר ווערטער פון „אשמנו“. וואס ווייטער האט ער זיך אלץ מעהר געציקעלט און מעהר העויות געמאכט ביים „ווילן“ און דער עולם האט אלץ טיעפער אין נאז געענדיגט דעם רעפריין מיט גלותנא.

אין שטוב איז געווארען אמת שמחת תורה׳דיג. דער עולם האט זיך ניט בענוגענט מיט רייסען די העלזער, מען האט געקלאפט מיט די הענט און מיט די פיס אין טאקט, און ביי יעדען אתנחתא אין דעם נגון האט יעדער זיך געסטארעט ארייצוגעבען עפעס א קונדס׳דיגען בויג אין קול, א ווייסען־חברה׳שען קוויטש, און וואס קונדס׳דיגער און ווייס־חברה׳שער דער אויפטהו איז געווען, אלץ גרעסער איז געווארען די שמחה און שטארקער האט זיך געהערט דאס פאטשען מיט די הענט און דאס קלאפען מיט די פיס.

די שמחה איז געווען אויף דער העכסטער מדרגה, און עס האט אויסגעזעהן, אזוי ווי די גאנצע פרייד פון דעם גרויסען און לאנגען יום טוב סכות האט זיך ערשט גענומען ארויסווייזען. עס האט אויסגעזעהן, אזוי ווי עס האט זיך גערארפט שאפען א גאנצע סביבה פון פרעהליכקייט, אז דער איד זאל פערגעסען אלע זיינע צרות און רדיפות, זיינע דחקות און זארגען, אז ער זאל קענען פערגעסען אלץ און אריין מיט לייב און לעבען אין דער שמחה פון זיין תורה, ווייל יעדער שטיף און יעדער לאך, יעדער קלאנג און יעדע העויה איז געווען גמיינט אויסצודריקען וואס בעסער די פרייד פון דער תורה. עס איז איצט פערשוואונדען יעדער אונטערשיעד צווישען אברהם איטשע, וועלכער האט די תורה געלערנט, און וועלוולען דעם הויקער, וועלכער האט קיין פירוש המלות ניט פערשטאנען און אפשר רעכט קיין עברי ניט געקענט. פרעהען זיך אבער האבען זיי געקענט ביידע גלייך. די מאמע איז געזעסען אן א זייט און איהר געזיכט האט געשטראלט פאר פרייד. פאר איהר איז דער נגון ניט געווען קיין טערקישער און די ווערטער אוודאי ניט. פאר איהר זיינען זיי געווען הייליגע ווערטער, וואס זיי זאלען ניט בעדייטען, און זי האט אין דעם בראנפען און די פירושקעס

און אין דעם זינגען געזעהן אן אויסדרוק פון שמחה מיט דער תורה.

ווען דער צעטעל פון אשמנו האט זיך אויסגענומען האט זיך גרונם אויפגעהויבען און מיט א פאלצעטא אויסגעשריען:

— מעהר האט מען ניט געקא־אכט! לחיים!

— נו, וואס זאגט איהר צום טערקישען? — האט זיך וועלוועל געווענדט מיט א גליקליכען פנים צו זיין שכן.

— גוט, גוט! — האט יענער געענטפערט צופריעדען.

— דאס האב איך איהם דערמאנט.

דער פרוש האט צוויי מאל א פאטש געטהאן איבער'ן טיש מיט מעהר ענערגיע ווי דאס האט זיך געפאדערט און דער עולם האט בעצייטענס אנגעהויבען צו שמייכלען. דער פרוש האט אנגעהויבען מיט'ן נגון פון גשם:

אף ברי
אויף מארגען נאך יום טוב אין דער פריה,
די שויבען זיינען צובראכען,
ניטא וואס צו קאכען,
און קיין געלד איז ניטא.

אלע האבען אויסגעשטעלט נאז און אויערען. דאס איז געווען עפעס אן אראפפאל פון די הויכע נעבעלדיגע גלגלים אויף דער רעאלער ערד. און דער אראבפאל איז געווען אזוי האסטיג, אז ער האט ביי אלעמען צוגענומען דעם אטהעם. אלע האבען זיך ווי עפעס אויסגעגלייכט, דער פזמון איז געווען אונבעקאנט די פערזאמעלטע. די מאמע האט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל און איז צוגעקומען נעהענטער.

— נו, וואס שווייגט איהר? — האט זיך דער פרוש געווענדט צו אלעמען, קוקענדיג פריהער אין איין זייט און נאכדעם אין צווייטען. און ווי א קאפעלמייסטער האט ער מיט'ן פינגער אנשטאט א שטעקעלע און מיט'ן קאפ געוויזען, וואו זיי זאלען אונטערכאפען און האט ווידערהאלט דעם לעצטען פערז:

„און קיין געלד איז ניטא".

— און קיין געלד איז ניטא, — האבען עטליכע קולות אונ־טערגעכאפט.

אתה,
אין שטוב איז קאלט און נאס,
ווי אויפ'ן גאס,
אין מארק מוז מען לויפען,
בולבעס מוז מען קויפען,
און קיין געלד איז ניטא.

פאר דער לעצטער שורה האט זיך דער פרוש אבגעשטעלט אויף א סעקונדע, געוויזען דעם עולם מיט'ן פינגער, פעררייסען דעם קאפ און ארבגעלאזט, און אלע האבען אונטערגעכאפט:
— און קיין געלד איז ניטא.

שם שר מטר,
פון א חוב איז מען פטור,
דאס פעלצעל איז אויסגעקראכען,
דער דאך איז צובראכען,
און קיין געלד איז ניטא.

להעביב ולהעניז
דער מלמד קומט נאך פאר יענעם זמן
דאס מיידעל האט ניט קיין קאפיקע אויף נדן
און דער חדר־בחור
געהט מיט'ן צוריסענעם אחור
און קיין געלד איז ניטא.

— און קיין געלד איז ניטא, — האט דער עולם אונטערגע־כאפט.
— מעהר איז ניטא! האט דער פרוש געזאגט און אויסגע־שטרעקט די האנד נאכ'ן גלעזעל. לחיים!

— און קיין געלד איז ניטא, האט וועלוועל אויסגעזונגען אלס ענטפער אויפ'ן לחיים.

די מאמע האט ארויסגעלאזט א זיפץ און איז צוריק אבגעטראָטען אויף איהר פלאץ, די גלעזלאך האבען געגומען געהן פון מויל צו מויל, די פלעשלאך האבען זיך געבויגען, און יעדער האט אויסגעברומט מיט'ן יום טוב'דיגען, גשמ'דיגען ניגון: „און קיין געלד איז ניטא", נאר עפעס א ניכטערקייט האט זיך גענומען פערשפרייטען איבער אלע פנים'ער.

— אי, ווי אמת דאס איז! — האט וועלוועל געזאגט צום פרוש. — ווי איך בין א איד, דאס איז דער רייגער אמת. ווי האט איהר דארטען געזונגען? „דאס פעלצעל איז אויסגעקראכען, דער דאך איז צובראכען". אי, ווי אמת דאס איז!

אין די אויגען, וואס האבען מיט א מינוט צוריק אזוי געשטראלט, האט זיך בעוויזען עפעס אן ערנסטקייט: די שטערנס וואס זיינען פריהער געווען אזוי ליכטיג, האבען זיך מיט א לייכטען וואלקען בעצויגען; די הענד וואס האבען אזוי פרעהלאך געקלאפט צום טאקט האבען זיך מעהר ניט געהויבען.

— בזו כסף, שעהם זיך געלד! — האט זיך אנגערופען דער בעל תפילה. — וואס איז געלד? בלאטע! לאמיר בעסער מאכען לחיים.

איך בין צוגעלאפען צו דער מאמען און מיט א גליקליכען קול איבערגעזונגען פאר איהר:

און דער חתן בחור
געהט מיט'ן צוריסענעם —

די מאמע האט מיר א גלעט געטהאן איבער'ן אקסעל און האט קיין זאך ניט געזאגט. נאר אין איהר גלעט איז געווען אזוי פיעל זארג, אז איך האב כמעט געלייענט זיין בעדייטונג:

— נארעש קינד, פון וואס דא איז פארהאן צו פרעהען זיך!

זייט איך געדענק, האט מיר די מאמע קיין מאל ניט גענלעט פון שמחה. נאר ווען מען האט גערעדט וועגען פריזיוו, און איך בין געווען דערביי האט זי מיך לאנגזאם גענלעט, ווי זי וואלט זיך וועלען פערענטפערן פאר מיר, פאר וואס איך בין ניט געבארען

געוואָרען קיין בכור און האָב ניט קיין ליגאַטשע. זי האָט אויך געהאָט פאַר מיר א גלעט אין צייטען פון עפּעס אַ סכנה. איהר איצטיגער גלעט האָט אויף מיר געווירקט ווי אַ קאַלטע האַנד אויף אַ הייסען שטערן. איך האָב פּלוצים דערפיהלט די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטימונג. מען האָט נאָך לחיים'ט, מען האָט זיך נאָך גע'בריה'ט צו זיין פרעהלאַך, נאָך די נשמה פון דער פרעהליכקייט איז פערשוואונדען.

אין אַ פאָר שטונדען ארום איז שוין דער גאַנצער עולם געווען אין קלייזעל ביים וואָכעדיגען מעריב, און פון דעם גאַנצען גרויסען יום טוב זיינען נאָר געבליבען אלס א סימן פערשמאַלצענע ליימענע לייכטערלאַך, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען לכבוד שמחת תורה ספּעציעל פאַר דער גרוסער אילומינאַציע. די שכרות פון דעם גאַנצען מעת לעת איז ווי מיט דער האַנט אָפּגעווישט געוואָרען. קנייטשען האָבען זיך אויסגעלעגט אויפ'ן שטערן, אין די אויגען האָט זיך אריינגע'גנב'עט א טיעפע זאָרג און אַ וואָכעדיגע פער־טראַכטקייט.

געווען אַ צויבער־וועלטעל און איז פערשוואונדען, געזעהן מענשען פריי ווי דער ווינד, שטיפעריש ווי די יונגע שטראַלען פון דער זון, געהערט געזונטע פרעהליכע שטימען פון געלעכטער און געזאַנגען, און פּלוצים איז דאָס אַלץ חרב געוואָרען. און פון הינטער דער גרויסער חורבה האָב איך פּלוצים דערזעהן מיין נייעם רבי'ן, דעם לאַנגען שמואל חיים. ער האָט צו מיר געמאַכט מיט'ן פינגער און גערופען אין חדר.

# נאָך סכות.

אוועק איז דער יום טוב, פערשוואונדען די פרעהליכע, לוסטי־גע טעג, ניטא מעהר די צופריעדענע געזיכטער, עס הערט זיך שוין מעהר ניט קיין געזאנג, קיין שאַל פון פרייד.

די זון, די קאלטע שעהנהייט פון סוף זומער, ווייזט זיך שוין מעהר ניט. דער הימעל וואס איז געוועז אזוי קלאַר און בלייך־בלוי האַט זיך פערצויגען מיט בליי. א קאלטער ווינד האַט זיך ארויסגעריסען פון צפון זייט און בלאַזט, און פייפט און קלאַגט אין די קוימענס אזוי ווי ער וואלט געשיקט געווארען צו בעוויינען דעם פערשטאַרבענעם זומער.

א דראַבנער, שטעכיגער רעגעלע שמייסט אין די שויבען, רייסט זיך אונטער'ן קאַלנער און רופט ארוים בלעזלאַך אויפ'ן גאַנצען לייב.

די וואַטאַווע, פערשמאַלצענע קאפטעלס קריכען ארויס פון די אלמערס און פערשפרייטען א גערוך פון טוכלע, שימעל.

אין די הייזער איז האלב פינסטער, טהיר און פענסטער פער־האַקט. מען קנייטשט די שטערנס, פיעל דער יום טוב האַט אויפ־געגעסען, און ווי צופיהרט מען ווייטער די הענט.

די פערלאַזענע סכה איז נאָך ניט צונומען. דער ווינט האַט אַפּ־געריסען עטליכע דראַניצעס און קלאַפּט מיט זיי אין טאַקט צום וואיען פון דעם ווינד. איז דאָס א צושפּיעל צו דער לויה פון דעם זומער? ער רייסט דער דאָזיגער צושפּיעל די נערוועז און מען פיהלט ווי א מחנה קעץ וואָלטען געקראַכען מיט זייערע שאַרפע נעגעל איבער'ן הוילען דוקען.

אין מארק איז דאָס גאַנצע לעבען פערשוואונדען. די מארק־

ווייבער איינגעוויקעלט אין אָפּגעקראָכענע, אָפּגעבליאקעוועטע, דורכגעווייקטע פּאַטשיילעס זעהען אוים ווי אלטע, סאַרע מצבות פאר זייערע טישלאָך. די פרעהליכע אויבס מיט די רייצענדע קאָלירען זיינען שוין מעהר ניטאָ, און אָנשטאָט זיי ליגען אונטער נאַסע שמאטעס „אָנגעגאָסענע" בערנעס, צוקראָכענע עפּעל און שיטערע פלוימען. עס הערען זיך ניט קיין ווערטלאך, קיין רופען צו קונים, קיין געפארבטע קללות.

די צאָן קדשים לויפען איינגעקאָרטשעט אין דרייען מיט א ספר אונטער'ן ארם אין חדר. אין די קליינע הערצלאך איז קאָלאָמוטנע. א חודש, א גאַנצען חודש געוועזן פריי, די קעפּלאך רוהיג, געשטיפט, געפרעהט זיך, געהוליעט, און איצט ווידער אין תפיסה. מען זאָגט, אז דער נייער רבי קנייפּט זיך. ער גיט אזעלכע קליינינקע, טייטשע קניפּעלאך, אז עס פערגעהט פון זיי אין די דער נשמה און מען שפּרינגט אזש פון זיי אונטער.

פויל, גענעצענדיג, עפענען די קינדער דעם חומש אין חדר. די רייכע פאנטאַזיע פון די ערשטע בלעטער פון דער ביבעל ווערט פערוויקט פון דעם שטעכעדיגען אָסיענדיגען רעגען און די וואונדערבארע געשיכטע פון דעם שלאַנג וואָס איז געוועזן קליגער פון אלע חיות אויף דער ערד, און פון די שטימע פון גאָט, וואָס איז ארומגעגאַנגען אין גאָרטען און גערופען. איכה (איעקא), קומען ארוים אַהן פארב, אַהן לעבען.

ניין, עס איז איצט ניט די צייט פאר וואונדערבארע געשיכטעס, עס איז איצט ניט די צייט פאר דער פאנטאַזיע צו הויבען איהרע מעכטיגע פליגלען. די פאנטאַזיע ליעגט אן איינגעקאָרטשעטע אין מאָרך, אומעדיג אין אויפ'ן הארצען, טרויעריג אויף דער נשמה. עס ווילט זיך קיין זאַך ניט, עס בייגקט זיך ניט נאָך קיין זאַך, עס גלוסט זיך קיין זאַך ניט. צוטראָטען איז דער גייסט, דערשטיקט זיינען די געפיהלען.

אַלץ איז ווי אָפּגעשטאָרבען.

און נאָר דער ווינד בושעוועט און קלאַפּט מיט די שטעכיגע טראָפּען רעגען איבער די שויבען און פייפט אין די קוימענס און דערמאָנט דעם ביטערן יאָמער פון זינדיגע נשמות אין גיהנום.

דער ביטערער חשון שטעהט אויפ'ן שוועל.

ניט אומזיסט, זאגט דער רבי, רופט מען דעם אנקומענדען חודש מרחשון. דאס איז א צייט אהן פרייד, אהן שמחות, אהן ע־פעם א יום טוב'ל. דאס איז א צייט פון א בלייענעם הימעל, שטעכיגען רעגען און פייפענדען ווינט.

# שבת בראשית.

עס ציהען זיך שווערע וואלקענס איבער'ן הימעל, און דער חושך און דער אומעט ביי אלעמען אין די נשמות ווערט נאך גע־דיכטער.

עס בלאזט א קאלטער ווינט פון צפון זייט און פערטרייבט יעדע זיסע עראינערונג פון דעם גרויסען און פרעהליכען יום טוב.

דורך די שווערע וואלקען רייסט זיך א שוואכער שטראל, וואס ברעכט זיך דורך שבת בראשית.

נאך מוסף געהט דער גאנצער עולם צום לעקאך און בראנפען. דער עולם מאטערט זיך אנצוהאלטען א יום־טוב'דיגע חשיבות און וויל געהן מיט געמאסטענע טריט און מיט'ן מאנטעל אריבערגע־וואָרפען איבער די אקסלען, נאר דער קאלטער צפונ'דיגער ווינט ווייסט ניט קיין דרך ארץ און וויל קיינעם ניט שוינען און רייסט זיך אריין אונטער'ן מאנטעל און גיט איהם א הויב אין דער לופ־טען, און דער חשוב'ער בעל הבית גיט א כאפ די פאלעס און דרעהט זיך אלע ווייאלע אוים מיט'ן פנים אנטקעגען איהם און אוים חשיבות. אוים געמאסטענע טריט.

ביים לעקאך און בראנפען איז אפילו ניטא קיין שאטען פון יום־טוב'דיגקייט. זעלטען ווען איינער זעצט זיך צו, אזוי ווי ער וואלט פיהלען, ווי עמיצער שטעהט איהם איבער'ן קארק. די מייס־טע מאכען די ברכה איבער בראנפען שטעהענדיג און אזוי גיך ווי יעדער קריגט זיין פיערקאנטיגען חלק לעקאך, ברעכט ער אפ א כזית און דאס איבריגע פערשטעקט ער אין דער הינטערסטער קע־שענע, א מתנה פאר די קינדער אין דערהיים.

קיינער מאכט קיין שהיות ניט און יעדער איילט צו זיך אהיים.

צו מנחה, פאר'ן אויסנעהמען, ווערט דער עולם אין קלייזעל לעבעדיגער. מנחה הויבט זיך אן פיעל פריהער ווי געוועהנליך, ווייל באלד דארף זיך אנהויבען דער גרויסער מסחור פון עליות אין מפטיר פאר א גאנץ יאהר. א מסחור אום שבת פאר א קהלה אידען אין די אויגען, ווען די פרומסטע און כשר'סטע נעהמען אין דעם אנטהייל, און מען דארף אפילו דערביי ניט זאגען „ניט אום שבת רעדענדיג", איז זעהר אינטערעסאנט.

דער מסחור געהט ניט אן אין דעם געוועהנליכען לשון. דער שמש רעדט א גאנץ יאהר, ווי אלע אידען אין שטעדטעל, נאר ביים איצטיגען מסחור, האט ער געהאט גאר א מאדנעם לשון.

גלייך פאר'ן אויסנעהמען האבען אנגעהויבען צו לויפען סטא־פעטען פון איין ווינקעל צום צווייטען, און אומעדום האבען זיך פארמירט קליינע גרופען. דאס האט מען אפגערעדט ווי וויית מען זאל זיך אנשטרענגען צו קריגען די בעשטימטע עליות און דערפון איז געווארען א היבשער גערויש. דער שמש האט א פאטש גע־טהאן איבער'ן בעלעמער און גערופען דעם עולם צום שטילשוויי־גען. דאס סוד'ען זיך האט גלייך אויפגעהערט און דער שמש מיט א קוויטשיגען קול האט אויסגערופען:

— דרייסיג גראשיין מפטיר! דרייסיג גראשיין מפטיר! צוויי גילדיין מפטיר! דריי גילדיין מפטיר!

ווען עס האט געהאלטען ביי די גראשיין און גילדיין האט מען געבאטען פון אלע זייטען. אפילו די יונגע קונדסים האבען א חלק גענומען אין דעם מסחור. די באטענים איז געקומען פון ארום דער בימה. נאר באלד האט זיך דערהערט פון אויבען אן א באט פון דריי רובעל.

— ווער? ווער? — האט דער שמש געפרעגט א צוטומעלטער. און די פראגע האבען אונטערגעכאפט אלע, וואס האבען געוואלט קויפען מפטיר.

— איטשע דער מעהלער!

איטשע דער מעהלער איז געווען א שווערער בעל דבר. די יונגע אײדימס וואס האבען געהאט אן אויג אויף מפטיר האבען געוואוסט, אז עס וועט זיין שווער איבערצובאטען איהם, און עס האבען גלייך

אנגעהויבען צו פליהען סטאפעטען פון איין אײדים צום צווייטען. זיי האבען אין דער גיך פארמירט א גרופע און בשותפות געזוכט אײנצוהאנדלען דעם מפטיר.

עס האט זיך אנגעהויבען א באטענים צווישען איטשע דעם מעהלער און שלמה דעם ראדענער, וועלכער איז געווען דער פאר־שטעהער פון די אײדימס. אלע אויגען זיינען געווען אויסגעשטעלט דא אויף איטשען און דא אויפ'ן ראדענער. רעדלאך האבען זיך ארומגעקליבען ארום זיי ביידען און מען האט צוגעגעבען היץ יעדען צד.

— ווייזט זיי, רבי איטשע, אז די יונגע שנעקעס וועלען אייך ניט אויסדינגען.

— שלמה, איהר זייט דאך עטליכע און ביי אייך וועט זיך א רובעל אזוי ניט אנזעהן. לאזט ניט איטשען קריגען מפטיר.

און די קונדסים זיינען פער'הב'וועטע ארומגעלאפען פון איין אײדעם צום צווייטען און געגומען סטאפעטען פאר שלמה דעם ראדענער.

און אזוי איז צוגעגאנגען ביי יעדער עליה וואס מען האט פער־קויפט.

דער מסחור איז פאר דעם כבוד פון דער תורה און כל זמן ער האלט אן רופט ער ארויס א געהויבענע שטימונג. נאר די וועניגע עליות וואס מען קען פערקויפען זיינען שוין אויספערקויפט און ווען מען געהט ארויס נאך מנחה פון קלויז זיינען די וואלקען נאך געדיכ־טער און דער לעצטער בלאסער שטראהל איז שוין אויסגעלאשען.

דער צפונ'דיגער ווינט בלאזט איצט שטארקער און דער לעצ־טער שפור, דער לעצטער סימן פון די גרויסע ימים טובים איז פערשוואונדען און ווי מיט א בעזים אפגעקערט.

מיר געהען איצט פון קלויז און זיינען דורכגעדרונגען מיט א שווערען געפיהל, אז א קיילעכדיג האלב יאהר וועלען די שבתים נאר שמעקען מיט טשאלענט, מיט ברכי נפשי און מיט שלוש סעודות־דיגע קאלטע פלאטקעס!

# מתתיהו.

## (א חנוכה־חלום)

איך בין אהיים געקומען דורכגעגומען פון קעלט, און דער הייסער סאפער און די ווארעמקייט פון שטוב האבען אנגעפילט מיי־נע גליעדער מיט א גליקליכער פוילקייט. עפעס א חיה'דיגע צו־פריעדענהייט האט מיך אין גאנצען ארומגענומען און אפילו דער מאנאטאנער נגונ'דעל פון דעם ראדיאייטאר האט מיר איצט גע־קלונגען ווי זיסע מוזיק.

די חיה'דיגע צופריעדענהייט איז געווען אזוי גרויס, אז זי האט אפילו פערשטופט די אונרוהיגע געדאנקען וואס האבען די לעצטע פאר שעה זיך געמישט מיר אין קאפ. איך האב געדארפט צוגרייטען עפעס חנוכה'דיגעס, און ווי אויף צו להכעיס האבען זיך אלע חנוכה טהעמאס אויסגענומען.

די גליקליכע פוילקייט האט זיך אלץ מעהר און מעהר פער־שפרייט איבער מיינע גליעדער און אז אמת'ע יום טוב'דיגע שטי־מונג האט מיך דורכגעדרונגען, און איך האב זיך דאריבער דער־פיהלט ניט זעהר אנגענעהם, ווען דער בכבוד'יגער זקן וואס איז פלוצים אויסגעוואקסען פאר מיינע אויגען האט אויף מיר א קוק געטהאן מיט טרויעריגע אויגען, פון אונטער געדיכט־אראפהענגענ־דע ברעמען, וועלכע האבען געאטהעמט מיט אויטאריטעט און שטרענגקייט.

די לאנגע גרויע בארד מיט'ן פלאקסענעם קאליר איז געווען אין ווידערשפרוך מיט'ן אויסגעגלייכטען רוקען, און אויפגעהויבענע אקסלען און לייכטען טריט, וועלכע האבען עדות געזאגט אויף יונג־קייט, פלינקייט און געוואנטקייט.

ער איז געווען אנגעטהאן אין אן אפר און אויפ'ן קאפ האט ער געטראגען א מצנפת.

— ווער ביזטו, אלטער? — האב איך איהם געפרעגט.

— דערקענסט מיך ניט? — האט ער אויפ'ן אמת'ן אידי־שען שטייגער געענטפערט מיט א פראגע.

— עה־עה־עה — האב איך אנגעהויבען צו שטאמלען.

— איך זעה, אז דו דערקענסט מיך ניט, און ווי אזוי זאלסטו מיך דערקענען? קיין גרויסען פאראד האט מען פון מיר ניט גע־מאכט, האט ער געזאגט מיט א בעליידיגטען טאן. איך בין מתתיהו.

איך בין אויפגעשפרונגען, דערלאנגט איהם א שלום עליכם. נאר ער האט מיין האנט ניט אנגענומען.

— פאר וואס ביזטו בייז? — האב איך געפרעגט.

— מען האט אונטערגעשעצט מיינע פערדיענסטען אין דאס פאלק האט זיך ארויסגעוויזען אונדאנקבאר צו מיר.

— וואס רעדסטו? דיר האט מען איינגעטהיילט דעם גרעס־טען יום טוב. אכט טעג נאכאנאנד און אהן א שום חול המועד.

— מען זעהט איהם עפעס ניט, — האט ער געזאגט סאטיריש.

— ווען?

— איך מיין דעם יום טוב, איך האב ערשט דורכגעשוועבט דעם מארק — לויפען ארום אידען און הב'ענען ווי סאמע אין דער וואכען. די קרעמער זיצען איינגעגורעט אין זייערע פוטערס און קוקען אויס די אויגען אויף א קונה, די קרעמערקעס זיצען איבער די פייער־טעפ מיט פערזארגטע, פער'חושך'טע פנים'ער, אין די פאבריקען יאגט מען פון זיך ארויס די נשמה, אפילו די קינדער זיינען פון חדר ניט בעפרייעט —

— המ... מען זאגט הלל, — האב איך זיך פערענטפערט.

— דאס זאגט מען יעדען ראש חודש.

— אבער גאנץ הלל, האב איך איהם אונטערגעזאגט.

— ניט דוקא פאר חנוכה.

— און על הנסים?

— פורים האט אויך על הנסים.

— דיין על הנסים איז א גרעסערער.

— עטליכע ווערטער מעהר — און דאס איז אין גאנצען. וואו איז מיין מגילה? אפילו די פּיוטנים, וואס האבען בעזונגען אלץ אין דער וועלט, האבען קיין שום בעגייסטערונג ניט געפונען אין חנוכה.

ער האט געוואורט איך זאל איהם דאראוף ענטפערן, נאר איך האב קיין זאך ניט געקענט אויסטראכטען, וואס צו זאגען. דער־נאך האט ער זיך אפּגערופען:

— אפילו פון א גאסטראנאמישען שטאנדפּונקט קומט אויס חנוכה עפּעס ווי א שטיעף־קינד אין דער פאמיליע ימים טובים. יעדע אידישע פרוי האט זיך פאר יעדען אנדער יום טוב געקליגט צו מאכען עפּעס א פּאטראווע וואס איז געבליבען א שם דבר. אויף פּסח האט איהר קניידלאך און כרעמזלאך, אויף שבועות — זעמע־לאך און בלינצעס, פאר שמחת תורה — קרעפּלאך, אזוי פאר יעדען יום טוב עפּעס א מאכל וואס צוגעהט אין מויל, און דאס אלץ א צוגאב צו די גרויסע סעודות — און וואס האט איהר חנוכה?

— לאטקעס! — האב איך אויסגערופען מיט פרייד, וואס איך האב געהאט א געלעגענהייט צו ווייזען כאטש אויף עפּעס חנוכה׳דיגעס.

— גרעטשענע לאטקעס און אפּט פון האלב פערפּראַרענעם קארטאפעל אויף שמאלץ אויף א וואכעדיגען טיש, מיט וואכעדיגע פּנים׳ער, מיט העגט פון דער ארבייט.

— בא! — האב איך אויסגערופען. — און די ליכטעלאך?

די אנגערוקטע געדיכטע גרויע ברעמען האבען זיך ביים זקן אויפגעהויבען און א גליקליכע עראינערונג האט דורכגעשטראלט זיין פּנים. ער האט ווידער אמאל געזעהן, ווי די זיעגרייכע קעמפ־פער האבען זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים און ארויסגעראמט די טומאה פון בית המקדש, און ריין געמאכט דעם היכל און אנגעצונדען די ליכט, וואס האבען געוויזען דעם גרויסען טריאומף פון א היי־פעלע מענשען, ווען זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט א טיעפער אי־דעע, געגען ריעזיגע מחנות, וואס שלאגען זיך נאר פאר זייערע אייגענע נוצען.

דער זקן האט געביטען זיין סאטירישען טאן און זיין קול איז געווארען ווייך:

— די ליכטעלאך?

ער האט זיך אויף א ווײלע פערטראכט.

איך האב זיך בענוצט מיט׳ן שעת הכושר און האב אנגע־הויבען צו רעדען וועגען דעם טיעפען קוואל בעגייסטערונג וואס די אידען שעפען דור איין־דור אוים, שוין איבער צוויי טויזענד יאהר פון די דאזיגע ליכטעלאך. איך האב געוויזען, ווי די דאזיגע קליי־נינקע ליכטעלאך זיינען דער אייביגער סימבאל פון דעם טריאומף פון דער אידעע איבער שווארצע גבורה.

ער האט מיך פלוצים איבערגעהאקט:

— א טיעפער קוואל פון בעגייסטערונג — דער אייביגער סימבאל פון דעם טריאומף פון דער אידעע איבער שווארצע גבורה— דו לייענסט דאכט זיך א חנוכה ארטיקעל. איך האב בעמערקט, זיי האבען דאס רוב איין נאמען „הנרות הללו“ אדער „די ליכטעלאך“ און זיי האבען שטענדיג דעם זעלביגען נוסח.

— המ... — האב איך געזאגט האלב פערשעהמט, — מיר דאכט זיך, אז איך האב אויך געהאט א „הנרות הללו“.

— אן ארטיקעל?

— יא.

— און וואס איז מכח סקיצען? איך האב געזעהן פיעלע יום טוב׳דיגע סקיצען דיינע, נאר אויב מיין זכרון נארט מיך נים, געפינט זיך נים צווישען זיי פיעל חנוכה סקיצען.

— יא, חנוכה סקיצען טאקע ווענינ.

— פאר וואס? די ליכטלאך האבען דאך אזא טיעפען קוואל פון בעגייסטערונג —

— בע—בע, — האב איך גענומען שטאמלען אויפ׳ן עכטען אידישען אופן און —

איבער מיר איז געשטאנען מיין ווייב און האט מיך גע־וועקט:

— וואס מורמעלסטו? — האט זי געפרעגט.

— א מאדנער חלום. — האב איך בעמערקט.

# דאָס קריגעלע בוימאויל.

אין דער מנורה האָט איין ליכטעל געברענט און איך ווייס ניט פאר וואָס, עס האָט מיר אויסגעוויזען, אז דער קליינער פלאָם איז העלער און פרעהליכער ווי אין די אנדערע רעהרען. געוואוינליך האָט דעם ערשטען טאָג חנוכה דאָס איינציגע ליכטעל געמאכט אן אומעדיגען איינדרוק. מיט די אנדערע זיבען רעהרלעך פינסטער האָט דאָס איינציגע ליכטעל אויסגעזעהען ווי א קיילעכדיגער יתום.

איך בין ניט לאנג געקומען פון גאס א דורכגענומענער פון דער קעלט און האָב איצט מיט אלע גליעדער געפיהלט דאָס פערגעניגען פון דער וואַרעמקייט פון הויז, ווי עס האָט זיך מיר צוגאסען אי־בער'ן לייב. פון קיך האָט זיך דערטראגען דער בעקאנטער ריח פון געפּרעגעלטע לאטקעס און האָט גערייצט די נאָזלעכער און דעם גו־מען. איך האָב האָלט לאטקעס און פון מיינטוועגען האָט חנוכה געמעגט געדויערען א פּאָר חדשים לאנג.

איך האָב גענומען א צייטונג, אריינגעזעצט זיך אין א בעקווע־מען מאָרים שטוהל און געהאט בדעה צו לייענען. נאָך אין וואָגאָן פאָהרענדיג אהיים האָב איך אין דער צייטונג אָנגעהויבען צו לייע־נען א רעפּאָרט פון א מיטינג, וואו מען האָט גערעדט וועגען דער דעקלאראציע פון ענגלאנד און איך האָב איהם איצט געוואָלט ענ־דיגען. נאָר דער פרעהליכער פייערל פון דעם ליכטעל אין דער מנורה האָט צו מיר אזוי קונדס'דיג געוואונקען, אז איך האָב פון איהם די אויגען ניט געקענט אָפּרייסען.

פלוצים האָט זיך דאָס פייערל א בויג געטהאָן צום זיבעטען רעהר און איך האָב דערזעהן ווי אן אלטער איד האָט אָנגעהויבען פון דאָר־טען ארויסצוקריכען. א פּאָר סעקונדען איז ער געבליבען שטעהן

אויף דער מנורה און דערנאָך אַרונטערגעשפּרונגען אויפ׳ן פּלאָר.

איך האָב איהם אָנגעקוקט ערשטוינט. דער פּנים איז מיר גע־וועזן בעקאַנט, און דוקא גוט בעקאַנט, נאָר איך האָב זיך ניט געקענט דערמאָנען, וואו איך האָב איהם געזעהן און ווער ער איז.

— דו דערקענסט מיך ניט? — האָט ער געפרעגט מיט אַ לייכטער צומישונג פון שפּאָס אין זיין קול.

— בע—מע — האָב איך אָנגעהויבען צו שטאַמלען. — דאָס הייסט איך דערקען אייך —

— פּטור, דו האָסט דאָך ניט לאַנג אַ געדוס פון מיר איבער־געגעבען, — האָט ער מיר איבערגעריסען און זיין קול איז געוואָ־רען נאָך שפּעטישער.

— ישראל סבא! — האָב איך פּלוצים אויסגעשריען און בין אויפגעשפּרונגען פון מיין שטוהל און די צייטונג איז מיר ארויסגע־פאַלען פון האַנט. — שלום עליכם.

— עליכם שלום. אַזוי, ענדליך פאַרט דערקענט.

— ניט אומזיסט האָב איך אייך אַזוי גרינג ניט דערקענט,— האָב איך זיך פערענטפערט. — איך האָב אייך שטענדיג געזעהען מיט אַ וואָלקען אויפ׳ן שטערן, מיט אָנגערוקטע ברעמען, מיט אַ מיעפען עגמת נפש אין די אויגען און מיט אַן אויסגעגאָסענעם אָר־מעט אויפ׳ן פּנים, און איצט זעה איך... איך בעט אייך איהר זאָלט מיר פערצייהען —

— אַז איך זעה גאָר ניט אויס מעשה זקן, מיט אַ שפּעטישען שמייכעל אויף די ליפּען און מיט אַ פרעהליכען פייערל אין די אויגען, האָט ער מיר איבערגעריסען.

— יאָ.

— דאָס פרעהליכע פייערל אין די אויגען איז פון די חנוכה־ליכטלאך.

— און דער שפּעטישער שמייכעל.

— איז פאַר דיר.

איך בין אַ ווייכלע געבליבען שטעהן ווי מבולבל. דערנאָך האָב איך זיך געכאַפּט אַז דער גאַסט שטעהט און איך האָב זיך פערענט־פערט:

— איך בין געוואָרען אזוי איבעראשט פון אייער בעזוך, אז איך האָב פערגעסען צו בעטען אייך זיצען. זיצט רב ישראל סבא. מען וועט באלד אריינברייגנען לאטקעס און גענזענע גריבע־נעס און מיר וועלען דאָ האָבען אן אמת'ע חנוכה'דיגע סעודה.

— איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר. איך בין היינט אזוי גוט אויפגעראַמט, אז איך קען גאָר ניט איינזיצען. איך האָב גאָר חשק צו שפּרינגען. קוק ניט אויף מיינע אַלטע פיס. איך וועל זיך נאָך פערמעסטען מיט וועלכען יונגען דו ווילסט.

— וואָס איז מיט אייך אזוי די שמחה?

— סטייטש, דו זאָלסט עס פרעגען! אָט גיב אַ קוק אויף די נייעס, וואָס דו האָסט ערשט געלייענט.

ער האָט מיט'ן פינגער געוויזען אויף דער ארונטערגעפאַלענער צייטונג.

— אָה, איהר מיינט די דעקלאראציע פון ענגלאנד!

— געוויס מיין איך דאָס, נו, וואָס א שטייגער וועסטו איצטער זאָגען? — האָט ער געפרעגט סאטיריש.

— אַ פיינע זאַך, זעהר אַ וואוילע זאַך.

— אַ פיינע זאַך, אַ וואוילע זאַך און דאָס אַלץ?

— וואָס נאָך זאָל זיין?

— געדענקסטו, ווי איהר פלעגט פון מיר שפּאָטען פאַר וואָס איך האָב דעם נס געזעהן אין דעם קריגעלע בוימאויל? איהר האָט נסים געוואָלט אוועקמאַכען מיט דער האַנט, און איהר האָט מיר שכל געוואָלט אריינגעבען, אז אנשטאָט צו כאַפּען התפּעלות פון דעם קריגעלע בוימאויל, זאָל איך זיך בעסער אנשטעקען מיט דער בע־גייסטערונג פאַר גבורה.

— יאָ. איך געדענק זעהר גוט.

— גבורה! — האָט ער געזאָגט סאַרקאַסטיש.

— יאָ, די חשמונאים האָבען עס געוויזען.

— און די איצטיגע אויפגעהויבענע האָפנונג קומט אויך פון אייער גבורה?

— בע—מע — האָב איך אָנגעהויבען צו שטאַמלען. — איהר

פערשטעהט, איצט איז א מלחמה פאר די רעכטע פון קליינע מלוכות און געדריקטע פעלקער —

— יא, יא, די רעכטע פון קליינע מלוכות און געדריקטע פעלקער — און איהר ווילט איצט אויך ניט קיין קריגעלע בוימ־אויל?

ישראל סבא האט דערביי געשמייכעלט אזוי איראָניש און אזוי פיעל בעדייטענד, אז איך האב זיך דערפיהלט אונבעקוועם און ביז געווען העכסט צופריעדען, וואס מיין ווייב איז אריינגעקומען מיט א טאץ לאטקעס און גריבענעס.

— איהר וועט מיט אונז לאטקעס עסען, — האב איך איינגעלאדען מיין גאסט.

— וואס מורמעלסטו? — האט מיך מיין ווייב געוועקט און געטרייסעלט פאר'ן אקסעל.

— מיר האבען א גאסט צו די לאטקעס, — האב איך ערקלערט מיין ווייב, עפענענדיג די אויגען.

— וואס פאר א גאסט? וואו א גאסט? דו רעדסט פון שלאף?

— הא! — האב איך אויסגערופען און ארומגעקוקט זיך. די צייטונג וואס איך האב פריהער אין האנט געהאלטען איז געלעגען פאר מיינע פיס און אין דער מנורה האט פרעהליך געברענט דאס ערשטע ליכטעל.

— ווי געפעלט עס דיר, איך האב דא אין די פאר מינוט געהאט א חלום.

— אויב אזוי, האב איך מורא, אז איך וועל דיר די גריבענעס ניט לאזען עסען, — האט זיך מיין ווייב אנגערופען.

— ניין, ניין, מען דארף קיין חנוכה ניט פערשטערען, — האב איך זיך אנגערופען.

# ערב שבת.

מיט פרעהליכע הערצער, מיט שטראלענדע אויגען, מיט גרויס ליארעם שפארען זיך ארויס פון אן אלט איינגעפאלענע הילצערן הייזעל ביי א טוץ קליינע קינדער.

— קונדסים! איהר קאנט ניט געהן שטילער? — הערט זיך דעם רבי'ס געשריי הינטער זיי. נאר ווער הערט איהם? די „וואר־שיעורים" גע'פטר'ט, פון „תגרי לוד" ארויס מיט גאנצע ביינער און ווער איז זיי איצט גלייך?

יעדער איינגעל האלט אונטער'ן ארעם א גרויסע גמרא. זיי טרעטען בכיון הארט, וואו דער שניי איז טיעפער, זיי געהען און שאקלען זיך אין אלע זייטען, ביז עס ווערט א ווארפעריי מיט „קולקעס". דרויסען איז ליכטיג, דער בלויער הימעל שפיגעלט זיך אפ אויף דער ערד, דער פראסט ברענט און קנאקט אין דער לופט. די הילצערנע הייזלאך מיט די פערהאקטע לאדענס זעהען אויס זעהר טרויעריג, זיי לעגען זיך ווי שווארצע פלעקען אין דעם בלוי־ווייסליכען ים; די קינדער פילדערען און ליארמען און זייער לאכען, שרייען, הוזשען, קוויטשען דערגרייכט צו די פארוואָרפענסטע הייז־לאך.

אין מארק ווערען די קינדער שטילער. די געוועלבער זיינען נאך אפען און פון די טהירען פאלען געלע פאסען אויפ'ן שניי. אין די מעהל און בשמים־קראמען און ביי די הייזעניקעס איז איצט א שטיקעל שפע און אלע ווילע בעווייזט זיך א ווייבערשע פיגור, פערוויקעלט אין א גרויסער פאטשיילע, לויפט אדורך דעם מארק פון שטוב אין קראם און צוריק. ביים שטאדט־ברונען איז א מחלקת, די וואסער־טרעגער, וועלכע פיהלען זיך ביים ברונען גאנץ

היימיש און האבען א שנאה אויף יעדען איינציגען. וואס טראגט אליין וואסער, שליידערן די בעל־הבית׳ישע עמערס, רייסען דעם קאלאווראט פון די הענט,ווארפען זיך מיט רוחות און בענשען מיט דער מאמען... די קינדער ווערען דא שטילער; זיי זאטשעפען אפילו ניט יענטע שפרינצע חיים זעליג׳ס ווייסע ציג, וואס שטעהט מעלה-גרה׳דיג און שאקעלט מיט איהר ציגענעם בערדעל לעבען סטאדאלע ביי א שיינק. דא פערנעהמען זיך די קינדער אין פער־שידענע געסלאך און געהען זיך פארנאנדער סטאטעטשנע, יעדער צו זיך אהיים.

הערשעלע נחמה דבורה׳ס נעהמט זיך פון מארק אראפ אין א דאבייאיגען געסעל, געהט צו א הילצערנעם הייזעל און לויפט אריין מיט א פרעהליכען גוטען אבענד אין שטוב.

אין שטוב לעבען שווערסקען אייוועלע זיצט די מאמע אויף די אונטערגעבויגענע פיס, מיט׳ן טיכעל פון קאפ פארבונדען אהינ־טער צו דער פאטילניצע. מיט אן אנגעברענטען געזיכט פון פייער.

— ראזבויניק! ווי האסטו דאס ניט רחמנות אויף זיך אליין? רופט אויס די מאמע אפקעהרענדיג דעם קאפ פון אויווען ביי הער־שעלע׳ס אריינקומען — אין אזא ברענענדיגען פראסט געהסטו פערנאנדערגעשפיליעטערהייט?

— ס׳איז גאר ניט אזוי קאלט, — ענטפערט הערשעלע מיט א פרעהליך געלעכטער.

— ניט קאלט?! — און די מאמע נעהמט אריין הערשעלעס קאלטע הענט אין איהרע צוקארטשעטע, אויסגעהארעוועטע, צווישען די קנייטשען כראניש איינגעריכטע, נאר זעהר ווארימע הענט און דריקט זיי און הוקעט אויף זיי.

— אוי וועה איז מיר! זעה, ווי דערפרארען דו ביזט.

— אופו! אופפפו! — הויבט אן די מאמע פלוצים צו בלאזען, ארויסלאזענדיג פלינק הערשעלעס הענט און אנכאפענדיג פאר׳ן הענטעל פון טעפעל, וואס האט אנגעהויבען צו לויפען.

הערשעלע געהט אפ פון אויווען, לעגט אוועק די גמרא אויפ׳ן קאמאד, ציהט אראפ פון זיך דאס פוטערעל און פרעגט עפעס עסען.

— די וועטשערע איז נאָך ניט פֿאַרטיק, — ענטפֿערט זי מיט א קול פֿון א זינדיגע. דאָס האַרץ טהוט איהר וועה, וואָס דאָס קינד געפינט ניט עסען גרייט קומענדיג פֿון חדר. און אַזוי ווי וועלענדיג פֿערלייכטערען איהר זינד פֿרעגט זי איהם: — אפשר וועסטו עסען בולבע־קאַשע מיט שמאַלץ?

נחמה דבורה וואַרט ניט אויף הערשעלעס ענטפֿער, זי ווייס, אַז בולבע־קאַשע מיט טוקעווע שמאַלץ איז ביי איהם איינער פֿון די גרעסטע יום־טובים.

— מיר אויך קאַשע! — שרייט אויס א איינגערע שוועסטערעל.

— מיר אויך! — שרייט נאָך א איינגערע שוועסטערעל.

— איהר האָט דאָך ניט לאַנג געגעסען, — זאָגט נחמה דבורה מיט א בייזער, און ער איז געקומען הונגעריג פֿון חדר.

— אָבער קאַשע האָב איך ניט געגעסען, — רופֿט אויס די עלטערע שוועסטערקע.

— איך אויך ניט קאַשע געגעסען, — כאַפּט אונטער די צווייטע.

— איך וואָלט אייך ניט געזשאַלעוועט, קינדערלאַך, קאַשע, נאָר מען קען ניט אויסלאָזען גאָר די בולבעס פֿון טאָפּ, — רעדט ווייבער די מאַמע, אריינרוקענדיג דעם הילצערנעם קאָכלעפֿעל אין טאָפּ. זי יאָגט זיך אַזוי לאַנג אַרום מיט'ן קאָכלעפֿעל, ביז עס נעהמט זיך אָן א קאַרטאָפֿעל, זי שלעפּט איהם אַרויס, לעגט אויפ'ן טעלער און פּרובט זיין ווייכקייט. אייניגע לאָזט זי אין טעלער און אַנדערע, האַרטערע, וואַרפֿט זי צוריק אין טאָפּ.

— מיר א לעפֿעל קאַשע וועסטו געבען? יע, האַ? יע? — רוימט איין א סוד דאָס עלטערע שוועסטערקע הערשעלען אין אויער.

— און מיר אויך א שטיקעלע, א פּיצעלע, א טראַרעלע, — רעדט שטיל דאָס איינגערע שוועסטערקע צום ברודער.

אין שטוב איז איצט זעהר ענג, ווי ביי א קרעמערקע דאָנערשטאָג ביי נאַכט, וואָס דאַרף אַלעס אָנגרייטען אויף שבת אין אָבענד. ביי טאָג קען נחמה דבורה ניט פּועל'ען ביי זיך איבערצולאָזען די קראָם אויף ירוחם'ס הענט. ער איז א שטיקעל נעדבאַלישץ, ער

זיצט רוהיג אויפ'ן ביינקעל מיט'ן „פיפקע" אין מויל און װ א ר ט דער קונה זאל א ל י י ן אריינקומען (א גוטען פנים קען מען האבען, מען זאל ווארטען אויפ'ן קונה!) און אפילו איצט רייסט איהר אויך דאס הארץ פאר'ן קראם, כאטש ווייסען ווייסט זי, אז קיין קונה וועט איצט ניט פערשמעקען און מען קאלייעט נאר איינער פון אנדערענס וועגען: ווי קען מען פערמאכען די קראם, אז „יע־נער" זיצט נאך? נאר דאס הארץ איז איהר ניט רוהיג צוליעב צופה חיענקען און ביילינקע איצינקעס (דאס זיינען א פאר סוחר'טעס — אויסגעפוילט זאלען זיי ווערען!) זי אליין — איז אויך קוים וואס זי ספראוועט זיך מיט זיי, זיי פוילען איהר אוים דעם לונג און לעבער ביי יעדער לייזונג — און וואס איז זייער גאנצע קניה? א פאר הערינג אויף שבת, קיין אנדער פדיון זעהט מען פון זיי קיין מאל אין די אויגען ניט אן — און בפרט נאך ער, ירוחם, זיי ווע־לען איהם צוריען די גאנצע טון און ער וועט זיי א ווארט ניט זאגען, ער וועט אפילו דעם ציבעק פון מויל ניט ארויסלאזען. נחמה דבורה האט מורא, אז ז י י קענען בכיון אפהיטען די צייט, ווען זי איז אין קראם ניטא. אמת, זי האט איהם אפילו אנגעזאגט פאר'ן אוועקגעהן פון קראם, אז ער זאל זיי צום טון ניט צולאזען, „א סך גלייכער וואלט געווען, ווען דו זאלסט זיי גאר ניט ענטפערן. איך וואלט געווען א סך רוהיגער; נאר מען קען דאך דיך צו קיין נארען ניט מאכען, מען דארף דאך נאך די צרה בעהאלטען; אבער לאמאנ־אשעם און לאמאנאשעם (למה"ש ולמה"ש) צום טון ניט צו לאזען! נעהם ארוים א פאר הערינג און וויין זיי. אט דאס איז די סחורה— ווילט איהר, איז גוט; ניין? געהט אייך געזונדערהייט. נאר דו וועסט דאך מסתמא מורא האבען ארויסצולאזען די פיפקע פון מויל!" אזוי האט זי איהם אפילו אנגעזאגט, און א קינד, דוכט זיך, וואלט עס אויך פערשטעהן, אבער איהם העלפט הפנים ריידען? (אח, ער איז גאר קיין מענש ניט!) נאר ווי דאס איז, ביי נאכט איז פארט בעסער איבערצולאזען די קראם אויף ירוחם'ס הענט איידער ביי טאג און אין די עטליכע שעה מוז זי אריינכאפען אלע ארבייט אויף שבת. די שכנות, כאטשע זיי זיינען ניט קיין קרעמערקעס, מוזען איהר נאכטהאן. צוואנציג פאדראדען מיט'ן אויוועז קען מען

ניט מאכען און ווידער וואלטען זיי זיך טאקע ניט געקענט אויס־קערעווען אין דעם קורצען ווינטער־טאג — ס׳איז הפנים א טאג? א טל ומטר׳ל, א שיין די זון און מען קלאפט שוין אין שוהל — ניט אלע קענען זיך גלייבען צו נחמה דבורה׳ן! ביי איהר ברענט די ארבייט אונטער די הענט און זיי מוזען איהר נאכטהאן. פון אלע־מענס ארבייט איז אין קליינעם שטיבעל אזא ענגשאפט, אז ס׳איז זיך ניטא וואו א קעהר צו טהאן. דער טיש, די ביינק זיינען אנגע־שטעלט אזוי, אז אפילו א שפילקענע קעפעל איז ניטא וואו אריינ־צושטעקען. הערשעלע געפינט זיך קיין ארט ניט, שטעהן ווי אן אנגעמאלטער גולם איז קיין פלאן ניט, צו זעצען זיך איז ניטא וואו,ביים אויווען קענען פייער איז א גערדרענגעניש, שלאפען גע־לוסט זיך ניט. פאר איין ברירה ווערט ער גאר א מתמיד, געהט צו צום טיש, וויל מאכען לעדיג א שטיקעל ארט. די מאמע בעמערקט עם און ווארפט אוועק שאבען די מערען, כדי צו העלפען איהם מאכען א שטיקעל לעדיג ארט. די מולטער מיט די איינגעמאכטע חלה טראגט זי אוועק אין קאמער און שטעלט אויפ׳ן בעט, וואו אונטער׳ן קי־שען ליגט א בלעטעל לאקשען און טריקענט זיך. פון באנק נעהמט זי אראפ דאס ברעטעל צום לאקשען־בראקען און שטעלט אויפ׳ן צי־מעם, פון טיש שארט זי נאך אפ א פאר סקארמוטשען און מיט אויגען פון פערגעניגען גיט זי א קוק אויף הערשעלען. הערשעלע מייסטערעוועט אוויילע דעם לאמפ, פרובט אויס זיין קול׳כעל און הויבט אן מיט א סקארבאווען נגון זינגען די גמרא. די אינגסטע שוועסטערעל זעצט זיך אן א זייט לעבען אייוועלע, פערלעגט איין הענטעל אויפ׳ן צווייטען און לאזט ניט אראפ די אויגען פון הער־שעלען. זיין שאקלען און זינגען ערקלערען איהר פיעל, פיעל... ער־קלערען איהר פאר וואס קומט איהם א גאנצע טעלער מיט קאשע. די מאמע, ניט אפנעהמענדיג דאס מעסער פון מערעלע, ווארפט הינטערוויילעכטס בליקען פון ליעבע אין זיין ווינקעל. זיין זינגען שלעפערט אין איהר איין אלע וואכעדיגע געדאנקען, מאכט איהר פערגעסען אן ציפה חיענקען און ביילינקע איצינקעם און טראגט איהר ארויס אין א צויבער וועלט.

— נחמה דבורה, מיין טעפעל לויפט! — רייסט איהר א שכנה

תיכף איבער איהרע זיסע פאנטאזיעס, — לאזט מיר צו צום אויווען!

נחמה דבורה האלט שוין דעם אפגעברענטען שטעקען און שלעפּט דאס טעפּעל פון פייער, דאס צויבער וועלטעל איז פערשוואונדען.

נאר הערשעלע זינגט ווייטער, פון א ים זיסע, מעלאדישע קולות רייסען זיך ארויס די הייליגע ווערטער פון דער גמרא. די ווערטער זיינען פרעמד פאר איהר קאפּ, נאר זי פיהלט זיי און פערשטעהט זיי מיט'ן הארצען. זי ווייס פון „צאינה וראינה" פון „קב הישר", פון „נחלת צבי", אז די ווערטער, וואס רייסען זיך ארויס פון הערשעלעס קולות, זיינען ניט פּשוט'ע ווערטער. אין יעדען ווארט ליגט דער מאטעריאל פאר א גאלדענעם קישעלע און א גיךגאלדערנעם שטוהל און הערשעלעס זינגען פערשטעלט ווייטער פון איהרע אויגען דאס פינסטערע, ביטערע, גראשענע לעבען, פערטויבט דעם גערודער, געטומעל פון ענגען שטיבעל און שוועבט ווייטער אוועק אין דעם ליכטיגען וועלטעל פון פאנטאזיעס און זיסע חלומות...

— זעהט, זעהט, וואס שלעפּט דארטען די קאץ? — שרייט א שכנה, — א שטיק פלייש, דוכט זיך?

נחמה דבורה שפּרינגט אויף פון ארט און ס'ווערט א געלאפעריי, א יאגעניש ארום שטוב. א „פּסיק", א „קיט" און די קאץ שפּרינגט ארויס פון אונטער'ן ביינקעל, שלעפּענדיג די שטיק פלייש אין מויל, און כאפּט זיך אריין צווישען אלמער, פון דארט א שפּרונג ארויף און א שופּ אויפ'ן אויווען. „יא טשעביע דאס! יא טשעביע דאס!" שרייען אלע און די קאץ טראכט געוויס: זאגט, שרייט וואס איהר ווילט און איך וועל טהאן מיין זאך.

הערשעלע זיצט שוין ניט ביים גמרא, ער קלעטערט אויפ'ן אויווען, די קאץ לאזט ארויס דערזעהענדיג הערשעלען דאס פלייש. בלייבט א רגע אויפגעקארטשעט אויף די הינטערשטע לאפּקעס און נאכ'ן ערשטען קלאפּ — אוטשאָק!

אלע שטעלען זיך ארום דעם קאשעק, וואו ס'זאלצט זיך דאס פלייש און מען מאכט א רעוויזיע אויסצוגעפינען, וועלכע שטיקעל עס פעהלט און פון וועמעס חלק האט די קאץ געכאפּט. די קאץ

זיצט פערדרוקט אין ווינקעל אונטער'ן בעט און הארכט צו, וואס מען דרשה'ט וועגען איהר.

— א לאסוכע געווארען! — כאפען געזאלצענע פלייש פון קאשעק — ביז איצט איז גאר ניט געהערט געוועןǃ — זאגט ברוגז'דיג נחמה דבורה.

— עהע! זי האט גאר קיין צייט ניט! אנדערש ווי ברוסט פאסט פאר איהר ניט! דאס בעסטע שטיקעל אראפגעכאפט. בעמערקט א שכנה מיט אן איראניש קול, אין וועלכען עס האט זיך געהערט א טאן פון נקמה צו דער קאץ.

דערווייל איז שוין הערשעלעס לערנען קאפוט. דער גערודער, דאס קריכען אויפ'ן אויוועז האבען איהם די התמדה אראפגעשלאגען, דער שלייער, מיט וועלכען הערשעלעס לערנען האט אויף א ווײלע פערהילט די שטוב, איז אראפגעצויגען, און דער גאנצער זיסער צויבער ווערט פערשוואונדען

אויפ'ן ברעג טיש, וואו הערשעלע האט פריהער די גמרא געהאלטען שטעהט א פאליוואנע שיסעל מיט וועטשערע. ביים טיש זיצען נאר ירוחם און הערשעלע, נחמה דבורה האלט די טעלער אין האנט און זופט די שיטערע וועטשערע שטעהענדיג. די שוועסטערקעס זיצען צוגעמאסטעט צום פוסביינקעלע און עסען גנעצענדיג. איין ירוחם וואלט געהאט הנאה פון דעם ווארעמען געקעכץ, ווען די פארע וואלט איהם ניט געצוואונגען אפקעהרען ביי יעדען לעפעל זיין אנגעפרוירענע נאז און ווישען איהר. אויסער איהם זופען אלע די וועטשערע מיט אזא חשק, פונקט ווי איינער פטר'ט א חוב־זאך.

מיט דער וועטשערע מאכט מען קיין שהיות ניט, אראפ די שיסעל, אראפ דער האנדטוך און ווייטער ערב שבת. אלע שטוביגע געהען שלאפען, די שכנות האבען זיך ניט וואס צו איילען, זיי זיינען היימישע, אבי צוגעגרייט צום אויוועז און פטור. פאר הערשעלען עפענט זיך אויף א באנק און זיין געלעגער איז תיכף פארטיג. איין נחמה דבורה בלייבט אויף, זי האט נאך ארבייט.

הערשעלע קריכט אריין אין שלאף־באנק און מיט האלב פערמאכטע אויגען קוקט ער נאך דער מוטער ווי זי בראקט לאקשען:

אַט גיט זי אַ הויב מיט׳ן מעסער עטליכע אָנגעבראַקטע פּעניצלאַד און עס ווערט באַלד אַ הויכער בערגעל פון דינינקע לאַנגינקע פּעדימלאַך, נאָר פּלוצים הויבט אָן די מאַמע ווערען קלענער, קלענער. אַט איז זי נאָר אַ מאַנצעלע, אַט ווערט זי גאָר אַ קייקעלע, דאָס קייקעלע הויבט אָן ווייטער צו וואַקסען און ווערט גאָר פער־שוואונדען...

# שבת.

מיט א פולער קעשענע יאדרעס (סעמעטשקעס) איז מיין שבת׳־דיגער קאפאטקע לויף איך אין קלייזעל. די זון ווי א פייערדיגער קוגעל הענגט איבער׳ן בלויען וועלדעל אין מעריב זייט און בע־פארבט ווייט, ווייט דעם האריזאן מיט א פורפור־רויטען פארב. א סנאפ שטראלען פון דער פערגעהענדער זון שפיגעלט זיך אפ אין דעם קיילעכדיגען פענסטערל אויפ׳ן בוידעם פון שוהל און רופען ארוים ווי א העלען פלאם אויפ׳ן בעגילטען שפיץ פון צערקווע. דער שמש לויפט און שרייט: „אידען, אין שו־ו־ול אריין!“ אויפ׳ן גאס איילען די סעדיכעס אפראמען די קאשיקעס און גיכער אהיים צו בענטשען ליכט, נאר דאך קענען זיי ניט ביישטעהן דעם נסיון און ניט צו ענטפערן אויפ׳ן וועג א קונה, וואס גראד איצטער איז איהם געקומען א חשק צו קויפען עפעס. די קרעמערקעס טריי־בען, שטופען מיט געוואלד ארוים די פערשפעטיגטע סוחר׳טעס, „וואס געפינען גאר קיין אנדער צייט ניט, ווי דייקע נאר ביי סאמע ליכט־בענטשען“, פערמאכען די קראמען איינע נאך די אנדערע און לויפען מיט די פייערטעפלאך און מיט נאך צוואנציג אנדערע פעק־לאך אויף די ברעמנעם אהיים. דער איסציסק פון מארק געהט אראפ, עס פערבלייבען נאר די טישלאך, ארום וועלכע עס איז ניט לאנג געוועזן אזא גערודער און וואו עס האט געקאכט מיט לעבען. און שטעהען איצט ווי מצבות אויף דעם, וואס איז געוועזן. דער צייל קראמען ווערט פוסט, לעדיג.

איך לויף אין קלייזעל, אום פטור צו ווערען פון שטוב־ארבייט. אויפ׳ן שוהל־הויף לויפען מיר אנטקעגען פון מרחץ פערשפעטיגטע אידען, מיט רויטע פערשוויצטע פנים׳ער, מיט אנגעקלעבטע בלעט־

לאד אויפ׳ן שטערען פון די בעזימער, מיט וועלכע זיי האבען זיך געשמיסען אויפ׳ן פאל, מיט פרישע וואונדען פון די געהאקטע באנקעם אויף דער אפגעגאלטער פאטיליצע, מיט די ברודיגע וועש אונטער׳ן ארם. נעבאך! זיי וועלען אפילו ניט אוספייען אפשניידען די נעגעל לכבוד שבת, פון כאפען א לעפעל צימעס נאכ׳ן באד איז שוין געווען ניטא וואס צו רעדען.

אין קלייזעל טרעף איך שוין כמעט דעם גאנצען קאמפלעקט אודושליווע אלטע לייט, ווי זיי זיצען ארום דעם אנגעזשאריעטען אויווען. זיי זיצען אין זייערע פערגעלטע פון אלטקייט לאסטענע שבת׳דיגע קאפאטעס איבער׳ן פערשמאלצענעם פון חלב סידור און זאגען ווארט ביי ווארט מיט׳ן נגון, מיט א פערראסטעטען קול, איבערגעריסען אלע ווייל פון א שברים־הוסט, דעם הייליגען שיר־השירים.

— שני שדיך קהו, קהו קה—ה—ה—ו, כשני עפרים קהו, קה—ה—ה—ו תאמי צביה...

הערענדיג די ליבעסערקלערונג אין אזא פערראסטעטען קול, אקאמפאנירט מיט דעם שברים־הוסט פון מיילער אהן צייהנער, ווער איך קעלטער צו דער שענער ברונעטקע שולמית, זאל זיין אפילו. אז זי איז ניט מעהר און ניט ווענינער ווי די כנסת ישראל, זי ווערט ביי מיר זעהר וואכעדיג און פערלירט דעם גאנצען חן.

דער פראסט טרייבט און דער עולם איילט מיט שנעלע טריט גיכער אין די קלויזען, און ווען דער בעל תפילה קומט צו קדושה ווערט א פויקערײ פון אינעווייניג איבער די שויבען און דרויסען א געלאפעריי, און פיינע אידען, שענע אידען, בכבוד׳יגע אידען שטע־לען פים ניט ערגער ווי קונדסים...

צו קבלת שבת איז שוין דאס קלייזעל געפאקט און איבער׳ן גאנצען קלייזעל שוועבט דער הויך פון דער בת מלכה שבת. דער אנ־געהייצטער אויוען אויף א גאנצען מעת לעת לאזט ארוים פון זיך אזא היץ, אז מען ווערט שיער דערשטיקט, די חלב׳נע ליכטלאך הויבען אן צו שמעלצען און די לאמפען ברענען זיך פערנאנדער און הויבען אן צו קאפטען און שטיקלאך אש הויבען אן ארומצוטראגען זיך אין דער לופט. די אויסגעשמיר־

טע פון דער ברייטער האַנט גרויסע ווינטערדיגע שטי־
וועל מיט דזשעגאַכץ לכבוד שבת, גיבען ארויס פון זיך אַ שווערען
גערוך, וועלכער, ביים אויסמישען זיך מיט'ן ריח פון די פערשוויצ־
טע זאָקען, פערכאַפּט אזש דעם אָטהעם...

די „ליעבע וואַרימקייט" צוגעהמט דעם צוקאַליעטען עולם.
אפרים דער בעקער הויבט זיך אָן דער ערשטער צו וויגען און דרע־
מעלט געשמאַק איין תיכף ווי דער בעל תפילה גיט מיט אן אָנגע־
בראַכענעם קול אַ זאָג: „לכו נרננה". דער שכן פון איין זייט גיט
איהם מיט'ן עלענבויגען אַ וועק, ער עפענט שווער פערנאַנדער
די אויגען, נעהמט אָן אַ גרויסען שמעק טאַבאַק, נאָר די האַנט ווערט
איהם פערשטאַרט אויפ'ן וועג צו דער נאָז און ער דרעמעלט ווייי־
טער, און באַלד הויבט זיך אָן צו וויגען אַ צווייטער, אַ דריטער
און זיי העלפען איינער דעם צווייטען מיט'ן אָרם, מען טראָגט אונ־
טער די טאַבאַקערקעס פון איינעם צום צווייטען און מען טרייבט
אונטער איינער דעם אַנדערען און מען ניסט און מען מטהא'קעט
און מען שאָקעלט זיך אין דרעמלען און מען דאַווענט.

צוויי כחות, צוויי געגענגעזעצטע כחות באַרען זיך. דער פער־
בליבענער כח פון אַ גאַנצע וואָך האָבעווען, יאָגענים, לויפענים,
דריקט נאָך שטאַרק אויף זיינע קרבנות, און אַ יונגער געוואַלדיגער
צווייטער כח, אַ כח פון רוהה, פערגניגען, לעבען, פון פערגעסען אַלע
קליינליכקייטען וויל זיך אַריינרייסען, און די מלחמה צווישען די
ביידע כוחות איז שטאַרק און קומט פאָר אויף יעדען טריט און
שריט. אווילע זיעגט דער ערשטער וואָכעדיגער כח און די סצענע
בעקומט אַ וואָכעדיגען, הינטישען אויסזעהן, און אין אווילע אַרום
שפרייט זיך פאַנאַנדער אַ הייליגע רוהה, אַלע געזיכטער בעקומען גאָר
אַנאַנדער אויסזעהן, און עס דוכט, אַז די בת מלכה שבת ווינקט
און שמייכעלט פון אונטער דעם פרישען פרוכת איבער דעם ארון
קודש און די אַלע קליינינקייטען ווי היץ, טשאַד, קאַפּאָט, שווערער
גערוך ווערען ווי פערשוואונדען און אויף דער נשמה ווערט אַזוי
גרינג, אַזוי לייכט!

צו קידוש ווערט דער עולם מעהר בעלעבט און צו אדון עולם
איז ער שוין פריש, מונטער, אין גאַנצען בעפרייט פון עול הפרנסה.

פון זארגען, פון קליינליכקייטען, מיט'ן גאנצען הארצען ווינשט מען איינער דעם אנדערען א „גוט שבת". עס דוכט, ווי עס וואלט גאר קיין מאל קיין קנאה, שנאה, צאנקעריי, רייסעריי ניט עקזיסטירט און מיט שטילע, רוהיגע טריט, ניט קוקענדיג אויפ'ן ברענענדען פראסט, לאזט זיך דער עולם געהן אהיים.

א שענער ווינטערדיגער אבענד! דער הימעל איז ריין און וואו ניט וואו בעפוצט מיט א העלינקען שטערענדעל; פון דער לבנה ציהען זיך ווייסע זילבערנע שטראלען און פאר זייער שיין בלישטשען אויפ'ן ריינעם קלארען שניי טויזענדער, טויזענדער בריליאנטען. אין אלע הייזער זיינען די פענסטער בעפוצט מיט די פראסט בלו־מען, נאר פון די אפגעגאנגענע ווינקלען שויבען זעהן זיך די גערעק־טע טישען מיט די ווייסע טישטיכער, מיט די אפגעשייערטע מע־שענע לייכטער, מיט די האלבע קאראפינקעס רויטען וויין.

איך לויף אריין אין שטוב פאר'ן טאטען. די פאדלאגע איז אויסגעשאטען מיט'ן געלען זאמד, אין אלע ווינקעלאך איז ליכטיג צוגעקליבען, אויפגערוימט, און ווען דער טאטע גיט א זאג „שלום עליכם", דוכט מיר, אז מלאכים פליהען ארום איבער'ן שטוב ארום דעם גרויסען הענגלייכטער, וואו די מאמע האט פאר'ן שוהל געהן געבענשט ליכט.

דאס עסען שמעקט טאקע גאר אנטיק, דער עונג שבת לאזט זיך פיהלען, און נאך דעם ערשטען געריכט, א שטיקעל געפילטע פיש, נעהמט זיך ביים טאטען א קול נגינה און ער זינגט מיט גרוים מתיקות „מה יפית". דער נגון איז אונז אלעמען גוט בעקאנט. און מיר העלפען אלע אונטער, אפילו די צוויי קליינינקע שוועס־טערלאך. נאר די מאמע זיצט שטיל, זי זיצט נאר און הערט און קלייבט נחת.

פון דעם שיסעל הייסע לאקשען שפארט אזש צו דער נידרי־גער סטעליע א זייל פארע, די קליינינקע פייערלאך פון די גראשע־נע חלב'ענע ליכטלאך ווערען ווי פערלארען אין דעם זייל. שטיקלאך קאלך הויבען אן צו פאלען פון דער סטעליע גלייך אין שיסעל און דער טאטע און די מאמע וואונדערען זיך, ווי אזוי קענען איצט פאלען שטיקלאך קאלך, וואס ווייזט אויף רעגען, אז די זון איז

פערגאנגענע אזוי שעהן און אין דרויסען איז אזא ברענענדיגער פראסט...

צום צימעס ווערען אלע אנגעווארעמטע, אנגעזעטיגטע געזיכ־טער פערצויגען מיט א צופרידענער פוילקייט, די זמירות האבען זיך שוין געענדיגט און די ברעמען ווערען שווער ווי בליי.

עס גלוסט זיך שוין קיינעם ניט עפענען דאס מויל, נאר דער צימעס, דער צימעס, די פרוכט פון דריי טעג הארעוואניע, די קרוין פון אלע שבת'דיגע פאטראוועס שטעהט איצטער אויפ'ן טיש. איין ליכטעל אין לייכטער צאנקט, דאס קליינינקע פייערל הויבט אן שפרינגען און אראפבלאזען זיך. פלוצים גיט עס א העלען שיין. לאזט ארויס א ניט אין ערד נאך א גרויסען פלאם און ווערט אויסגעלאשען, א דין שנירעלע פון בלויען רויך וויגט זיך אין דער לופט און אלע דערבייזיצענדע דערפיהלען פלוצים א מיאוסע ביי־טערקייט אין די מיילער.

די מאמע נאכ'ן עסען קוים וואס זי דערציהט ביז'ן בעט, זי האט אבער מורא לעגען זיך גלייך שלאפען, זי זאל חס ושלום קריאת שמע ניט פערפעהלען. זי זיצט האלב אנגעשפארט אויפ'ן קישען מיט א פערגליווערטען ווארט פון קריאת שמע אויף די האלב אפענע ליפען. זי דרעמעלט אונרוהיג, קענטיג, אז זי האט זיך גע־לעגט מיט א שווערען רעיון, וועלכער פערפאלגט איהר אין דרע־מעל, זי רייסט מיט כח אלע וויילע אויף די אויגען, גיט עפעס א מורמעל און דרעמעלט ווייטער.

אין שטוב איז שטיל. דער לאמפ ברענט, אבער דער טאטע ליעבט בעסער דאס קלייזעל, און פערבייסענדיג נאך דער זאטער סעודה מיט א הויפען באב פון דניאל'ס כבוד וועגען, לאזט ער זיך געהן צוריק אין קלייזעל. מיר שרעקט די הייליגע שטילקייט צווי־שען א שטוב טויט־פערשלאפענע מענשען און איך געה נאך דעם טאטען אהין. אבער אויסער דעם ציהט מיך אהין צום קלייזעל ווי מיט א מאגנעט גאר אן אנדער זאך. איך ווייס, אז דארטען וועט מען דערצעהלען שעהנע, וואונדערבארע מעשיות, מעשיות פון גוטע אידען, פון שדים, פון מתים, פון גנבים און גזלנים, און כאטש פאר די לעצטע מעשיות האב איך מורא סכנות נפשות, פון הערען ווערט

מיר דאָס ליב ווי אַ ריב־אייזען, נאָר וואָס מעהר מורא איך האָב פאַר זיי אַלץ מעהר חשק האָב איך צו הערען זיי...

דער שבת־גוי האָט שוין די לאָמפּען פאַפּראָוועט און זיי קאָפּ־טען ניט מעהר. די עטליכע מאנסביל, וואָס געפינען זיך איצט דאָרטען, זיצען גאַנץ בעזונדער, צושפּרייט אין אַלע ווינקלען, יעדער פאַר אַ לאָמפּ און זיינען מעביר קריאה די סדרה... איך איינער וויל גאָט ניט נאָרען און זעץ זיך לעבען דעם בלעכענעם סטאַיאַק־לייכטער אין פיער נאָרענס, די ליכט פון איין נאָרען און דעם צווייטען זיינען פעראייניגט מיט אַנגע׳חלב׳טע קנייטלאַך. מיר איז זעהר אינטערעסאַנט צו זעהן, ווי דאָס פייער פון איין נאָרען געהט איי־בער צום צווייטען און איך זיץ אַנגעשפּאַרט מיט׳ן קאָפּ אויףביידע צוזאַמענגעלעגטע הענט און קוק און וואַרט ביז די ליכט פון ער־שטען נאָרען וועט אויסגעהן און דאָס פייער וועט איבערגעהן צום צווייטען.

ענדליך הויבען אָן די סדרה־לייענער צו כאַפּען אינטערוויי־לעכטס אַ דרעמעל ביי די האַרטע ווערטער פון תרגום, און ביים ערוואַכען לאָזט זיך הערען אַ גרויסער גענעץ איבער דעם גאַנצען קלייזעל. דער גענעץ איז אַ מין סיגנאַל, און פון אַלע ווינקעלאַך הויבט זיך אָן צו הערען אַ פּאַטשאַינעס, גענעצען...

איינציגוויים קלייבען זיך אַלע אַרום לעבען אויוועז. דאָרט וועדט גאַנץ ענג, און איך האַלט קוים, קוים אָן אַ שטיקעל שטע־הענדיג אָרט ביים טיש.

און דאָ ווער איך געוואָר פון די הרי חשד, פון די רויטע איד־לאַך און פון טייך סמבטיון, וואָס וואַרפט אַ גאַנצע וואָך, ביז פרייטאָג צוועלף אַ זייגער שטיינער און רוהט שבת, און פון דער טומאה׳דיגער רוים וואו עס הענגט אַ וויגעלע אויף איין שטריקעל. דריי האָבען זיך שוין אָפּגעריסען און ווען דאָס לעצטע פיערטע שטריקעל וועט זיך אָפּרייסען, קומט די גאולה.

אַלע הערען מיט קאָפּ און אַ פיעבער לויפט איבער ביי יעדען איינציגען פון אַ ברענענדיגען וואונש, אז דאָס לעצטע שטריקעל זאָל זיך שוין געבען אַ ריס אָפּ... אזוי פיעל הונדערטער יאָהרען

געוואַרט און דערלעבט, אַז דריי שטריקלאַך זאָלן לאָפּנען, סך הכל נאָך איין שטריקעל... דוכט זיך, וואָס?...

— אָך, אַז מען זאָל דאָס וויסען, וואו דאָס ווינעלע הענגט. ווי קלערט איהר? וואָלט זיך שוין געפונען, דוכט זיך, איינער, וואָס וואָלט מקרב געווען די גאולה, זיפצעט דער דערצעהלער, נאָר ווער ווייס? מסתמא דאַרף מען אַזוי.

און דערנאָך געהען מעשיות וועגען כיטרע, קונציגע גנבות, וועגען שעהנע, פיינע שפּיצלאַך פון די ניט־שטוב־דערמאָנענדיגע, און יעדער איינער ווייס אַ גאַנצען שאָק אַזעלכע מעשיות און מיין קינדערשע פאַנטאַזיע ווערט אַזוי ווייט אָנגעשראָקען, אַז ווען מיר געהען אַרויס פון קלייזעל און אונז קומט אויס צו געהן פאַרביי דער שוהל, טוליע איך זיך צום טאַטען און האָב מורא אַ קעהר צו טהאָן דעם קאָפּ, איך זאָל דאַרטען פּלוצים ניט דערזעהן אַ ניט־גוטען, אַרומגעגאַרטעלט מיט זיין אייגענער צונג.

אין שטוב איז שוין פינסטער און איך געה טאַפּענדיג צו מיין בעטעל. איך קען לאַנג ניט איינשלאָפען און פון ליאַדע שאָרך אויפ'ן בוידעם אָדער פון עפּעס אַ קראַץ איבער דער וואַנט, פערפעהלט מיר אַטהעם פון שרעק. מיר דוכט, אַז איך בין אַרומגערינגעלט מיט גייסטער, רוחות און גראַב דעם קאָפּ אין קישען און מיך שרעקט מיין אייגענער אַטהעם.

# נאָך שלוש סעודות.

שוין צו שלוש סעודות האָט זיך דערפיהלט דער אומעט פון זעגענען זיך מיט דער בת מלכה שבת. ביים טיש איז געווען פינסטערלאַך, און די גאַנצע סעודה איז בעשטאַנען פון א קאַלטער פלאַטקע דערלאַנגט אויף אן איבערגעקעהרטען טעלער. אין דעם קורצען ווינטערדיגען טאָג האָט זיך ביי קיינעם נאָך דעם זאַטען שבת'דיגען וואַרעמעס קיין מויל ניט געעפענט צום עסען, און די קאַלטע פלאַטקע איז נאָר געווען אויסצופילען די צאָהל פון די דריי שבת'דיגע סעודות. דער טאַטע האָט עפּעס יאָ אָנגעהויבען צו זינגען א שלוש־סעודות'דיגען זמר'ל, אָבער דער „הן בבקעה, הן בהר, הן בשדה, הן ביער, הן בעיר, הן בכפר" האָט גיכער געקלונגען, ווי א „זיי געזונט" צו דער נשמה יתירה.

נאָר, מחשבות'ן, אין דער האלב פינסטערנים פון דעם ווינטערדיגען פאַרנאַכט איז מען קיין מאָל ניט זיכער, צי מען דאַרף איילען צו מעריב צי ניט, און אפילו ביי דער קורצער סעודה בעמערקט זיך שוין די וואָעדיגע יאָגענים.

אין קלייזעל ווערט דער אומעט פון שיידען זיך מיט דער נשמה יתירה נאָך דריקענדער. דער גרויסער עולם איז איצט פערקליבען ארום דעם איינציגען לאָמפּ, וואָס איז געבליבען ברענען פון ערב שבת און דער טרויער־נגון פון אשרי תמימי דרך שניידט ביים הארצען. פערלאָזט איז דער טיש לעבען אייווען, פון וועלכען די אָנגעגרייטע היץ פאר א גאַנצען מעת לעת איז אויסגעגאַנגען, אַזוי ווי עס איז אויסגעגאַנגען די שבת'דיגע נשמה יתירה.

די קליינוואַרג האָט זיך איצט פערקליבען אויף די טרעפּלאַך פון ארון קודש. דאָ איז דער חושך נאָך גרעסער פון די אריבער־

געלעגטע שווערע פוטערם איבערביידע פארענצעז, און דער פלאץ וואו מיר האבען זיך אויסגעזעצט זעהט אויס, ווי א פינסטערע הייהל. מיט די שמות, וואס ווארטען אויף זייער קבורה אונטער די טרעפלאך, איז אזוי אונהיימיש, אזוי מורא'דיג.

די שווארצע אריבערגעהאנגענע פוטערם מאכען די אימה נאך גרעסער, נאר איין פוטער טראגט אריין עפעס א ווייכקייט אין אונזער פינסטערער הייהל. דאס איז א פוטער, וואס איז צו אונז געקומען פון דער פרעמד און איהם האט געבראכט דער יונגער איידעם, וואס זלמן דער שיינקער האט גענומען פאר זיין טאכטער. דער פוטער האט דעם פרעהליכען געלבליכען קאליר, וואס פערטראגט צו אן איידעלע העלקייט. דער דאזיגער קאליר שטראלט ארוים אפילו אין דער האלבער פינסטערקייט און דער פוטער איז אזוי ווייך און גלאט, און ער איז פול מיט קליינע עקלאך.

וואס טיעפער עס ווערט די אימה אלץ ענגער טוליען מיר זיך איינער צום אנדערן און אונזער חבר שלום, וועלכער ווייסט אלץ, דערצעהלט שטיל, אזוי ווי ער וואלט א סוד איינגעראמט, ווי דעם גאנצען שבת האבען די זינדיגע געהאט רוה און גיהנם און איצט זיצען זיי און פלאטערען, ווייל דער גיהנם הויבט שוין באלד אן ווידער צו ברענען און עס וועלען זיך ווידער אנהויבען די גרויסע יסורים און ענוים. פון רוה צוריק בראטען זיך איז געקאכטע סמאלע. און דער פייער דארטען איז ניט ווי אונזער פייער. דארטען אז עס ברענט איז נאך ערגער ווי אין א קאלך־אויווען.

און דער פייער פון א קאלך־אויווען איז פאר אונז ניט קיין געוואוינליכער און ער האט אונז אויסגעוויזען צו זיין עפעס אזוינס, וואס נאר פארצייטען האט מען פון איהם געוואוסט, און מיט איהם פרובירט צדיקים.

עס הערט זיך א לייכטער ציטער אין שלום'ס קול און אנדערע הערצלאך ענטפערן מיט א פלאטערן. מיר דריקען זיך צו נאך ענגער איינער צום צווייטען, ווי שעפעלאך אין א גרויסען שטורם. מיט דער געדיכטער פינסטערנים ארום אונז, מיט די שווערע פוטערם איבער'ן קאפ, מיט די שמות וואס ווארטען אונטער אונז

אויף זייער קבורה, אין אונזער הייהל גאר ניט א פלאץ פון דער וועלט, און די אימה וואקסט.

מיר האבען ניט געהערט, ווי דער עולם האט אויפגעהערט צו זאגען תהילים און מיר האבען זיך אלע א צאפעל געטהאן פון שרעק, ווען עס האט זיך פלוצים דערהערט, ווי דער שמש האט א פאטש געטהאן איבער'ן בעלעמער און געלאזט דערמיט וויסען, אז עס איז צייט צו דאווענען מעריב. עס האט אונז אויסגעוויזען, אז דאס איז געווען דער סיגנאל צו מאכען דעם פייער אין גיהנם און אנהויבען צו בראטען די זינדיגע נשמות.

# צוקערנע מענשעלאך.

נאך דעם לאנגען, אומעדיגען ווינטער האבען זיך בעוויעזען די ערשטע אנזאגער פון א בעסערער פרעהליכערער צייט. ביי די בעקער אויף די טישלאך האבען זיך בעוויעזען המן־טאשען און דערצעהלט, אז פורים איז נאהענט. די סעמערם וואס זיינען געווען פערלאזט כמעט דעם גאנצען ווינטער האבען ממש אפגעלעבט און בעקומען א לעבעדיגען קאליר. עס זיינען מיט אמאל ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען צוקערנע מענשעלאך אין די העלסטע קאלירען, און די גאלדענע אפעלסינען האבען פשוט פערבלענדט די אויגען און די לעקאכדיגע עופות און די פערדעלאך און די נייע סארטען צוקערקעס האבען געגעבען די סעמערם אאז וואונדערבארען שעהנעם פנים, וואס זיי האבען קיינמאל אין קיין אנדער צייט ניט געהאט, און אז מיר איינגלאך, זיינען געגאנגען פון חדר איבער׳ן מארק, צווישען די סעמערם זיינען אונזערע אויגלאך אזוי צולאפען אז מיר האבען ניט געוואוסט אויף וואס צו קוקען פריהער.

די גאלדענע אפעלסינען האבען ביי אונז ארויסגערופען בלויז א רוהיגע בעוואונדערונג. זיי זיינען פאר אונז געווען צו אריסטאקראטיש און אין אונזערע געדאנקען האבען מיר זיך געהאלטען אויף א דרך־ארץ׳דיגען מרחק פון זיי. נאר דערפאר האבען די רויט אנגעפארבטע צוקערנע מענשעלאך און די לעקאכדיגע עופות פרעהליך געוואונקען צו אונז און אפגעגעבען אונז מיט אן אויפרייצענדער ווארעמקייט.

די ערשטע פאר טעג האבען מיר פשוט מורא געהאט אפילו צוצוטרעטען צו א סעמער. די סעדיכעם האבען מיט אזא כל טוב אנגענומען איבריגע גאוה און מיר האבען זיך געפיהלט צו קליין.

צו גישטיג, אז מיר זאָלען וואגען צוגעהן צו זיי. און אז איך האָב זיך ענדליך מיט מוטה אָנגענומען און איינגעהאנדעלט א צוקערנעם אַפיצערל מיט עפּאָלעטען און א שפּאגע און בין געלאָפען אַהן אַז אַטהעם ווייזען דער מאמען די מציאה, האָט זי זיך אויף מיר אָנ־געבייזערט:

— עס ניט! דאָס איז סם המות.

איך האָב געקוקט אויף דעם אָנגעפּארבטען אַפיצערל און גע־ווארפען א בליק פון אונטער'ן שטערען אויף דער מאמען און בין צום וויפיעלטען מאָל געקומען צום שלום, אז די מאמע איז א פּחדן־לב'ע. פאר אַלץ האָט זי מורא: זי האָט מורא איך זאָל א שפּרונג טהאָן, זי האָט מורא איך זאָל זיך א גליטש טהאָן, זי האָט אפילו מורא פאר'ן דראָט מיט די פיסטאָנעס וואָס איך האָב געקויפט צו שיסען המנ'ען און זי וויל ניט אנדערס, אז איך זאָל בעסער איינ־שאפען זיך א שרייער אָדער א קאלעקאָטקע און זי פערשטעהט ניט, אז פאר א אינגעל וואָס איז שוין ארוים פון די האלבע טייטשע מייטקעלאך איז א חרפּה צו שלאָגען המנ'ען מיט אזעלכע קינדערשע זאכען.

פערשטעהט זיך, אז איך האָב דער מאמען ניט געפאָלגט און איך האָב מיין אַפיצערל שטייפער פערקוועטשט אין האנט און אז די מאמע האָט זיך פערקוקט, האָב איך מיט גרויס ליעבשאפט א לעק געטהאָן, איך האָב ערווארט צו דערפיהלען א טעם גן־עדן אין מויל, נאָר דער טעם איז געווען עפּעס א לאַקריץ זיסליכער. איך האָב פּרובירט אַן עפּאָלעט, נאָר דער טעם איז ניט בעסער געוואָרען. אין א וועלכע עטליכע סעקונדען איז מיין אַפיצערל שוין געווען אַהן א פּוס, מיט א האלבע שפּאגע, אַהןביידע עפּאָלעטען, און מיין ליעבשאפט און בעוואונדערונג פאר איהם איז אַלץ קלענער און קלע־נער געוואָרען.

און מיין צער איז נאָך גרעסער געוואָרען דערפון, וואָס דער אַפיצערל איז איצט געווען אין אזא צושטאנד, אז ער האָט אפילו ניט געטויגט פאר שלח מנות.

# פורים.

עס איז געווען א טאג פון גרויסע ערוואַרטונגען, ספּעקולאַציעס און ביטערע ענטטוישונגען. איך האָב זיך ניט אַזוי גרינג געזעגענט מיט'ן שלח מנות, וואָס איך האָב געשיקט מיינע חברים. איך האָב צעהן מאָל איבערגעקוקט די פּאָר צוקערנע מענשעלאַך און די לעקאַכדיגע עופות און בהמות און די עטליכע נים און איבערגעצעהלט און איבערגעמאָסטען יעדע זאַך בעזונדער און נאָכדעם געבליבען זיצען מיט א האַרצקלאַפּעניש און האָב אויסגעקוקט די אויגען, וואָס וועל איך קריגען צוריק. עס איז געווען א גרויסע ספּעקולאַציע צו שיקען די האָזיגע צוקערנע מענשעלאַך און האַרטע לעקאַכדיגע העהנער און פערדעלאַך און די טערקישע נים, און פערלאָזען זיך אויף יענעמס יושר. און די נשמה איז ממש אויסגעגאַנגען פון פיבערישען וואַרטען ביז יענער האָט צוגעשיקט זיין שלח מנות. און אַזוי ווי דער גאַנצער קונץ פון שלח מנות בעשטעהט פון מאַכען א געניטען חלוף, האָט מיר שטענדיג אויסגעוויזען, אַז מען האָט מיך געקריוודעט. און ווען עס איז געקומען צו דער סעודה, בין איך צום טיש צוגעגאַנגען גאָר ניט אין א יום טוב'דיגער שטימונג.

ביי דער סעודה איז פערזאַמעלט געווען די גאַנצע הויזגעזינד. און הגם דאָ האָב איך זיך געקענט אביסעל בעפרידיגען, וויל איך בין געווען דער מיזיניק און איך האָב געקענט אַרונטערנעהמען פון דעם שלח מנות, וואָס מען האָט געשיקט טאַטע־מאַמען אבי וועלכע נאַשעריי האָב איך געהאַט עגמת נפש פון דעם אופן, ווי אַזוי זיי האָבען דעם חלוף געמאַכט. עס איז אויסגעקומען, אַז זיי האָבען זיך תמיד גענאַרט. אפּגערעדט פון דעם

שלח מנות, וואס די כלי קודש האבען געשיקט, א שלח מנות צו וועל־כען מען האט זיך כמעט ניט צוגעריהרט און דער טאטע פלעגט נאך אפרעקען דאס טיכעל פון טעלער, אריינלעגען אביסעל מזומן און גלייך אפגעבען דעם שליח צוריק, מיט א מתנה פאר׳ן גאנג. נאך אפילו פון דעם שלח מנות וואס קרובים און גוטע פריינד האבען צו־געשיקט, האט דער טאטע ארונטערגענומען עפעס א קלייניגקייט פון יוצא וועגען און געלאזט דער מאמען זי זאל אנלעגען מגדנות פיעל עס האט געקענט אריין אין טעלער. און די מאמע האט אנגע־גרייט אויף שלח מנות טאקע גאר פיינע מגדנות. דא זיינען געווען די אריסטאקראטישע אפעלסינען, דא זיינען געווען פערשיעדענע טארטען און נאך אזעלכע גוטע זאכען, וואס האבען ממש ארויס־גערופען וואסער אין מויל. און הגם אפילו א בלינדער האט געקענט זעהן ווי אזוי טאטע־מאמע נארען זיך אפ פון קאפ ביז די פיס, זיינען זיי געווען זעהר צופריעדען דערמיט און האבען ממש הנאה געהאט דערפון.

די סעודה איז צוגעגאנגען שטיל הגם אלע וואס זיינען גע־זעסען ארום טיש, א חוץ די ווייבער און קינדער, האבען שוין עט־ליכע מאל געמאכט לחיים. און שטילער פון אלעמען איז געווען דער פרוש, וועלכער האט ביי אונז געגעסען שבת און יום טוב. ער איז שטענדיג געווען א שווייגענדיגער און האט געהאלטען די אויגען תמיד אראפגעלאזט. ער איז געווען א שוואכער, אויסגעווייקטער יונגערמאנטשיק און די מאמע האט אפט מיט רחמנות געזאגט, אז זי ווייסט ניט ווי אזוי די נשמה האלט זיך אין איהם. ער האט קיין מאל קיין הויך ווארט ניט ארויסגערעדט און בכלל האט ער זעהר וועניג גערעדט.

די פורים׳דיגע פאטראוועס זיינען געקומען מיט גרויסע הפסקות און דערווייל האט די משקה אין פלעשעל דערגרייכט צום דעק. פון א שכנ׳ישע הויז האבען זיך באלד דערהערט פרעהליכע קולות.

— דאס איז ביי וואלפע דעם חסיד, — האט דער טאטע בע־מערקט.

די פרעהליכע קולות און באלד דער לעבעדיגער געזאנג, וואס

האָט זיך אָנגעהויבען ביי וואָלפע דעם חסיד האָט ארויסגערופען ביי אַלעמען ביים טיש עפּעס א מין ביינקענים. אַלע האָבען מיט אמאָל דערפיהלט, אז די שטילקייט און רוהיגקייט ביים טיש איז א מין בעליידיגונג פאַר דעם יום טוב פורים, ווען עס איז א מצוה צו טרינ־קען און צו הוליען. און מיט א מין קנאה אין קול האָט דער טאַטע געזאָגט:

— די חסידים — זיי קענען זיך פרעהען.

צייט דער געזאָנג האָט זיך אָנגעהויבען ביי וואָלפע איז דער פרוש געוואָרען ווי עפּעס אונרוהיג. ער האָט עטליכע מאָל אויפגע־הויבען דעם קאָפּ ווי וועלענדיג בעסער כאַפּען די נגונים וואָס האָ־בען דערגרייכט צו אונז, און פּלוצים האָט ער א פּאַטש געטהאָן איבער׳ן טיש און א קאָמאַנדעווע געטהאָן קורץ:

— בראָנפען!

דאָס איז געווען אַזוי אונגעריכט אז איך האָב זיך פאַר׳ן פּאַטש דערשראָקען, נאָר דערהערענדיג וואָס ער פאָדערט, בין איך אַזש אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד. איך האָב זיך גלייך אָנגעשטויסען, אז ערשט איצט וועט זיך אָנהויבען דער אמת׳ער פורים און איך האָב פערגעסען אַלע מיינע קריוודעס. וואָס מען איז געגען מיר בעגאַנגען מיט׳ן שלח מנות.

באַלד איז שוין געשטאַנען א נייע פלאַש אויפ׳ן טיש און איצט האָט דער פרוש אָנגעגאָסען און גענומען בעל הבת׳עווען.

ער האָט איצט געקראָגען דעם דבור און האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער.

— וואו איז אייער שכן? — האָט ער פּלוצים א פרעג גע־טהאָן.

ביי אונז האָט געוואוינט א פאָר פאָלק אין שכנות. זיי האָ־בען געוואוינט אין א קאַמער און האָבען דאָרטען געמאַכט די סעודה פאַר זיך. און אזוי ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען פאַר אונז האָבען זיי זיך שוין געלעגט שלאָפען.

— רוף אריין דעם שכן! — האָט ער צו מיר געזאָגט.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער טהיר און א רוף געטהאָן:

— רב גרונם, מען בעט אייך צום טיש.

קיינער האָט ניט געענטפערט. די טהיר איז געווען פערשפּאַרט און אין קאמער איז שוין געווען פינסטער.

— זיי שלאָפען! — האָב איך אָפּגעגעבען אַ רעפּאָרט!

— וועק איהם אויף!

— איך האָב געפאָלגט און גרונם האָט געענטפערט:

— איך דאַרף געהן מאָרגען צו דער ארבייט.

— וואָס הייסט, ער וויל ניט פאָלגען? — האָט דער פרוש געפרעגט אזוי פער׳חדוש׳ט, אזוי ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבען געוועןן געוואוינט אז מען זאָל פאָלגען זיינע בעפעהלען.

— איך וועל איהם בעטען, — האָט דער טאַטע געזאָגט און געלאָזט זיך געהן צום קאמער.

ער האָט אויך געקראָגען דעם זעלביגען ענטפער און פיעל דער טאַטע האָט מיט איהם ניט אריינגע׳טענה׳ט דורך דער פערשפּאַר־טער טהיר, אז היינט איז פּורים און עס וועט זיין פרעהליך, האָט ניט געהאָלפען.

איך זעה, אז איך מוז זיך שוין אליין מטריח זיין, — האָט דער פרוש געזאָגט — האָט איהר ערגעץ אַ האמער?

— אַ האמער? — האָט דער טאַטע און נאָך איהם אַלע ביים טיש איבערגעפרעגט — וואָס דאַרפט איהר אַ האמער?

— איהר פאָלגט וואָס מען הייסט, האָט ער געזאָגט ווי אַן אמת׳ער בעפעהלער.

ער האָט מיט׳ן האמער געגעבען צוויי קלעפּ אין טהיר און נאָך אַ קורצער הפסקה אַ דריטען קלאַפּ און געזאָגט מיט אַ קול ווי מען רופט אויף צו אַן עליה:

— יעמוד מורנו רב גרונם און קומט מאַכען לחיים!

גרונם האָט אַלץ געענטפערט, אז ער ליגט שוין אין בעט און דאַרף מאָרגען געהן צו דער ארבייט.

— איך בין גוזר אויף אייך, אז איהר זאָלט תיכף ומיד אריינ־וואַרפען זיך אין די הויזען ווייל אין צוויי מינוט ארום וועט איהר זיצען ביים טיש און מקיים זיין עד דלא ידעי.

— אדרבא, ווייזט אַ קונץ, — האָט שוין גרונם געענטפערט מיט אַ האַלבען געלעכטער.

דער שוואכער און אויסגעווייקטער פרוש, וועלכער האט קיין מאל קיין הויך וואָרט ניט ארויסגערעדט און אין וועלכען די נשמה האט זיך קוים געהאלטען, האט א שליידער געטהאָן דעם האמער, ארונטערגעווארפען פון זיך זיין קאפאטע און מיט א געשריי „לשם ולגדעון" האט ער גענומען קלעטערען איבער דער טהיר.

איבער'ן טהיר און סופיט איז געווען אן עפענונג און אהין האט ער זיך ארויפגעדראפעט מיט דער פלינקקייט פון א קאץ און באלד איז ער פערשוואונדען דורך דער עפענונג צו גרונם'ן אין קאמער.

ביים טיש איז שוין קיינער ניט געזעסען, און איינער האט זיך איבערגעקוקט מיט'ן צווייטען מיט א בליק פון אנגענעהמער איבער־ראשונג און בעוואונדערונג.

— לאזט מיר אנטהאָן די שטיוועל און די קאפאטע! — האט זיך געהערט גרונם'ס קול פון קאמער.

— מען האט אייך מתרה געווען פריהער און איהר האט צייט געהאט פריהער. איצט זייט צופריעדען וואס איהר האט אויף זיך די הויזען.

און דער שוואכער, אויסגעווייקטער פרוש האט טריאומפירענ־דיג ארויסגעפיהרט פון קאמער א פערשעמטען גרונם'ן, געזעצט איהם ביים טיש. ער האט איהם אנגעגאסען בראנפען און געזאגט:

— היינט איז פורים און א איד געהט ניט א ניכטערער שלאפען.

— לאזט מיר כאטש אנטהאן א קאפאטע. — האט זיך גרונם געבעטען.

— איהר וועט טרינקען, וועט איהר ניט וויסען צו איהר האט א קאפאטע צו ניט.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער פרוש קען זינגען און טאנצען, דאס הייסט שפרינגען און מען האט געטרונקען און מען האט געזונגען און מען איז געשפרונגען ביז שפעט אין דער נאכט.

און ווען מען האט זיך נאך האלבער נאכט אויפגעהויבען פון טיש האט שוין קיינער אויף די פיס ניט געקענט שטעהן און אלע מאנסביל, און גרונם אויך צווישען זיי, האבען זיך ארויסגערופען

צו געהן בעגלייטען דעם פרוש. אויפ׳ן וועג האט ער ערגעץ דער־זעהן א ציעג און האט זיך אויף איהר ארויפגעכאפט רייטענדיג און אזוי איז ער געפאהרען אין דער בעגלייטונג פון דער גאנצער סוויטע און דעם גאנצען וועג האט ער שוין מיט א הייזעריגען קול געזונגען מיט׳ן מגלה־נגון: „ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו״.

און ווען ער איז דעם קומענדען פרייטאג אבענד געקומען עסען, איז ער ווידער געווען דער שוואכער און אויסגעווייקטער יונגערמאנטשיק, מיט די אויגען אראפגעלאזט און קוים די נשמה האט זיך אין איהם געהאלטען. נאר זיין קול איז געווען הייזעריגלאך.

און לאנגע, לאנגע יאהרען האבען מיר ניט געקענט פערגעסען די קונדסעריי, און די פלינקייט און דעם קוראזש און די גבורה אין טרינקען, וואס דער אויסגעווייקטער פרוש האט געוויזען אין יענער נאכט פון פורים.

און דאס איז געווען דער לעצטער פרעהליכער פורים, וואס איך האב געזעהן.

# דער ערשטער ווארעמער שטראהל.

## (פון די קינדערשע יאהרען).

מיר האבען נאך רעכט ניט אפגעכאפט דעם אטהעם פון די סאמע גרויסע פרעסט, ווי עס האט אויף אונז א שיין געטהאן דער ערשטער ווארעמער שטראהל.

נאך איז דאס גאנצע שטעדטעל געלעגען איינגעקאוועט אין דעם איינגעפרארענעם שניי, וואס האט זיך דורך לאנגע דריי הדשים אין די גאסען אונטער די שווערע טריט פון די תושבים אין א ברודיגען אייז פערוואנדעלט; נאך זיינען די דעכער געווען בעלאדען מיט'ן פיערטעל־יעהריגען וויסליכען שניי; נאך זיינען די שויבען און די פענסטער געווען באדעקט מיט'ן קוויטעלדיגען פראסט; נאך זיינען טהיר און טהויער געווען פערשפארט, אז די בייזע קעלט זאל דורך זיי ניט קענען אריינכאפען זיך; נאך זיינען די דובאלטאווע פענסטער געשטאנען אויף דער וואך אז די אייזיגע לופט זאל זיך דורך א שפארע ניט ארייג'גנב'ענען אין די הייזער.

און פלוצים האט א שיין געטהאן א ווארעמער שטראהל. די לופט איז מיט אמאל פול געווארען מיט גינגאלדענע פערימלאך און זיי האבען גענומען וועבען די פערגליווערטע האפנונגען און בעפליגלען די איינגעפרוירענע פאנטאזיע; טרערען פון שמחה האבען אנגעהויבען צו קאפען פון די איינגעקאוועטע דעכער, און א זיפץ פון ערלייכטערונג האט זיך ארויסגעריסען פון אלעמענס הערצער.

א סוף פון דעם בייזען און שטרענגען ווינטער.

דורך דעם לאנגען ווינטער האט זיך מיט יעדען נייעם אויסגעפאלענעם שניי אונזער געסעל אויפגעהויבען. די צייטען פון יאהר זיינען אין מיין אלטער היים געווען שטרענג אויסגעהאלטען. סוף

אסיען האָט אָנגעהויבען צו פאַלען דער שניי און איז געבליבען ליגען ניט גערירט, נאָר מיט יעדען טאָג איז ער אין די גאַסען אַלץ הארטער און הארטער איינגעטראָטען געוואָרען און ווען די ווינטערדיגע פרעסט זיינען געקומען און פערוואַנדעלט איהם אין אייז, איז ער שוין געווען אַזוי הויך, אַז ווען מען האָט געדאַרפט אריינקומען אין אַ שטוב האָט מען זיך פון גאַס אין פאַרהויז גע־דאַרפט ארונטערלאָזען ווי אויף טרעפּ. די אָרימע איינענטאָזשיגע שטיבער האָבען זיך ווי איינגעקאַרטשעט און האָבען אויסגעזעהן אַ סך נידריגער. און אפילו די קלענסטע קונדסים האָבען געקענט אויס־שטרעקען זייערע הענט און ארונטעררייסען די אייז־ליכטלאַך, וואָס זיינען ארונטערגעהאנגען פון די דעכער, ווען דער ווינטער איז מיט אַ מאָל משוגע געוואָרען און ניט געוואָלט געבען אַ פּאָר טעג זיינע פרעסט.

נאָר יענע משוגע׳נע אָדליגעם האָבען קיינעם ניט גענאַרט. מען האָט געוואוסט, אַז מעהר ווי אַ טאָג אָדער צוויי וועלען זיי ניט גע־דויערען און די גאַסען און די דעכער וועלען ווידער איינגעקאָוועט ווערען.

אַנדערש איז אָבער געווען מיט די ערשטע ווארעמע שטראַה־לען. זיי זיינען געווען די אמת׳ע אָנזאָגערס אַז די גבורה פון דעם ווינטער איז שוין געבראָכען און די שווערע קייטען וואָס ער האָט אָנגעטהאָן אויף אַלעמען און אוי פאַלץ וועלען מעהר קיין קיום ניט האָבען און וועלען צושפּרונגען ווערען ביי די ערשטע בעריהרונג מיט זיי. און די ערשטע ווארעמע שטראַהלען האָבען ניט נאָר אָנ־געזאָגט, אַז דער סוף פון דעם ווינטער איז שוין געקומען, נאָר אַז עס קומט אויך דער סוף פון דעם זמן אין חדר.

מיט די ערשטע ווארעמע שטראַהלען האָט אונז דער רבי אָנ־געזאָגט די פרעהליכע בשורה, אַז דער לימוד ביי נאַכט האָט אויפגע־הערט און מיר זיינען פריי אין אָבענד. די שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבען זיך אונטערגענומען אָפּצוראַמען דעם ווינ־טער פון אונזער געסעל און מאַכען זיין סוף פיעל גיכער. מיט האַק און אייזען האָבען מיר זיך גענומען גרונטעווען אין דעם אייז און רייסען פון איהם שטיקערווייז.

און נאָך קיינמאָל איז מיר פיזישע אַרבייט ניט געווען אַזוי זיס ווי אין יענע גליקליכע טעג, ווען די זון האָט אַרונטערגעשיקט איהרע ערשטע גינגאָלדענע שטראַהלען, און מיר האָבן אונזער געסעל גענומען אויסלייזען פון דעם אייזיגען יאָך. טרערען פון פרייד, וואָס די דעכער האָבן געגאָסען זיינען געווען אַ וואַרנונג, אַז דער הויכער אייז פון געסעל מוז אָפּגעראַמט ווערען איידער ער לאָזט, און פון יעדער שטוב איז עמיצער אַרויסגעקומען מיט אַן אייזען און האַק און גענומען זיך צו דער אַרבייט.

נאָר אויב די ערוואַקסענע מענשען איז די דאָזיגע אַרבייט געווען אַ הכבדה, איז זי פאַר אונז געווען אַן אמת'ער תענוג. און אַזוי גיך ווי מיר חדר־אינגלאַך זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט'ן וואַרעמעס האָבן מיר אנשטאָט צו לויפען געשווינד צוריק אין חדר געכאַפּט אַ האַק און אַן אייזען און גענומען זיך צום אייז. און זיכער האָט דער טאַטע מוצאי יום כפור ניט אַריינגעקלאַפּט דעם ערשטען פלעקעל פאַר דער סוכה מיט מעהר שמחה, ווי איך האָב אַריינגעלאָזט די האַק אין דעם נאָכגיביגען אייז.

שווער איז געווען דער אייזען פאַר די קליינע דאַרע הענטלאַך, נאָר עס איז געווען ממש אין לעבען אַריין, ווען דער עלטערער ברודער אָדער דער טאַטע האָט געוואָלט צולעגען אַ האַנט. מיט דער גרעסטער אייפערזיכטיגקייט האָבן מיר אונזערע כלי מכשירים געהאַלטען ביי זיך און ניט געלאָזט די עלטערע מענשען צוריהרען זיך צו זיי. און איבער'ן גאַנצען געסעל ווי דורך אַ סיגנאַל האָבן זיך געהויבען די העק אין דער לופטען, אויפגעכאַפּט אויף זיך די שטיפערישע גינגאָלדענע שטראַהלען און אַרונטערגעלאָזט זיך מיט אַ טויבען קלאַפּ.

און ווי דורך אַ כשוף ווערט דאָס געסעל בעפרייט פון די אייזיגע קייטען, עס ווערט פערשוואונדען די ברודיגע שווערע אייזיגע דעקע און די שטיינער פון ברוק כאַפּען אָפּ דעם אָטהעם נאָכדעם ווי זיי זיינען דריי חדשים געווען טיעף בעגראַבען. העכער הויבען זיך אויף די הייזער און אומעדום פיהלט זיך דער פרייער אָטהעם.

און די טראָפּענס וואָס קאַפּען פון די דעכער, און די נאַסע שטיינער פון דעם בעפרייטען ברוק, און די גינגאָלדענע שטראַהלען וואָס

שטיפען, שפרינגען און טאנצען אין דער קלארער לופט און בלענדען די אויגען מיט זייער פרישען און העלען שיין, זאגען, אז עס איז שוין א סוף פון דעם ווינטער.

און די אינגלאך מיט די אויפגעהויבענע קעפלאך, מיט זייערע פרייע אבענדען זאגען אז עס איז א סוף צום זמן מיט די לאנגע נעכט, א סוף צו דער הארטער באנק פון חדר און נאך עטליכע געצעהלטע טעג און זיי זיינען בני חורין.

# שבת הגדול.

דער הויך פון יום טוב האט זיך שוין געפיהלט שבת הגדול ביים ווארעמעס ביי בעריל דעם סטאָליער אין שטוב. הגם די איינ־ציגע זאך וואס האט אפשר א שייכות געהאט מיט׳ן פסח איז גע־ווען דער כריין פערדרויטעלט מיט ראסעל פון בוריקעס, וואָס איז געשטאַנען אין א פלאש אויפ׳ן טיש. דער הויך פון יום טוב האט זיך געשפירט אין דער זעלטענער ריינקייט און ליכטיגקייט, וואס מען האט אין שטוב געזעהן א קיילעכדיגען האלב יאהר, צייט מען האט תיכף נאך סכות ארייגגעשטעלט די דובולטאווע פענסטער. איצט איז די שטוב געווען פריש אויסגעקאלכט, די פאָדלאגע אפ־געסקראבעט און אויסגעוואשען, די לייכטער און די מעשענע און קופערנע כלים ארומגעשייערט און אלץ האט געפינקעלט און גע־בלאנקט.

דער צוואנציגיעהריגער הענאך, בערילס מוזיניק. האט דוקא איצט דערפיהלט עפעס א מין ענגשאפט און ער האט זיך קוים דער־ווארט אז מען זאל שוין אפבענשען. ער האט גענומען די הגדה און געזאגט:

— איך געה אין קלייזעל.

הענאך איז געווען א שטילער, סטאטעטשנער בחור און האט נאר געוואוסט פון זיין שטוב, זיין ווארסטאט און זיין קלייזעל. אויב ווייבער האבען זיך מיט איהם ניט געבענשט איז דאס נאר געווען דערפאר, וואס ער איז געווען א פראסטער בעל מלאכה און ניט קיין לערנער. ער איז ניט געגאנגען אין קלייזעל לערנען, ווייל ער האט לערנען ניט געקענט: ער איז אויך ניט געגאנגען זאגען **תהלים אדער הערען עין יעקב — ווייל ער איז נאך ניט געקומען**

אין יענע יאהרען ווען מען גיט זיך אָפּ דערמיט; נאָר אין קלייזעל האָט ער זיך געפיהלט פיעל געהויבענער, ווי אין שטוב אָדער ביי דער אַרבייט, דאָ איז איהם עפּעס ווי צוגעקומען אַ נשמה יתירה און ער האָט ליעב געהאט צו הערען די שיחת חולין פון קלייזעל.

אין זיין געסעל האָט זיך שוין בעוויזען אַז אנדער סאָרט אַרבייטער, וואָס האָט געפונען אַז אנדער צייט־פּערטרייב און אנדערע פערגניגענס. אנטקעגען הענאָך׳ס שטוב האָט געוואוינט הינדע די נייטערקע און, אַ שטייגער, שבת ביי טאג האָבען זיך דאָרטען פערקליבען די מיידלאך, וואָס האָבען ביי איהר געאַרבייט, זייערע חברת׳עם און זייערע בעקאנטע יונגע בחורים און מען האָט דאָרטען געטאַנצט און שמחות געמאכט און פרעהליך פערבראַכט.

הענאָך האָט מיט יענע בחורים קיין מחזקות ניט געמאכט און מיט קיין מיידלאך קיין בעקאנטשאַפט ניט געפיהרט. זיין לעדיגע צייט האָט ער פערבראַכט אין קלייזעל און דאָרטען האָט ער געהאט זיינע אייגענע פערגניגענס. ער איז געווען אַ געזונטער בחור און ער האָט אָפט געוויזען גבורות אין הויבען די שווערע גמרות. ער האָט ליעב געהאט צו שטעהן פאַר׳ן טיש ביים אייווען וואו מען האָט געקענט הערען אַלערליי נייעס און די וואונדערבאַרסטע מעשה׳לאך. ער האָט געהאט אַ חוש פאַר דער הומאָר וואָס מען הערט אָפט פון פּראָסטע מענשען און אונטער זיין לאנגליכער און דיקליכער נאָז איז אָפט געווען פערבאָרגען אַ שמייכעל. און האָט אַליין אויך ליעב געהאט צו זאגען אַ המצאה אין דעם דאָזיגען גייסט.

הענאָך איז געקומען אין קלייזעל און האָט דאָ קיינעם ניט געטראָפען. די אָרים בחורים און פּרושים זיינען זיך צופאָהרען אויף יום טוב און פון בעלי בתים איז קיינער ניט געקומען זאגען די הגדה אין קלייזעל.

הענאָך׳ן האָט אויסגעוויזען, אַז דאָס קלייזעל זעהט איצט אויס גאָר אנדערש ווי אַלע מאָל. דורך די גרויסע פענסטער האָבען זיך געשאָטען גינ־גאָלדענע שטראַלען און דאָס גאנצע קלייזעל איז מיט זיי געווען פערפלייצט, און עפּעס אַ זעלטענע ווייכקייט, לאַסטשעדיגקייט האָט זיך געפיהלט אין די דאָזיגע שטראַלען.

ער האט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן טאטענס שטאט און אנגעהויבען צו זאגען די הגדה, מיט'ן ריכטיגען נגון און מיט'ן ריכטיגען טראפ. ער האט געזאגט א גלאטע עברי און די הגדה איז איהם געווען גוט בעקאנט. פלוצים האט ער דערהערט א מיידעלשען געלעכטער. דאס האט געלאכט שמואל איטשע דעם סטאליערס טאכטער, וועלכע האט געוואוינט אין דעם שטיבעל אנטקעגען איבער דעם קלייזעל.

ער האט א ווארף געטהאן א בליק אין דער ריכטונג פון וואנען דאס געלעכטער איז געקומען. ער האט קיין טעות ניט געמאכט. דארטען איז אין טהיר געשטאנען איטקע שמואל איטשעס מיידעל, מיט נאך א פאר מיידלאך וואס זיינען איצט צו איהר געקומען.

איטקע איז הענאד'ן קיינמאל ניט געווען געפעלען. זי איז געווען א קליינע און א קיילעכדיגע און ווען זי איז געווען שטייף איינגעגארסעוועט האט זי געמאכט דעם איינדרוק פון עפעס דרייגארענדיגעס אין א קליינעם פארמאט, און האט דערמאנט דריי טעפלאך, ווי זיי שטעהען איינער אויפ'ן צווייטען: פון אויבען א קלענערער, אין מיטען א גרעסערער און אונטען נאך א גרעסערער. מען זאגט, אז זי איז א גרויסע פערדיענערקע, זי ארבייט ביים בעסטען דאמסקען שניידער און זי איז דארטען די ערשטע מאסטעריצע, נאר מיט אזא פנים ווי איהרען און אזא פיגור ווי איהרע וועט זי מיט אלע איהרע פערדיענסטען לאנג דארפען ווארטען אויף א חתן.

ניין, איטקע איז הענאד'ן לחלוטין ניט געווען געפעלען, און ער האט קיין מאל אין איהר זייט ניט געוואלט א קוק טהאן, און ער האט אליין ניט פערשטאנען פאר וואס ער האט אפגעקעהרט די אויגען פון דער הגדה און נאכגעקוקט איטקען און איהרע חברת'עס, און ווען זיי זיינען פערשוואונדען הינטער דער טהיר, האט ער זיך באלד אריבערגעזעצט צום פענסטער, וואס איז ארויסגעקומען אנטקעגען שמואל איטשעס שטיבעל און ער האט מיט מעהר חשק גענומען זאגען די הגדה.

אין קלייזעל זיינען דערווייל אנגעקומען נאך עטליכע בחורים.

מיט וועלכע הענאך האט זיך גע׳חבר׳ט. זיי זיינען אויך געקומען מיט די הגדות און ווי הענאך זיינען זיי אויך ניט געווען אזוי אויסען צו זאגען די הגדה, נאר וויל זיי האבען זיך געפיהלט עפעס ענג ביי זיך אין דער היים און עס האט זיי געצויגען צו א פרייערען פלאץ.

— וואס האסטו זיך עפעס געזעצט דא? — האט געפרעגט ברוך, א געזונטער בחור, מיט ברייטע באקען און עטוואס אנגעבוי־גענעם רוקען.

— דא איז בעסער, — האט הענאך געענטפערט קורץ.

פון שמואל איטשעס שטיבעל האט זיך איצט דערהערט דער נגון פון א קאדריל, אויסגעברומט מעהר אונטער דער נאז ווי דורכ׳ן מויל. דאס האבען די מיידלאך אונטערגעברומט דעם נגון און האבען זיך געשטעלט טאנצען.

ביי שמואל איטשען אין שטיבעל איז דאס טאנצען ניט געווען פערשייט. דא האבען זיך צוזאמענגעקליבען מיידלאך, אהן בחורים, און האבען אליין אונטערגעזונגען און אליין געטאנצט.

— אהא! — האט זיך אנגערופען אלטער, א הויכגעוויקסיגער דארער בחור. — הענאך וויל זיך אויסלערנען טאנצען.

זיי האבען זיך אנידערגעזעצט לעבען הענאך׳ן און אויך אנ־געהויבען צו זאגען די הגדה אויפ׳ן קול, מיט׳ן ריכטיגען נגון. זיי האבען זייער קול געהויבען פיעל העכער און דעם נגון מעהר אויס־געצויגען, ווי עס פאדערט זיך ביים זאגען די הגדה שבת הגדול. די הגדה האט לאנג ניט געדויערט, און די ערשטע ווייכע לאסטשעדיגע שטראלען פון דער פריהלינג־זון האבען זיך געשאטען דורך די גרויסע פענסטער און גענומען שטיפען מיט די פריזמעס, וואס זיינען אין צוויי גארען אראפגעהאנגען פון דעם הענגלייכטער און ארויסגערו־פען ארום זיי א וואונדערבארען געמיש פון די רייכסטע קאלירען, וועלכע האבען פערבלענדט די אויגען.

דאס שטילע ברומען פון די יונגע מיידעלשע שטימען, וואס האט דערגרייכט פון שמואל איטשעס שטיבעל דורך די אפענע פענסטער האט געהאט אין זיך עפעס אנ׳שכור׳ענדעס. הענאך האט פלוצים דערפיהלט, ווי א פערשפארטע קראפט הויבט זיך אן צו

שטויסען ביי איהם אינעווייניג און רייסט זיך ארויס. ער האט זיך ענערגיש א הויב געטהאן פון באנק, אנגעכאפט ברוך'ן און א הויב געטהאן איהם אין דער לופטען.

— א חכם אויפצוהויבען מיך, ווען איך האב זיך ניט גערעכט! אדרבה, ווייז א קונץ און הויב מיך איצט אויף, — האט ברוך זיך אנגערופען.

זייער ראנגלען זיך האט באלד צוגעצויגען די אויפמערקזאמ־קייט פון די מיידלאך אין שמואל איטשעס שטיבעל און זיי האבען אוועקגעווארפען זייער טאנצען און געשטעלט זיך אין פענסטער און צוגעקוקט זיך. הענאך האט אין זייער זייט ניט געקוקט, נאר ער האט געוואוסט, אז ער האט א פובליקום און ער האט מעהר כח און ענערגיע אריינגעגעבען אין זיין ראנגלען און בארוקען זיך, און ער איז געווען אויף'ן זיבעטען הימעל, ווען ער האט זיין געגנער אומגעווארפען און דערביי האט זיך דערהערט א געלעכטער פון פענסטער, וואו די מיידלאך זיינען געשטאנען.

— צו־יושעט זיך אין א מקום קדוש! — האט הענאך דער־הערט דעם שמש'ס קול.

די גאנצע שכרות איז פלוצים ווי מיט דער האנט אוועקגע־נומען געווארען. הענאך און זיינע צוויי חברים האבען זיך גלייך אויסגעניכטערט. זיי האבען איצט אלע שווער געסאפעט און קוים געקענט שטעהן אויף די פיס. די ווייכע, לאסטשענדע שטראלען זיינען דערווייל פערשוואונדען און די פריזמעס פון דעם הענג־לייכטער האבען פערלארען דעם וואונדערבארען געמיש פון די רייכסטע קאלירען און האבען ווידער אויסגעזעהן ניט מעהר ווי געשליפען גלאז.

הענאך האט אווארף געטהאן א בליק צום פענסטער פון שמואל איטשעס שטיבעל. דארטען איז געשטאנען איטקע אין איהרע אלע דריי גארענס, און הענאך'ן האט אויסגעוויזען, אז זי איז איצט נאך מאוס'ער ווי אלע מאל..